STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00791

DI YIDISHE PROZE IN POYLN

Yehiel Yeshaia Trunk

Permanent preservation of this book was made possible by
Fredda Weiss & Richard Masur
in memory of
Ben G. Weiss

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. י. טרונק

יידישע פּראָזע אין פּוילן

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

52

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:

אברהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

י. י. טרונק

די יידישע פּראָזע אין פּוילן

אין דער תקופה צווישןביידע וועלט-מלחמות

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע
בוענאָס איירעס 1949

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by
I. I. TRUNK, New York

I. I. Trunk

DI IDISZE PROZE IN POILN

(La literatura judía en Polonia)

BUENOS AIRES 1949

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
Industria Argentina

מיין פרוי און חבר

חנהן —

לזכרון.

ו.

די יידישע ליטעראטור געהער צו די יעניקע ליטעראטורן, וואָס די טענדענצן פון זייער ווייטערדיקער אנטוויקלונג ליגן באהאלטן אין די סאמע קוואלן פון זייער אנטשטייאונג. איך מיין נישט אין זין פון דער יידישער ליטעראטור־געשיכטע, ד. ה., אז שוין אין מאָרגן־גרוי פון דער יידישער ליטעראטור האָט מען געקאָנט פאָראויס זאָגן די טענדענצן פון אירע ווייטערע וועגן. אנטשטייאונג מיינט: בעת עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן די ערשטע באדייטנדיקע ווערק פון א רייפן קינסטלערישן ווערט: ווען די יידישע ליטעראטור האָט אָנגעהויבן ארויסצווייזן דאָס באוווּסטזיין פון איר היסטאָריש־קינסטלערישן יש און זי האָט באקומען איר היסטאָרישן מהות, איר היסטאָרישע ווערטהאפטיקייט.

די יידישע ליטעראטור איז אויפגעקומען פון די אונטערשטע פאָלקס־טיפענישן. זי איז אנטשטאנען — אויב מען קאָן אזוי זאָגן — ווי דער „בונטארישער" נעבן־קוואל פון אן אלטער טראדיציאָנעלער ליטעראטור אויף העברעאיש. די העברעאישע ליטעראטור האָט געצויגן איר פאָדים זינט א טויזנט־יאָריקער תקופה. די העברעאישע ליטעראטור איז געווען די טראדיציאָנעלע קאָנטינואיטעט פון א שפּראך, וואָס האָט אין זיך גע־טראָגן אלע שפּורן און אלע ריחות פון א לעבן און פון א פארגאנגענהייט, קנאפּ ענלעכען צו דעם לעבן, וואָס די יידישע פאָלקס־מאסן האָבן געלעבט אין דערווירקלעכקייט. די העברעאישע שפּראך, אין וועלכער מען האָט איינגעוויקלט די בילדער פון דער יידישער ווירקלעכקייט, האָט אין זיך גע־האט די אראָמאטן און די שפּראך־קלאנגען פון אן אנדערער און אלטער ביבלישער ווירקלעכקייט. אָט אָ די ענלעכקייט — אין דער שפּראך ווייַ־ניקסטנס — מיט די יוגנט־תקופות פונעם יידישן פאָלק האָט שוין ממילא אין זיך געטראָגן די גרויסע היסטאָרישע טרייסט, דעם יחוס־בריוו אין דער

נעפּאַלנקייט, און די האָפענונג אויף אַן אויסוועג פון אַלע נויטן. העבּרעאיש האָט געשמעקט מיט אַ שטיק לעבעדיק ארץ ישראל. דערצו איז די העב־רעאישע שפּראַך געווען אַ שפּראַך פון אַן אַלטער קולטור. ווי ביטער און אָרים די יידישע ווירקלעכקייט זאָל נישט האָבן געווען — מ'האָט זיך באַמיט זי צו פאַרגעסן אין די דופטן פון די רויזן פון שרון און אין דעם גערויש פון די צעדערן אויפן לבנון. אברהם מאַפּו האָט אין דער העב־רעאישער שפּראַך אויפגעדעקט אַלע שיינקייטן פון דעם אַלטן אידילישן נאַטור־לעבן אין דער ביבל. אין דער דאָזיקער אויסגעאַרבעטער קולטור־שפּראַך האָבן די משכּילים געפּרעדיקט וועגן די הויכע ווערטיקייטן פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע. מיט די צויבער־שפּיגלען פון אַן אַנטיקער יידישער שפּראַך האָט מען געוואָלט פאַרשטעלן די שוואַרצע און ביטערע פרעג־צייכנס פון אַ היינטצייטיקער יידישער עקזיסטענץ.

די וואָס האָבן אָנגעהויבן צו שרייבן אויף יידיש האָבן נישט מער געהאַט. ווי דאָס נאַקעטע יידישע לעבן. זיי זענען געקומען צום פּראָסטן, יידישן פאָלק, פאַר וועמען די גן־עדנס פון העבּרעאיש זענען געווען פאַר־שלאָסן אויף זיבן שלעסער. זיי זענען געקומען צו אָרימע פאַרהאָרעוועטע מאַמעס, וואָס האָבן נישט מער געקאָנט ווי עברי־טייטש און צו די יידישע מיידלעך, וואָס האָבן אין די פאַרחושכטע שטעטלעך געטרוימט וועגן פּרינצן און גראַפן. עס זענען געווען יידישע שרייבער אָן די שיינע קאַפּאָטעס פון תנ"ך. יידיש — די שפּראַך אויף וועלכער זיי האָבן אָנגעהויבן שרייבן האָט אויך קיין שום אילוזיעס נישט געהאַט. יידיש איז געווען פּונקט אַזוי נאַקעט, פּונקט אַזוי ווירקלעך און פּונקט אַזוי אָרים ווי די יידישע ווירקלעכקייט. יידיש — דאָס איז געווען דער קלאַנג און די וועלט־פאַרשטעלונג פון דער דאָזיקער אָרימער און אויסוועגלאָזער יידישער ווירקלעכקייט. ווי קאָן זיין אַ שעפערישע שפּראַך אָן אילוזיעס און אָן אַ טיפן פריידיקן גלויבן אין איר? אַ לעבן האָט קיין ווערט נישט אָן אַן אילוזיע וועגן זיך אַליין, אָן אַ האָפע־נונג אויף ווייטערע דערגרייכונגען, אָן בענקשאַפטן און אָן שיינקייטן. אויך קיין שפּראַך האָט קיין ווערט נישט, ווען זי פאַרמאָגט נישט די אַלע אַטריבוטן פון מענטשלעכן גייסט. פאַר דער יידישער שפּראַך האָט מען געמוזט שאַפן אַלע אילוזיעס, אַלע האָפענונגען און אַלע שיינקייטן, וועלכע מ'האָט געוואָלט ברענגען פאַר דער יידישער ווירקלעכקייט.

.2

מענדעלע מוכר ספרים האָט מיט לאַקאָנישער איראָניע באַצייכנט די ייִדישע ווירקלעכקייט ווי א „יידישע טאָרבע”. מען האָט געדאַרפט פאַרמאָגן א סך פּערזענלעך געמיט, ווילן און פאַנטאַזיע כדי צו וועלן גלויבן, אַז טיף אין דער דאָזיקער „יידישער טאָרבע” ליגן באַהאַלטן אוצרות פון גייסטיקער מענטשלעכער רייכקייט. נאָך מער: דער גרויסער י. ל. פּרץ האָט געוואָלט באַווייזן, אַז עס ליגן דאָרט אין דער „יידישער טאָרבע” עלעמענטן פון דערהויבנסטער וועלט־דערלייזערישקייט, אַז דער וועלט־משיח ליגט גאָר באַהאַלטן אין דער „יידישער טאָרבע”. פּרץ האָט אויסגערופן די הייליקע שבתדיקייט פון דער יידישער וואָך. פּרצעס אידעאישע איינפלוסן האָבן אָנגעהויבן ווי וווּנדערלעכע ליכטיקייטן פּאַמעלעך אַרויסצושיינען פון דער יידישער ליטעראַטור. אין דער יידישער ליטעראַטור האָט אָנגעהויבן צו אַנשטיין דאָס מערקווירדיקע, ראָמאַנטישע און אידעאַליסטישע באַוווּסטזיין פון דער ווערטיקייט פון דער הייִנטצייטיקער יידישער עקזיסטענץ. מען מוז געדענקען — און דאָ איז ווידער מענדעלע דער בעסטער באַווייז—: פאַר אַ יידישן קינסטלער וואָס האָט זיך שיקזאַלהאַפטיק צוגערירט צו דער „יידישער טאָרבע”, איז זיין ערשטער איינדרוק געווען (דאָס איז פּסיכאָלאָגיש באַרעכטיקט) אַ גרויסער ווידערווילן צו דער דאָזיקער אָרימער און טראַגיש־באָדנלאָזער יידישער ווירקלעכקייט. דער יידישער שרייבער האָט זיך צו זיך אַליין באַצויגן מיט ביטול. ער שרייבט זשאַרגאָן, וואָס וועט ער דאָ דערגרייכן? אַזאַ באַציאונג צו זיין אייגענער שאַפערישער טאַט מוז יעדן קינסטלער טיף פאַרביטערן. די העברעאישע פעדער, ווען אפילו זי האָט געשריבן מאָטיוון פון יידישער קעגנוואַרטיקייט, האָט זי דאָך אין זיך מיטגעטראָגן די שיינע ריחות פון נאַטירלעכע פאַרגאַנגענהייטן און פון קולטור. דער וואָס האָט געשריבן אויף דער שפּראַך

פון דער „יידישער טאַרבע" האָט אויך אין דער שפּראַך, אין יידיש, גע־מוזט פּילן דעם גאַנצן ריח פון דער „יידישער טאַרבע". און דער פיינשמע־קער האָט פאַרצויגן די נאָז. י. ל. פּרץ, דער וואָס האָט שפּעטער די יידישע ווירקלעכקייט אויפגעהויבן איבער אַלע הימלען און אין דער דאָזיקער דערהויבונג אויך דערהויבן די יידישע שפּראַך פון איר שפלות, און אין איר, אין יידיש, אויפגעדעקט אַלע וווּנדערלעכע שיינקייטן און איידלקייטן פון דער יידישער עקזיסטענץ — אויך ער, פּרץ, האָט אַמאָל געזאָגט, אַז „יידיש האָט פאַר ליבע, פאַר געפיל קיין ווארים וואָרט, קיין סטיל" און אַז עס שמעקט פון יידיש מיט „גענדזן שמאַלץ". דאָס הייסט, אַז יידיש איז אַן ענין פאַר גראָבע מינדערוויכטיקע נפשות. אויב פּרץ האָט אַזוי געזאָגט, וואָס האָבן נאָך געזאָלט טענהן סיי וועגן יידיש לעבן, סיי וועגן יידישער שפּראַך אַזעלכע בייסיקע און פאַרביטערטע סאַטיריקער ווי מענדעלע און לינעצקי? פאַר דער נאַקעטער יידישער ווירקלעכקייט האָבן זיי מער נישט געהאַט סיידן ווי די בייטשן פון סאַטירע. אין דעם געלן און שאַרפן ליכט פון מענדעלען איז די יידישע ווירקלעכקייט אַרויסגעקומען נאָך באַדנלאָ־זער, נאָך האָפענונגסלאָזער, נאָך אויסזיכטסלאָזער.

דאָס זעלבע איז געשען בנוגע דער יידישער שפּראַך. פון דער יידי־שער שפּראַך און פון איר סטיל האָבן זיך די ערשטע יידישע שריפטשטע־לער, — איבערהויפּט מענדעלע, — באַמיט אַרויסצובאַקומען די קאַנטיקע האַרטקייטן פון אַ ליבלאָזער עקזיסטענץ. דאָס וואָס פּרץ האָט געזאָגט וועגן יידיש (אין „מאַניש"), האָבן זיך די סאַטירישע יידישע שריפטשטעלער נישט געקווענקלט צו באַווייזן אין די שפּראַך־קלאַנגען און אין די סטיל־פאָרמען פון יידיש. דאָס שטעכנדיקע און ביטערע געמיט פון אַ קאַלטער, ליבלאָזער אָרימקייט איז פאַר זיי געלעגן אין די קאַנטיקע סטיל־פאָרמען פון יידיש, אין דעם געפּעפּערטן „גענדזן־שמאַלץ", ווי מ'האָט אָנגערופן די יידישע פאָלקס־זאַפטן פון דער יידישער שפּראַך. אין דעם קליגלען און פּלפּולען זיך פון מענדעלעס יידישע שפּראַך־פאָרמען האָט געשטעקט די פולע איראָניע פון אַ גרויס מינדערוועלטיקייט־געפיל פאַר יידן בכלל. שפּעטער, אַסך שפּעטער, האָט פּרץ אין דער שטימפּמוטעריש און סאַטיריש באַהאַנדלטער יידישער ווירקלעכקייט אָנגעהויבן צו געפינען די קוואַלן פון הויכע מענטשלעכע מדרגות. אין דער יידישער באַדנלאָזיקייט, אין וועל־

בער די סאַטיריקער האָבן געזען אַ דעגענערירטע, װעגעטירנדיקע, אױסװאַקסנ־לאָזע און אױסזיכטסלאָזע פּאַראַזיטערע יידישע מאַסע, האָט פּרץ — גאָר! — אָנגעהױבן צו אַנטפּלעקן די אידעאַליסטישע אָנהױבן פון אַ נייער עקזיסטענץ־מדרגה פון דער מענטשהײט. דאָס זײן־אָפּגעריסן פון יעדער באָדנ־האַפטיקײט האָט געהײסן פאַר פּרצן דער גאַנג פון אַ גרױסן װעלט־שבת־יום־טוב. פון דער „יידישער טאָרבע" האָט ליכטיק אָנגעהױבן אַרױסצושײנען די גאָלדענע קײט פון יידישער עקזיסטענץ. איבערקאָמפּענסירנדיקע װערטן האָבן אַרומגענומען די מיקלאָמפּערשטע יידישע מינדערװערטיקײט װי אַ זוניקע גלאָריע־שײן אין די פֿינצטערנישן. אין די דאָזיקע יידישע זון־אױפגאַנגען האָבן אױך פון דער יידישער שפּראַך אָנגעהױבן אַרױסצושײנען די אַלע אינערלעכע ליכטיקײטן, װאָס פּרץ האָט געפונען אין יידישן לעבן. די יידישע שפּראַך איז געװאָרן די שפּראַך פון יידישער דערהױבונג, דאָס נשמה־געפעס װוּ עס איז געפלאָסן דער סובטעלסטער און אײדלסטער ריטם פון יידישן לעבן.

אין די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" — װוּ פּרץ האָט געשילדערט דעם יידישן װעלט־שבת אין דער אָרימער אָן באָדנלאָזער יידישער װירקלעכקײט — האָט די יידישע שפּראַך סינטעטיש זיך צונױפגעגאָסן מיט דעם יידישן עקזיסטענץ־געפיל פון פּרצן. פּרצעס יידיש האָט דאָרט דערגרײכט אַזאַ מדרגה, װאָס קײן יידישער פּראָזאַיקער האָט נאָך נאָך פּרצן ניט דערגרײכט, אין קעגנזאַץ צו פּרצעס אײגענער מײנונג װעגן יידיש (אין „מאָניש") האָט די יידישע פּראָזע אין די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" געהאָט אַלע חנען און לײטזעליקײטן פון די װוּנדערלעכע און אײדעלע מענטשלעכע טיפקײטן, װאָס פּרץ האָט אױסגעפונען אין דער יידישער װירקלעכקײט. צוגלײך מיט דער גאָלדענער קײט פון יידישער עקזיסטענץ האָט פּרץ אױסגעשמידט די גאָלדענע קײט פון דער יידישער שפּראַך.

3.

די דאָזיקע צוויי שטרעמונגען — די סאַטירע פאַר די אָרימע און ווייניק באַדנהאַפטיקע סאָציאַלע דערשיינונגען אין יידישן לעבן, די סאַטירע פאַר יידישער לעבנס־מינדערווערטיקייט, און דער אידעאַליזירטער תוך פון יידישער ווירקלעכקייט — זענען געווען די צוויי גרונט־ליניעס פון דער יידישער ליטעראַטור וויבאַלד נאָר זי האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסצושיילן פון אירע התחלות און גענומען זיך אַנטוויקלען און פונאַנדערבויען. מענדעלעס און פּרצעס השפּעות זענען וויִטער געווען די הויפּט־השפּעות און די וועג־ווייזער פאַר דער יידישער ליטעראַטור. געוויס זענען די דאָזיקע איינפלוסן שטאַרק מאָדיפיצירט געוואָרן און זיי האָבן זיך געענדערט לויט די באַדינגונגען פון דער שפּעטערער צייט און לויט די קינסטלערישע כאַראַקטערן פון די שפּעטער־אויפטרעטנדיקע שריפטשטעלער. די השפּעות פון פּרצן און מענדעלען זענען אַזוי שטאַרק מאָדיפיצירט געוואָרן, אַז מ'האָט שוין ביי א סך פון די שפּעטערע יידישע שריפטשטעלער זייער שוואַך געקאָנט אָנווייזן גראַד אויף מענדעלעס איינפלוסן. אָבער דאָס האָט נאָר געהאַט א שייכות צו די השפּעות פון מענדעלעס סטיל, צו זיין (אומסימפּאַטישן) יידישלעכן נוסח. עס האָט אָבער — אפשר — נישט געהאַט קיין שייכות צום אופן ווי אַזוי מענדעלע האָט אָנגעשטעלט זיין אספּעקט אויפן יידישן לעבן און ווי אַזוי ער איז —אידעאָלאָגיש — צוגעגאַנגען צו די פּראָבלעמען פון יידישער עקזיסטענץ. די נייע יידישע שריפטשטעלער — איך וועל זיי פּרווון אָנרופן די מענדעלעיאַנער — האָבן געגליכן צו מענדעלען דערמיט, וואָס זיי האָבן נישט געוואָלט קאָמפּענסירן די יידישע ווירקלעכקייט מיט קיין שום איבער־ראָמאַנטיק. זיי האָבן פון דעם יידישן לעבן נישט געוואָלט מאַכן קיין סימבאָל פאַר עפּעס אַן איבערווירקלעכקייטס־אידעע. באַגלייך מיט מענדעלען האָבן זיי דאָס יידישע לעבן גענומען אַזוי

ווי עס איז, אַלס לעבנס־דערשיינונג, אַלס לעבנס־יש. זיי האָבן אין דער הארבער יידישער ווירקלעכקייט נישט געוואָלט זען קיין פארביקע פּאַטאַ־מאָרגאַנאַס פון איבער־וועלטן. דער יידישער נאַטוראַליזם, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט י. מ. וויסנבערגן, האָט אינגאַנצן נישט געהאַט מענדעלעס סאַטירישע איראָניע און דעם משכילישן זעלבסט־ביטול. דער מאָדערנער יידישער נאַטוראַליזם האָט זיך גאָר וווילגעפעלן אין דעם לעבן, צו וועלכן מענדעלע האָט זיך באַצויגן סאַטיריש און קריטיש. די יידישע ווירקלעכ־קייט איז אַבסאָלוט נישט קיין „טאַרבע״ און נישט קיין געזעמל פון בטלנים און פּאַראַזיטן. זי איז פּונקט אַזוי פּולבלוטיק און פּונקט אַזוי געזונט ווי יעדע מענטשלעכע ווירקלעכקייט. יידן באַדאַרפן גאָרנישט בעסער צו זיין ווי זיי זענען. יידן זענען פּונקט אַזוי גוט און אַזוי לעבנספול און ווירקלעכ־קייטס־פול ווי אַלע מענטשן. מיט אַ באַזונדערן טעמפּעראַמענט האָט זיך וויסנבערג גענומען שילדערן די נאַטירלעכע געזונטקייט פון יידישן לעבן, אין קעגנזאַץ צו מענדעלען. די פּולבלוטיקייט און די רויקייט פון דער גע־זונטער מענטשלעכער נאַטור האָט וויסנבערגס יידן געוואָלט גלייך מאַכן מיט דער גאַנצער גויאישער ארומיקייט זייערער.

ס׳איז אַ טעות צו מיינען — און דאָס איז געווען וויסנבערגס טעות — אַז הוילע פיזישע געזונטקייט גיט שוין דעם מענטש צי דער געזעלשאַפט די פולע ווערטן פון אַן עקזיסטענץ. דער יידישער נאַטוראַליזם האָט נישט געקענט ענטפערן אויף דער פראַגע וועגן די היסטאָרישע און היסטאָריש־מאָראַלע ווערטן פון יידישער עקזיסטענץ. וואָס וויסנבערג האָט — אַנ־שטאָט מענדעלעס קבצנישע קאַליקעס און קרענקלעכע ווייבערישע יידן — אריינגעפירט אויף די פאָדערגרונטן פון יידישן שאַפן אַ ברוטאַלע המוניש־קייט, מיט דעם האָט ער נאָך מיט גאָרנישט גוט געמאַכט דאָס ביטערע גע־פיל פון מענדעלעס סאַטירע. מיר פייניקן זיך דאָך און מאַטערן זיך אין אונדזער יידישער עקזיסטענץ און מיר לעבן אין אַ וועלט, וואָס איז סוף כל סוף פאַר אונדז אַ גיהנום. וואָס איז דער זין פון דעם שווערן יידישן קרייץ, וואָס מיר טראָגן? דאָס אַלצדינג מוז דאָך האָבן וואָסער נישט איז ווערט־באַרעכטיקונג. וואָס־זשע באַדייטן זיי אין זייער גייסטיקן ווערט, אָט אָ די געזונטע און המונישע יידישע פאַרשוינען? וואָס באַדייטן זיי אויף אַ העכערן מענטשלעכן ניוואָ? וואָס באַדייטן זיי ווי אַ געזעלשאַפט, ווי אַ

קאָלעקטיוו, ווי א נאציע? וואָס איז זייער היסטאָרישער ווערט, זייער היס־טאָרישער כוח? וואָס באַדייטן זיי אין דער געשיכטע? וואָס איז בכלל דער ווערט־מהות פון זייער עקזיסטענץ?

דער וואָגיקסטער יידישער שריפטשטעלער, וואָס איז נאָך פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה אינגאנצן געשטאנען אויף דער אידעאליזירנדיקער פּרצישער ליניע, איז געווען שלום אש.

.4

אין פוילן האָבן מיר געהאט אַן אויסטערלישן און מערקווירדיקן פענאָמען פון ייִדישער באָדנהאפטיקייט — און דאָס איז געווען דאָס שטעטל.

איך ווייס נישט, צי במשך פון דער גאַנצער ייִדישער געשיכטע האָבן מיר געהאט אַן ענלעכן עקזיסטענץ־פענאָמען. אין אַנדערע לענדער מחוץ פוילן האָבן ייִדן געוווינט אין געטאָס איינגעמויערט נעבן גרויסע שטעט. הינטער פאַרשלאָסענע מויערן האָבן ייִדן דאָרט געוווינט אין דעמפיקער טונקלקייט און ענגשאַפט. דאָס שטעטל אין פוילן איז געווען עפּעס ווי אַן אייגנאַרטיקע ייִדישע באָדנהאַפטיקייט אין מיטן דער נישט־ייִדישער וועלט. דאָס ייִדישע שטעטל איז נישט געווען די תפיסה הינטער מויערן, נאָר אַ פרייע אידילישע געוויקס אין די פוילישע פעלדער, לאָנקעס און טייכן. אין שטעטל איז נישט געווען טונקל און טרויעריק. דאָס שטעטל איז געווען באַלויכטן און באַשמעקט מיט דעם ליכט און דופט פון דער פוילישער לאַנדשאַפט. עס איז געווען ווי אַ מין נאַטירלעך שטיק ייִדישקייט צווישן די פוילישע פליינען.

דאָס שטעטל איז אויך געווען סאָציאַל דיפערענצירט ווי אַ קליינע מדינה, און עס האָט געהאַט אירע שטאַנדן און קלאַסן. דאָס פויליש־ייִדישע שטעטל האָט געלעבט הונדערטער יאָרן אַן אייגן ייִדיש לעבן, אַ פולשטענדיק ייִדיש לעבן.

דאָס שטעטל איז אויך געווען כמעט ווי דער איינציקער מאָטיוו, וואָס איז באַהאַנדלט געוואָרן אין דער ייִדישער ליטעראַטור. אין דער ייִדישער ליטעראַטור אין פוילן האָט דאָס שטעטל נאָך נישט אויפגעהערט צו זיין דער קוואַל, פון וואַנען כמעט אַלע ייִדישע שריפטשטעלער שעפּן און האָבן געשעפּט.

דער ערשטער, וואָס איז צום יידישן שטעטל אין פּוילן צוגעגאַנגען, ווי צו איין סינטעטישער גאַנצקייט איז געווען שלום אש.

אש איז צוגעטרעטן צום שטעטל פונעם שטאַנדפּונקט פון פּרצעס אידעאַליזם. דעריבער איז שלום אשס שטעטל אַרויסגעקומען ווי א ירושלים של פּוילן, ווי א יידיש תהילים־געזאַנג אין די פאַרבן און אין די קאָלירן פון דער פּוילישער ערד. דאָס שטעטל איז געווען אויפגעמישט אונטער די פּוילישע הימלען, ווי אַן אַלטער מיט געבעט און טרערן דורכגעווייקטער סידור, ווי א טערקיש טוך פון שרה בת טובים. אויפן שטעטל האָבן גערוט די אייביקע אומעטיקע חנען פון שבתדיקע אָוונטן.

די דאָזיקע מזרחישע ראָמאַנטיק, די אהלי־יעקב אין פּוילן, זענען געווען די הויפּט־טענער פון אשס שטעטל. דאָס אַלצדינג, וואָס עס האָט זיך אַרויסדיפערענצירט אויפן שוים פון דעם דאָזיקן פּאָן, האָט אין זיך געהאַט דעם גאָלדיקן הויך פון איינגעהאַלטענער און שטילער יידישער בענקשאַפט. נישט בלויז די רבנים, די גבירים, די סוחרים, די לומדים און די איידעלע יידן, נאָר אפילו דער יידישער המון אין שטעטל, דאָס „קוילער־געסל", איז געווען א בלאַט פון דעם דאָזיקן אידעאַליסטישן סידור.

5.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן צווישן די יידן אין פּוילן אַן אומגעווענלעכע אויפלעבונג. דער רענעסאַנס איז אָנגעגאַנגען אויף אַלע געביטן פון פּויליש־יידישן לעבן. ס'האָט געהייסן: די פאַרגאַנגענע מלחמה איז שוין מכלומרשט די לעצטע מלחמה אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט און ס'הויבט זיך אָן די ענדגילטיקע עפּאָכע פון פּערזענלעכע און נאַציאָנאַלע פרייהייטן. איבערהויפּט זענען די נאַציאָנאַלע פרייהייטן און די נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייטן פון אַלע פעלקער געשטאַנען אין די פּערספּעקטיוון פון דער נייער צייט באַלד נאָך דער וועלט־מלחמה.

די יידישע באַפעלקערונג אין פּוילן, וואָס איז געווען לאַנגע, לאַנגע יאָרן רעכטלאָז אונטער דער צאַרישער מאַכט, האָט זיך אויפגעטרייסלט און געגרייט צו דער נייער תקופה. אַלטע געטער זענען געפאַלן. נייע געטער זענען אויפגעשטאַנען. מיט די דעמאָקראַטישע און פרייהייטלעכע שטרעמונגען האָבן יידן אין פּוילן פאַרבונדן די גרעסטע און די ראָזיקסטע האָפענונגען.

צוזאַמען מיטן אויפבראַוזנדיקן געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן, מיט די יידישע געזעלשאַפטלעכע כוחות, וואָס האָבן זיך פונאַנדערגעבליט, האָט די יידישע ליטעראַטור אין פּוילן אָנגעהויבן זיך שטאַרק צו פונאַנדערוואַקסן.

אין כמות אירן האָט די יידישע ליטעראַטור דערגרייכט אַן אויסערגעוויינלעכן אויפשוווּנג. אין זיינע צייטן האָט י. ל. פּרץ געזאָגט, אז מ'קאָן די גאַנצע יידישע ליטעראַטור אָפּקויפן פאַר הונדערט דאָלאַר. אָבער די צאָל האָט זיך פאַרטאָפּלט און פאַרצענפאַכט אין איר פאַרנעם. עס זענען צוגעקומען פאַרלאַגן און ביכער זענען דערשינען מאַסנווייז. אַ גאַנצע פּלעיאַדע פון נייע יידישע שריפטשטעלער איז אויפגעטרעטן. פונדעסטוועגן

— אין איר תוך האָט זיך די יידישע ליטעראַטור אין פּוילן קנאַפּ געביטן. זי האָט זיך ווייטער געהאַלטן ביי אירע גרונט־ליניעס. הגם שטאַרק פאַר־ענדערט און שטאַרק מאָדיפיצירט, איז זי דאָך געווען פונאַנדערגעטיילט אין די צוויי וועזנטלעכע גרונט־ליניעס: אין דער רעאַל־סאַטירישער די (מענדעליאַנישע) און — אין דער אידעאַליסטיש־פּרצישער.

דער הויפּט־מאָטיוו פון דער יידישער ליטעראַטור אין פּוילן איז במעט ווי פאַרבליבן — דאָס שטעטל.

דאָס שטעטל האָט דורך דער ערשטער וועלט־מלחמה דורכגעמאַכט בלערליי אויפטרייסלונגען. וואָלט מען געקוקט אויף דעם שטעטל דורך דעם ראָמאַנטיש־לירישן אספּעקט פון שלום אש, וואָלט מען עס זיכער נישט דערקענט. עס איז דערשיטערט געוואָרן אין די באַוועגונגען פון דער נייער צייט. אָבער אין אָנבליק פון אַלע דערשיטערונגען איז דאָס שטעטל ווייטער פאַרבליבן אין פּוילן ווי א שטיק סטאַבילע יידישע ווירקלעכקייט. עס האָט דורכגעמאַכט אויסערגעוועגלעכע רעוואָלוציעס, עס איז פאַרענדערט גע־וואָרן אין די אַלע באַוועגונגען פון דער נאָך־מלחמה־צייט — און פאָרט איז דאָס שטעטל ווייטער געווען דער כאַראַקטעריסטישער פונדאַמענט פון דער יידישער ווירקלעכקייט אין פּוילן. כסדר און כסדר איז דאָס שטעטל פאַרבליבן דאָס סימבאָלישע פּאָטערלאַנד פון דער פּוילישער יידישקייט.

דאָס זעלביקע איז געשען מיט דער יידישער ליטעראַטור אין פּוילן. א סך פון די עלטערע יידישע שרייבער האָבן נאָך דער מלחמה פאָרגעזעצט זייער אַרבעט אין דער יידישער ליטעראַטור. ס'איז כאַראַקטעריסטיש: גראָד דער פאָטער פונעם מאָדערנעם יידישן נאַטוראַליזם, י. מ. ווייסנבערג, האָט אָנגעהויבן צו זוכן אַנדערע וועגן אין זיין שאַפן, וועגן וואָס זענען מיט זיינע פריערדיקע נאַטוראַליסטישע ווערק געשטאַנען אין שאַרפסטן ווידערשפּרוך. ווייסנבערגס ווערק נאָך דער מלחמה זענען זיך — גאָר! — פאַרגאַנגען אויף וויזיאָנערישע און מיסטישע דרכים. ווייל די דאָזיקע דרכים זענען געווען טאָטאַל קעגנזעצלעך צו ווייסנבערגס שריפטשטעלע־רישע איינגעשאַפטן, זענען דעריבער זיינע לעצטע ווערק — ווי דראַמאַטישע ווערק אין פערזן און א גרויסער ראָמאַן „אין טיפן אָפּגרונט" — אַרויס־געקומען, ליידער, כאַאָטיש און היפּש ווילדלעך. עס האָט זיך, מן הסתם, גענומען דערפון, וואָס ווייסנבערג האָט זיך — אויפסכח — גענומען זוכן

די העכערע עקזיסטענץ־ספערן, וווּהין זיין נאַטוראַליזם, דער נאַטוראַליזם פון יידישער באַדנלאָזיקייט זאָל האָבן אַן אויסוועג. מענדעלע האָט דעם דאָזיקן אויסוועג, בעסער געזאָגט: די דאָזיקע אויסוועגלאָזיקייט, געפונען אין דער סאַטירע. בנימין איז געווען דער ביטערער גאַלגן־הומאָר אויף דער רעאַלער יידישערווירקלעכקייט. בנימין איז אויך געווען דאָס סאַטירישע פאַרבילד פון דעם טראַגי־קאָמישן מנחם מענדל. עס איז אויסגעקומען, אַז אַלע גרויסע יידישע לעבנס־פּאַרמעסטן — זענען טרויעריקע דאָן־קישאָטיזמען. וויסנבערג האָט זיך מישב געווען און פּלוצלינג פאַרקירעוועט דעם דישל און פאַרפאָרן מיט זיין נאַטוראַליזם אין די טיפענישן פון דעם אומבאַקאַנטן. אַנדערע יידישע שריפטשטעלער, ווי מיר וועלן שפּעטער זען, האָבן עס באַוויזן צו טון מיט מער דערפאָלג. וויסנבערגן האָט געפעלט סיי די מיסטישע פאַנטאַזיע, סיי דער מיסטישער אינטעלעקט אויסצובויען די דאָזיקע קאָסמישע אַטמאָספערע פאַר זיינע פּערסאָנאַזשן. ער האָט זיי פאַרדעקט מיט טויזנטער נעפּלהאַפטע נישט־קלאָרקייטן. דאָס אמת מעטאַפיזישע און מיסטישע איז גראָד זייער קלאָר און פאַרשטענדלעך. אויך וויסנבערגס שפּראַך איז געוואָרן אַ שלעכטע און קאַטישע צוליב די באַדנלאָזע „אָפּגרונטן”, וווּהין ער איז אַ נישט־צוגעגרייטער פאַרקראָכן. די מכלומרשטע „דערהויבנקייט” פון וויסנבערגס לעצטע זאַכנגען קאָן, ליידער, צוגערעכנט ווערן, גיכער, ווי אַ ירידה פון זיין טאַלאַנט, איידער ווי אַן עליה פאַר זיינע פּערסאָנאַזשן.

וואָס שייך וויזיאָנערישקייט, האָבן מיר נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געהאַט אַ וויזיאָנער אין דער פּערזאָן פון יואל מאַסטבוים. יואל מאַסטבוים איז באַלד אויפגעפאַלן סיי מיט דער אויסטערלישקייט פון זיינע מאָטיוון, סיי מיט דער אויסטערלישקייט פון שפּראַך. וואָלט מאַסטבוימס שפּראַך נישט געווען אַזוי פאַרוואָרלאָזט־אויסטערליש, וואָלטן דאַן די אויסטערלישקייטן פון די מאָטיוון געווען אַ סך אינטערעסאַנטער. מאַסטבוימס נאָוועלע „פּערעלעס חלום־יאָרן” האָט נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער יידישער קריטיק. נאָך דער מלחמה איז מאַסטבוים געוואָרן נאָך פרוכטבאַרער. ער איז ווייטער פאַרבליבן ביי זיינע אייגנשאַפטן, ד. ה., ביי זיינע ביידע אויסטערלישקייטן, — שפּראַך און מאָטיוון־אויסטערלישקייט.

דאָס וויזיאָנעד־ישע — און דאָס איז זיין גרעסטע אייגנשאַפט — איז ביי מאַסטבוימען נאָך גאָר רוי און גאָר ווייט נישט געפאָרמט. מאַסטבוימס טאַלאַנט מישט זיך אויס אין איין כאַאָס מיט זיין שפּראַך און סע שמעקט היפשלעך מיט קאַקאָפאָניע. איך באַנוץ זיך מיט א מוזיקאַלישן טערמין, ווייל מאַסטבוים האָט די אַמביציע צו גלויבן, אַז זיינע ווערק האָבן מער צו טון מיט מוזיקאַלישע שאַפונגען איידער ווי מיט די שאַפונגען פון ליטע־ראַטור, און אַז ער קאָמפּאָנירט זיינע ווערק לויט די כללים פון מוזיק. מעגלעך. איך קאָן דאָ, ליידער, גאָרנישט אַריינרעדן, ווייל איך בין נישט קיין גרויסער מאַדים אויף מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס. איך גלויב, אַז מאַסטבוימען וועט מען נאָך געהעריק אָפּשאַצן, און טון וועלן עס, מן הסתם, מענטשן וואָס האָבן א געשמאַק פאַר אַזעלכע כאַאָטישע קינסטלער. צו מיין טיפסטן באַדויערן געהער איך נישט צו די דאָזיקע מענטשן און מיר איז ווירקלעך שווער צו שרייבן סיי פון מאַסטבוימס ווערטפולע, סיי פון מאַסט־בוימס ווערטלאָזע אייגנשאַפטן. א טייל יידישע קריטיקער האָבן אויפן חשבון פון מאַסטבוימס מעלות צוגערעכנט געמלעך דאָס, וואָס אים איז פרעמד יעדע ליטעראַרישע השפּעה, און ער האָט זיך, אַזוי צו זאָגן, פון קיינעם נישט געלאָזט באַאיינפלוסן. איך מיין, אַז מ׳קאָן די דאָזיקע מעלות גיכער צורעכענען צו מאַסטבוימס חסרונות. פרעמדע איינפלוסן וואָלטן אפשר געצוימט זיין כאַאָטישן און וויזיאָנערישן אימפּעט. מאַסטבוים וואָלט דערפון געוווּנען און גיכער געפונען פאָרם פאַר זיין אינערלעכן כאַאָס. עס וואָלט אים זיכער צונוץ געקומען און ער וואָלט געקריגן בעסערע מעג־לעכקייטן אויף אויסצוּוואַקסן. מאַסטבוימס גרעסטע ווערק, לויטן פאַרנעם — „דריי דורות" — איז א פּרוּוו צו שילדערן די לעצטע תקופות פון יידישן לעבן אין פּוילן. וועגן דער הויפּט־פיגור פון דעם ראָמאַן, מאַריטאַ, זאָגט מאַסטבוים: „מאַריטאַ איז לויט דעם פאַרפאַסערס פּלאַן, נישט קיין איינצי־קע, אינדיווידועלע פּערזאָן, נאָר די פּערזאָניפיצירונג פון אַן אַלגעמיינער אידעע, אָדער ריכטיקער פון א היסטאָרישן פּראָצעס, וועלכן עס האָט דורכ־געמאַכט אין דער לעצטער תקופה די קאָלעקטיווע יידישע פּערזענלעכקייט, דער יידישער שאַפונגס־גייסט, די יידישע רעליגיע, די יידישע קולטור". זייער א פאַרנעמער פּלאַן, נאָר ער נויטיקט זיך גראָד אין א סך ליטעראַרישער און

קולטורעלער ערודיציע. ס'שאט נישט, דאָ וואָלט זיכער מאסטבוימען די באַ־קאַנטשאַפט מיט דער וועלט־ליטעראַטור צונוץ געקומען.

כדי צו געבן דעם לייענער א שטיקל באַגריף וועגן מאסטבוימס שרייבן, וועל איך ציטירן דעם אריינפיר צו דעם ערשטן טייל פון די „דריי דורות". דער ערשטער טייל הייסט „מאַריטאַס גליק, — אין דער אידיליען־וועלט" און ער הויבט זיך אָן ווי פאָלגנדיק:

„איידער מיר צייכענען אָן די ליניע און איבערהויפּט דעם וועג, וואָס פירט צום לאַנד פון אונדזערע העלדן, מוזן מיר פריער פאַר־בלאָנדזשען אין א וועג א וואַלדיקן, וואָס זיין לופט אין דער פרי שמעקט מיט עפּעס בלומיקעס, קאָרנדיקס און אָנגענעמס פון וואַסער. נאָר בייטאָג, ווען די הייסע זון שטעלט זיך אין דער מיט הימל, שפּירט זיך אין דער לופט א ריח, וואָס דערמאָנט אָן א שלעכטן געמיש פון אייל־פאַרב. די ברעגעס פון דער ערד זענען ליימיקע, די וואַסערלעך פון דער געגנט באַקומען עפּעס א שאַרפע שטאָל־פאַרב, ענלעך צום קלינג פון א מעסער פאַרלאָזט מיט זויערס, זיי שטייען אָן ווינט און קאַלטע צום טרינקען. דער הייסער זאַמד, וואָס הויבט זיך אָן פון ווייט מיט עפּעס א געדיכטן יונגן פייכטן נאָדל־וואַלד, וועלכער דערמאָנט אָן יונגע צעררייצטע וועלף ביינאַכט, ציט זיך אַוועק איבערן שטח מיט קליינע אָפּגעברענטע נאָדל־ביימלעך, איינגעגראָבענע אין דער ערד און גיבן שוין ווייניק האָפענונגען צום וואַקסן. אָ, עס איז נישט קיין אָאַזיס, דאָס איז די נ־ער גאָזשעלניע."

נאָך א פּראָזע:

„עס איז געווען דאָרט א קריסטין דאָדיע, א מרה־שחורהדיקע, צעבראָכן־בריליקע פאַרשווינטע, וואָס די ברודיקייט פון דער געגנט מיט אירע בלאָטעס, קאַלוזשעס האָט זי געריצט ווי דער נעכטיקער שניי. אָבער אויף דער ציכטיקייט פון די האַנטוכער, וואָס האָבן אָפּגעווישט די הענט פון ר' מאָטיעס טאָכטער, דערויף האָט זי יאָ אַן אויג אָנגעשטעלט. עס איז דאָרט פון דורות ארומגעגאַנגען א חצי־באַהעלפער, חצי־רבי מיטן נאָמען יאַלעשקע, וואָס האָט פון אייביק־

אָן פאַרלאָזט זיינע צוויי צענגילדנדיקע מיידלעך, אָבער די אותיות פון אלף־בית פאַר ר׳ מאָטיעס טאָכטער האָט ער יאָ געהיט. אָט די גאַנצע גאַלעריע פאַרשווינען האָבן זיך פאַר איר געבוירן געהאַלטן אין שטוב אַנגעוואָרפן דאָ און דאָרט, ווי פאַסאַזשירן פאַר אַ גרויסע גליקלעכע רייזע. יעדע נאַכט איז עמיץ אַנדערש אויסגעקומען אויפן צוקאָפּנס פון דער מעוברת און יעדע נאַכט איז עמיץ אַנדערש אויס־געקומען מיט די הענט, מיט עפּעס אַ מאָדנע געוויין „קום! קום!„

פון די שרייבערס פון פאַר דער ערשטער מלחמה דאַרף אויך צוגע־רעכנט ווערן שלמה גילבערט. גילבערטס ערשטע נאָוועלן זענען געווען שטאַרק באַאיינפלוסט פון אַשן. זיי זענען נאָר נישט געווען אַזוי יידישלעך באַהויכט ווי אַשס נאָוועלן. אין דער צייכענונג איז גילבערט אַ סך קנאַפּער און מער רעאַליסטיש ווי אַש. גילבערט האָט אויך אַריינגעברענגט אין דער יידישער ליטעראַטור דאָס פּוילישע דאָרף. דאָס פּוילישע דאָרף אַזוי ווי עס איז, און נישט ווי אַ דעקאָראַטיווער הינטערגרונט פאַרן שטעטל. ביי אַשן זענען די פּוילישע דערפער געווען בלויז דעקאָראַטיווע לאַנדשאַפטן פאַר די טראַדיציאָנעלע יידישע דאָרפס־גייער, וואָס האָבן יעדן זונטיק פרי אַרויסגעוואַנדערט פון שטעטל אין די פּויערישע דערפער אַריין, און יעדן פרייטיק אַהיימגעקומען צוריק אין שטעטל אויף שבת. יענע יידישע דאָרפס־גייער האָבן אין זייערע זעקלעך מיטגעטראָגן דאָס יידישע שטעטל איבער די פּוילישע לאַנדשאַפטן און אויסגעמישט די שטילע ניגונים פון בית־המדרשדיקן תהילים מיט די ווינטן פון די פּוילישע וועלדער. גילבערט האָט געגעבן דאָס דאָרף אַזוי ווי עס איז אין ריינער פּוילישקייט אָן די יידישע און אַשישע סענטימענטן. גילבערטס נאָוועלע „פּיעטרעק" איז געווען אַ נייער טאָן אין דער יידישער ליטעראַטור.

שפּעטער נאָך דער מלחמה האָט גילבערט ווייניקער געשריבן. ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין יידיש־אַסקעטישע מאָטיוון ווי „שבתי־מח". גילבערט אַליין, פערזענלעך, האָט זיך אָנגעהויבן אָפּצוגעבן מיט אָקולטיזם. ווי עס איז צו מיר דערגאַנגען, האָט מען אין די אָקולטיסטישע און ספּיר־טיסטישע ספערן פון גילבערטן געהאַלטן אַ שלל, און ער איז געוואָרן

דאָרט עפּעס אזוינס ווי א „גרויס־מייסטער". יעדנפאלס — די גייסטער האָבן אים פאמעלעך אוועקגענומען פון דער ליטעראַטור.

נאָך דער מלחמה האָבן זיך נאָך א סך פון די עלטערע יידישע שרייבער פונאנדערגעוואקסן און זיך ווייטער אנטוויקלט אין די נייע באדינגונגען פון יידישן לעבן אין פּוילן. פון אָט־אָ די שרייבער וועט מיר אויסקומען צו רעדן שפּעטער.

דערוויל וויל איך דערמאָנען עטלעכע פון די נייע נאָך־מלחמהדיקע יידישע שריפטשטעלער.

.6

ה. ל. זשיטניצקי איז איינער פון די ערשטע פון דער נאָך־מלחמה פּלעיאַדע פון יונגע יידישע שרייבער אין פּוילן.

זשיטניצקיס הויפּט־מאָטיוו איז ווייטער פאַרבליבן דאָס שטעטל. „דעם זיידנס הייזל" זענען שטעטל־בילדער, געזען פון אן אנדערן אַספּעקט ווי שלום אַש. הגם אין זיי ליגט די אַלטע אַשישע ראָמאַנטיק זענען זיי דאָך וואָכעדיקער. די ראָמאַנטישקייט פון זשיטניצקיס העלדן ליגט נישט — אַ שטייגער ווי ביי אַשן — אין דער אַבסטראַקטער יידישער געמיטס־שטימונג, ווו זאַכן און מענטשן לעבן, נאָר ווי די אייגנאַרטיקע רעקוויזיטן פון דער דאָזיקער שטימונג. זשיטניצקי מאָלט גיכער די יידישע אַלט־פּאָטערישע היימישקייט פון שטעטל אָן שום העכערע געפילס־ קאָמפּענ־סאַציעס. דאָס שטעטל קומט ביי אים פאָר ווי אַ געזעמל פון אַלטע רחבות־דיקע מעבל־שטיקער. עפּעס ווי אַ יידישער נאַטור־מאָרט. די הויפּט־מאָטיוון זענען דאָרט דאָס אַלטע יידישע משפחה־געפיל, וואָס איז דורך לאַנגע דורות אויפגעכאָוועט געוואָרן אויף דער פּוילישער ערד. הגם זשיטניצקי איז ערשט אריינגעקומען אין דער יידישער ליטעראַטור נאָך דער מלחמה, זענען אין זיינע ווערק נישט פאַראַן קיין שום שפּורן פון די נייע אויפטרייסלונגען. ער בויט צוריק אויף דאָס אַלטע היימישע און פּשוטע משפּחה־לעבן אין שטעטל. זיינע ליבלינגס־טעמעס זענען צו מאָלן די מעבל־שטיקער אינעם זיידנס הייזל, מעבל־שטיקער וואָס טראָגן אין זיך דעם ריח און דעם חן פון לאַנג־איינגעזעסענע און איינגעלעבטע יידישע דורות. אין אַ באַזונדער קאַפּיטל אין „זיידנס הייזל" באַשרייבט זשיטניצקי די קופּערנע טעפּ, ראָנדלען און פאַנען וואָס הענגען ביים זיידן אין הייזל פון כמה וכמה דורות און זיי גיבן אָפּ די אַטמאָספער פון אַן אַלטער יידישער טראַדיציע אין פּוילן. מיט זיין שיינקייט און אָריגינאַליטעט געהער אָט־אָ דאָס קאַפּיטל צו די בעסטע זשאַנר־בילדער אין דער יידישער ליטעראַטור.

די יידישע איינגעזעסנקייט אין פּוילן איז אָבער פאַר זשיטניצקין ניט בלויז אַן ענין פון דער דעקאָראַציע און דראַפּעריע פון שטעטל. ס'איז נאָך עפּעס. און נאָך א סך. הינטער די ווענט פון זיידנס הייזל וואַרט תמיד דער אומהיימלעכער שיקזאַל פונעם מענטש. וויפל דורות זענען דאָ אוועקגעשטאָרבן אין זיידנס הייזל, און דער טויט ברענגט מיט זיך דעם שיקזאַל. אין זשיטניצקים ווערק איז דאָס לעבן שטיל, ליב און היימישלעך. אָבער דער טויט און דער מענטשלעכער גורל שפּילן די ראָל פון דעם אומ־היימלעכן אין דער היימישלעכער טראַדיציע. קיינער קאָן נישט אנטרונען ווערן פון דעם אייביקן געזעץ אין דער היימישלעכער אטמאָספערע און אין דער משפּחה־אידיליע, הינטער דער קייט פון די מענטשלעכע דורות. וואַרט א קאָסמישע אומהיימלעכקייט. זי פירט מיטן מענטש איר אייגענעם חשבון. זשיטניצקי באַווייזט צו פאַרפלעכטן אָט־אָ די אויבנאויפיקע רו־איקייט פון מענטשנס לעבנסשטייגער מיט דעם באַהאַלטענעם און גרוי־זאַמען הויך פון גורל.

אַזוי האָט זשיטניצקי אַריינגעפירט אין דעם זוניקן שטעטל די טיפסטע און טונקלסטע מענטשלעכע אנונגען וועגן דעם סוף פון אַלעם און אַלצדינג, און וועגן דער קאָסמישער באַשטימונג פון מענטש. איז נישט הכל הבל? זשיטניצקי האָט דאָס שטעטל צוגעפירט צו דעם טראַגישן און אומבאַקאַנטן גורל־געפיל אין דער פּערזענלעכקייט פון יעדן מענטש, און צו דעם אומבאַקאַנטן גורל־געפיל וואָס פאַרבינדט יעדן מענטש מיט זיינע מיטמענטשן.

אין זיין שפּראַך איז זשיטניצקי פּונקט ווי אין זיינע שילדערונגען קנאַפּ און באַחנט. ער האָט מאָס און טאַקט אין זיין שרייבן. זיין זאַץ האָט נישט די פאַרביקע זאַפטיקייט פון אַש, אָבער אינעם ריטם און אין דער צייכענונג איז זשיטניצקים זאַץ זייער מאַלעריש און האָט אין זיך די דים־קרעטע שטילע וואַרימקייט פון פּוילישן יידיש.

„יענעם שיינעם שבת נאָכמיטאָג האָט ער זיך גענומען א קישן, א ספר אַריינצוקוקן, און איז געגאַנגען זיך צולעהנען (ספּעציפיש פּויליש־יידיש) אביסל אונטער א בוים אין גערטנדל, וואָס איז געווען נעבן דעם הייזל, וווּ ער האָט געוווינט. ער איז מיט תענוג איינגע־דרעמלט און דאָס ספר איז געבליבן ליגן אָפן אין גראָז. אַרום און

ארום האָבן געוואקסן בלומען אין שאָטן פון בוימער, אינעם גלאַנץ פון דער זון. גאָלדע איז לאַנג געזעסן אין שטוב און געלייענט צאינה־וראינה. דערנאָך האָט זי גענומען א קינד און ארויסגעשיקט דעם פאָטער אין גערטנדל אריין אויסגעקאָכטע קארשן אויף שבת־אויבס".

טיילמאָל פאלט זשיטניצקים פּראָזע אפילו אריין אין דעם וואָכעדיקן טאָן פון צייטונגס־כראָניק, אָבער אין גרויסן און גאנצן פארבלייבט זי אויף דער הויך פון איר ווארים געמיט. אין זיינע ספּעציפישע שיקזאַל־נאָוועלן ווי אין א „גורל פון א הויז" באקומט אָפּט זשיטניצקים שפּראך די שאָטן־האפטע טונקלקייט פון די נישט פּאָראויסגעזעענע אנונגען, זי ווערט פינצ־טערלעך אין איר טאָן. און דאָס געהערט גראָד צו די מעלות פון זשיטניצקים פּראָזע. די שפּראך פון גוטע שריפטשטעלער איז תמיד דאָס שפּיגל־בילד פון דעם כאראקטער פון די פּערזאָנען און פון די געשעענישן.

איך וויל נאָך דערמאָנען זשיטניצקים א קינדער־נאָוועלע „משהלע". זי איז זייער א געראָטענע און קען פּאררעכנט ווערן פאר איינער פון די בעסטע קינדער־נאָוועלן אין דער יידישער ליטעראַטור. איך וויל אומישנע ציטירן ווי אזוי זשיטניצקי מאָלט דאָרט דעם פּאָרטרעט פון א יידיש יינגעלע אין פּוילישן שטעטל:

„משהלע האָט געטראָגן א רונדיק סאמעט היטל, ווייסע לייוונטענע הויזלעך און פון אויבן א ציצית־ כנפותל, וואָס איז שטענדיק געווען פארשמירט פון פּוטער און פון צוקערלעך. אויף די פיס האָט ער געהאט ווייסע לעטשלעך, וואָס האָבן זיך אים נאָכגעשלעפּט ביים גיין. הינטערן ציצית־כנפותל האָט ער געטראָגן אויף א רויט בענדל א זעקעלע מיט א גראָשן און מיט א פעפערל. אויפן האלדז האָט ער שטענדיק געהאט, זומער און ווינטער, א טיכל, וואָס איז אים געווען ארונטערגעבונדן הינטער די אָרימס און פארקניפּט אויפן רוקן. דאָס אלץ האָט געהייסן איינער א גוטער ייד, אלס סגולה אויף לעבן און געזונט זיין. וואָרום דער רבי (דער מלמד) האָט נישט גע־האט קיין הצלחה צו די קינדערלעך. די, וואָס זענען געווען פאר משהלען, האָבן זיך בשום אופן נישט געקאָנט דערציען: זיי זענען איינגעשלאָפן אין די וויגן, ווי די הינדעלעך, אויסגעגאנגען ווי צי־טערדיקע ליכטלעך".

.7

ז. סעגאלאָוויטש איז שוין פאַר דער ערשטער מלחמה באַקאַנט געווען ווי אַ לירישער דיכטער. זיין פּאָעמע „אין קאַזשמיעזש" האָט זיך קונה־שם געווען נאָך פאַר דער ערשטער מלחמה. נאָך דער מלחמה האָט סעגאַלאָוויטש אָנגעהויבן שרייבן על פּי רוב פּראָזע און ער איז געוואָרן אַ ראָמאַניסט. אויך אין זיינע ראָמאַנען איז סעגאַלאָוויטש פאַרבליבן אין זיין לירישן און אין זיין איכישן מהות, ד. ה., די פראַגן און די פּראָבלעמען פון זיין פּערזענלעכן לעבן האָט ער אומעטום אין זיינע ווערק אריינגעשטעלט — ווי די הויפּט־פּראָבלעמען און פראַגן פון דער וועלט. דאָס וואָלט געווען גאָר אַ גרויסע מעלה, ווען די פּערזענלעכקייט סעגאַלאָוויטשעס וואָלט געווען קאָמפּליצירטער און פאַרטיפטער. יעדנפאַלס — ער אליין, ז. סעגאַלאָוויטש, איז איינער פון די הויפּט־פּערסאָנאַזשן אין זיינע ווערק. די געשעענישן אין סעגאַלאָוויטשעס ראָמאַנען דרייען זיך כמעט אויסשליסלעך ארום סעגאַלאָוויטשעס פּערזענלעכע חשבונות מיט דער וועלט. די טראַגעדיע פון דער וועלט איז אין גרויסן און גאַנצן גענומען נישט מער ווי די טראַגעדיע פון זיין, סעגאַלאָוויטשעס, פּערזענלעכן לעבן. דעריבער — און דאָס איז אַ פּאָזיטיווע אייגנשאַפט — סעגאַלאָוויטשעס פּראָזע שמעקט ערטערווייז מיט שטיקלעך פון אַ ליד. אויף די גרויסע לייוונטן פון זיינע ראָמאַנען איז ער פאַרבליבן דער פאַרביטערטער זינגער פון זיינע אייגענע נויטן, אָדער, ווי סעגאַלאָוויטש רופט זיך אליין אָן, דער אייביק איינזאַמער.

סעגאַלאָוויטש איז אַ מאָראַליסט. אין זיינע ראָמאַנען פּרעדיקט ער אָנשטענדיקייט און גערעכטיקייט, וואָרום אָן אָנשטענדיקע און גערעכטע וועלט וועט אויך צו אים, סעגאַלאָוויטשן, זיין אָנשטענדיק און גערעכט. און דאָס איז ביי סעגאַלאָוויטשן דער עיקר. ווי כמעט ביי יעדן מאָראַליסט זענען סעגאַלאָוויטשעס העלדן פונאַנדערגעטיילט אויף ווייסע און שוואַר־

צע, ד. ה. אויף גוטע און שלעכטע, אויף גערעכטע און אומגערעכטע. אויך אלס מאָראַליסט שטייט סעגאַלאָוויטש מן הצד פון אנדערע יידישע שרייבער. האָראָנטשיק למשל, איז אויך א מאָראַליסט און ער זעט דורכאויס די מענטשן אין שווארץ און אין ווייס. אָבער האָראָנטשיק זעט די קוואלן פון דער פונאַנדערטיילונג פון די כאַראַקטערן. די פּאָזיקע קוואלן הייסן: די סאָציאַלע סטרוקטור און די סאָציאַלע באַדינגונגען פון דער געזעלשאַפט. שווארץ און ווייס דאָס זענען די פּראָדוקטן פון די סאָציאַלע באַדינגונגען. דער מענטש אליין אין זיין וועזן איז א ווייס ליידיק בלאַט, און זיי, די סאָציאַלע באַדינגונגען, דעצידירן וואָסער כאַראַקטער און וואָסער לעבנסליניע עס זאָל אויף אָט־אָ דעם בלאַט אויפגעשריבן ווערן. אזוי ווייט ביי האָראָנטשיקן. סעגאַלאָוויטש פארבלייבט אויך אין זיינע מאָראַליזירנדיקע טענדענצן דער עגאָצענטרישער פּרעדיקער וואָס וויל קיינמאָל נישט ארויסקוקן דורכן פענצטער און קיינמאָל נישט זען דעם דרויסן. באַדינגונגען זענען געוויסע מילדערנדיקע אומשטענדן פארן שלעכטן כאַראַקטער. צו וואָס זוכן די מילדערנדיקע אומשטענדן? די מענטשן זענען ווייס און שווארץ בלויז לויט זייערע פּערזענלעכע אַנלאַגעס, און דער עיקר לויט די באַציאונגען וואָס זיי האָבן צום הויפּט־העלד פונעם ראָמאַן. און זיינע, סעגאַלאָוויטשעס, ראָמאַנען האָבן תמיד א סטאַר, א צענטראַלן הויפּט־העלד. ער טראָגט אוים אין זיין פּערזענלעכן גורל דעם גורל פון אלע געשעענישן. פאר די שווארצע פיגורן דארף מען נישט זוכן קיין אומזיסטע זכותים:

„ווען איך קוק מיט מיינע ברילן, דעמאָלט מוז איך אייך זאָגן, אז איך בין עגאָאיסטיש גלייכגילטיק צו אלע רעוואָלוציעס און איבערקערענישן. איך בין מיר א וועלט פאר זיך. איך גלויב נישט אין קיין משיח. מענטשן זענען גוט און שלעכט פון דער נאַטור. אזוי ווי וואָסער און פייער וועט בלייבן, אזוי וועלן אויך פארבלייבן די צוויי געפילן. דאָס איז שוין געזאָגט געוואָרן, און איך קליין מענטשעלע חזר עס איבער". („אונדזער פּרוי").

און דאָס איז אויך כאַראַקטעריסטיש: די פרויען זענען ביי סעגאַלאָוויטשן קיינמאָל נישט קיין זעלבסטשטענדיקע פיגורן, זיי זענען בלויז די אָביעקטן פון סעגאַלאָוויטשעס בענקשאַפטן אָדער אַנטוישונגען. דערי־

בער טראָגן זיי, די פּרויען, כמעט אַלע, הוילע ראָמאַנטישע און דערצו פּוילישע שלאַבעצקע נעמען. די וואַנדראַס זענען די שפּיל־פּעעס פון סעגאַלאָוויטשעס ראָזע אָדער טונקעלע — פּערזענלעכע — וועלט־באַציאונגען.

אין סעגאַלאָוויטשעס ראָמאַנען, הגם זיי זענען געשריבן געוואָרן אין דער ברוויזנדיקער נאָך־מלחמה־תקופה פון יידישן לעבן, פילט זיך נישט דאָרט דאָס מינדסטע פון דער דאָזיקער תקופה. ווי איך האָב שוין דער־מאָנט רופט זיך סעגאַלאָוויטש אַליין אָן דער אייביק־איינזאַמער. און דאָס איז פולשטענדיק ריכטיק. קיין שום געשעענישן, וואָס געשעען מחוץ די געשעענישן אין זיין פּערזענלעכן געמיט, זענען נישט בכח זיך אריינצורייסן אינעם געפיל־געוועב פון סעגאַלאָוויטשעס עגאָטישע וועלט־חשבונות. קיין שום וועלט־געוויטער באַוויזט נישט אויפצוטרייסלען און אויפצולויכטן יענעם אייביק־אומעטיקן בין־השמשות פון א לעבן אין דער פאַרביטערט־קייט פון אנטוישונגען.

„אין איין ווינקל האָט מען גערעדט וועגן ציוניזם, אין צווייטן וועגן סאָציאַליזם. אין יעדער שטוב האָט מען גערעדט וועגן די זאַכן".

„זעליקן האָט עס נישט שטאַרק אינטערעסירט. ער איז גע־ווען אַזוי ווי אויסגעטיילט פון מענטשן. ווי אַזוי איז דאָס געשען? ער האָט אַליין נישט פאַרשטאַנען און קיין סך האָט ער וועגן דעם נישט געטראַכט".

„זייער וועלט און זייער טומל — מיט דעם פלעגט ער אָפּקור־מען" („דאָס אנארכיסטישע מיידל").

אייביק איינזאַם. סעגאַלאָוויטש מיינט, אַז אנטוישונגען געהערן נישט צו די ביטערע געזעצן פון לעבן און אַז זיי זענען בלויז דאָס בייזווי־ליקע קידער־ווידער־שפּיל, וואָס די אָביעקטיווע ארומיקייט שפּילט דווקא מיט זיינע, סעגאַלאָוויטשעס, האָפענונגען און אַמביציעס. עס קומט עפּעס אויס, אַז די וועלט האָט געשאַפן ספּעציעלע האַרטע געזעצן פאַר סעגאַ־לאָוויטשן, און דאָס איז די גרויסע עוולה פון דער וועלט. דעריבער איז סעגאַלאָוויטש אַזוי האַרטנעקיק פאַרשלאָסן אין זיין איינזאַמקייט און ער זעט ווייניק וואָס עס טוט זיך אין דער וועלט ארום אים. זיינע ראָמאַנען

זענען אָרים אין לעבנס־באַאָבאַכטונג. סעגאַלאָוויטש זעט ווייניק די מענטשן וואָס לעבן ארום אים, ער זעט ווייניק זייערע אמתע כאַראַקטערן, זייערע שיקזאַלן, און דאָס אַלצדינג וואָס עס טוט זיך אָפּ סיי אין אָביעקטיוון אויסערלעכן מענטש און סיי אין דער אָביעקטיווער אויסערלעכער געזעלשאַפט.

„נאָכן שווערן טאָג האָט ער דאָך געהאַט ווילן און כח ארויסגיין פון שטוב און זיך אוועקלאָזן אויף די האַלב־ליידיקע גאַסן פון דער סטאַרע־באַיאַרע, ביז ער פלעגט צוקומען צום פעלד.

אָפּגעריסן זיך דאָס לעבן, נישטאָ קיין הייזער, און דאָ אין דער גרויסער ליידיקייט זינקט די בלוטיקע זון... פאַרוואָס איז זי אַזוי רויט און אַזוי בייז? מענטשן האָבן דאָך אַ גאַנצן טאָג געהאָרעוועט און איצט גייען זיי רוען. ער איינער איז ארום אויפן פעלד... ער קען נישט פאַרשטיין וואָס עס ציט אים דאָ אַהער, נאָר ער פילט, אַז מיט דעם, וואָס ער איז דאָ איצט אַליין, איז ער אַן אַנדערער פאַר אַלע..." („אייביק איינזאַם").

„די בעסטע, די טיפסטע איבערלעבונגען פון זיין נשמה האָט ער נישט געהאַט מיט וועמען צו טיילן" („אייביק איינזאַם").

סעגאַלאָוויטשעס ראָמאַנען האָבן געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג ביי דעם לייענער־עולם אין פּוילן. און זענען געלייענט געוואָרן פון מענטשן וואָס האָבן געזוכט אין דער פאַרביטערטער איינזאַמקייט פון סעגאַלאָוויטשן דעם עכאָ פון זייער אייגענער איינזאַמקייט, — מענטשן, וואָס האָבן געזוכט רו און ענלעכקייט צו זיך אַליין. אין דער דיק־בענדיקער אויטאָביאָגראַפיע וואָס עס אַנטהאַלטן סעגאַלאָוויטשעס ראָמאַנען און נאָוועלן.

פון גאַנץ פּוילן און פון אַלע שטעטלעך, וואָס האָבן אַזוי רייך און פאַרשידנאַרטיק אינספּירירט די יידישע שרייבער אין פּוילן, האָט סעגאַלאָוויטש באַזונדער ליב געהאַט קוזמיר. דאָס דאָזיקע וווּנדערלעכע שטעטעלע, וווּהין סעגאַלאָוויטשעס העלדן אַנטלויפן זיך אָפּרוען, נאָכדעם ווי זיי זענען אַנטוישט געוואָרן אינעם לעבן מחוץ זייער איינזאַמקייט. קוזמיר ביי דער ווייסל. נייע פרויען האָבן דאָרט פאַר סעגאַלאָוויטשן אויפגעטויכט ביי דער

וויסל און אין די טונקעלע בערג־שלוכטן ווו עס רוישן די וועלדער פון נוס־בוימער.

דער הויפּט־העלד האָט ווידער געמיינט, אַז אָט געפינט ער ענדלעך די טרייע און שטילע ליבע. ער האָט זיך פונדאָסניי אנטוישט, אויך אין קוזמיר. דאָס דאָזיקע מערקווירדיקע שטעטעלע, וואָס טראָגט אויף זיך די לעגענדע פון קיניג קאזימיר מיט דער מלכה אסתרקע. די סינטעזע פון פּוילן און פּויליש יידישקייט איז ספּעציעל צונויפגעפלאָסן אין קוזמיר. דאָס שטעטעלע ליגט אין א באזונדער ליכט. אויף די בערג ארום קוזמיר שטייען די חורבות פון דעם קיניגלעכן שלאָס וואָס דער פּוילישער קיניג קאזימיר האָט כלומרשט אוועקגעשאָנקען זיין יידישער מלכה אסתרקע. אויף די צעפאַלענע טורעמעס פון די שלאָס־חורבות איז אמאָל, מיט הונ־דערטער יאָרן צוריק, געשטאנען די מלכה אסתרקע און א פארבענקטע געקוקט אויף די אָרימע און — דעמאָלט פונקט ווי היינט — צאנקנדיקע שבת־ליכטלעך וואָס האָבן זיך אין די פּרייטיק־צונאכטסן אָנגעצונדן אין די איינגעהויקערטע יידישע הייזלעך אונטן אין שטעטל. יידישע שבת־ליכטלעך. די אַלטפרענקישע קאפּאָטעס פון די איינגעזעסענע יידן, די נע־פארבטע קליידער און די טערקישע טיכער פון די יידישע פרויען לייכטן נאָך היינט אין די קוזמירער אָוונטן ווי טונקל־גאָלד און פּורפּור. אין די ענגע און טונקעלע בערג־שלוכטן (טאָלן) ארום קוזמיר רוישן די אַלטע נוס־וועלדער. זיי רוישן אין די לינדע ווינטן וואָס בלאָזן אָן פון דער וויסל. יענער אָרט איז באמת ווי צוגעפאסט פאר אזעלכע אייביק־איינזאמע מענ־טשן ווי ז. סעגאלאָוויטש. סעגאלאָוויטש איז אייפערדיק אויף קוזמיר און ער האָט דאָס פולע רעכט דערויף צו זיין אייפערדיק. אין קוזמיר ביי דער וויסל קאָן ער זיין אליין מיט זיין אומעטיקער יחידישער בענקשאפט. ער קאָן זיין אליין, ווייט פון די שליאכן, ווו עס גייט שווער דאָס לעבן.

.8

אין זיין בוך „שמוגלארס" האָט עוזר װאַרשאַװסקי צוגעפירט דעם יידישן נאַטוראַליזם צום טראַגישן קולמינאַציע־פּונקט. װאַרשאַװסקי זעט די סכנה װאָס דראָט דער נאַטוראַליסטישער יידישער װירקלעכקייט, און ער קוקט דער סכנה מיט אומפאַרשעמטער אָפנקייט אין פּנים אַריין. ער װאַגט זיך אויפצוטרייסלען די אַלע נאַטוראַליסטישע װערט־יסודות פון דער יידישער װירקלעכקייט. אָן שום רחמנות פירט װאַרשאַװסקי צו די יידישע װירקלעכקייט ביז צום אָפּגרונט.

די צייט האָט אים געדינט. די גרויסע פעלקער־מלחמה (די ערשטע װעלט-מלחמה) איז אָנגעקומען אויפן שטעטל װי א מבול. דער שונא האָט זיך אָנגערוקט װי א סטיכיע, ברוטאַל. ער האָט מיט געװאַלט איבערגעריסן די גרעניצן צװישן דעם „יידישן שטעטל" און דער גרויסער װירקלעכער װעלט. דאָס איז נישט געװען די װעלט װי א אידעע, נייערט די װעלט װי א װילד־אויפגערייצטע װירקלעכקייט. אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט האָבן זיך אָפּגעטון תהומות פון רויע און גיריקע אינסטינקטן. פאַר די דאָזיקע תהומות איז פּלוצלינג געשטעלט געװאָרן די יידישע װירקלעכקייט, די שװאַ־כע, די אָרימע. דאָס שטעטל האָט געמוזט אויפנעמען א קאַמף פאַר עק־זיסטענץ, א בלוטיקן און אומברחמנותדיקן קאַמף. פון איין זייט דאָס באַדנ־לאָזע שטעטל, פון דער אַנדערער — אָן אויפגעװישעטע מענטשלעכע געזעלשאַפט. נישט קיין רעװאָלוציאָנערער אויפברויז װי אין די יאָרן פון 1905־1906. די מענטשהייט האָט זיך באַװיזן אין איר חיהשקייט, בלוט־דורשטיקייט, עגאָאיזם און געפיללאָזיקייט. די װעלט־מלחמה. באַװאָפנטע פרעמדע פעלקער זענען אָנגעקומען אויפן שטעטל. דאָ האָבן דעם גרויסן חורבן דערזען נישט בלויז די אידעאַליסטישע טרוימער. גראָד די „שטיקער געזונטקייט" האָבן געזען דעם חורבן.

„װאָס װעט זיין ?" — פרעגט דאָס „שטיק געזונט" פאַנטל. די נאַ־טוראַליסטישע יידישע װירקלעכקייט האָט ענדלעך אַליין געמוזט מודה־זיין

דאָס טראַגי־קאָמישע פון איר וועלט־דאַזיין. און דערמיט: איר אומ־פעאיקייט צום לעבן.

ביי וואַרשאַווסקין ווערט טאַקע די דאָזיקע אומפעאיקייט צו לעבן בולט אין דעם מאָמענט, ווען דאָס שטעטל ווערט געניוט אַרויסצוגיין פון אירע ד׳ אמות. דאָס שטעטל ווערט דורך אַ מוראַדיקער פיזישער קראַפט פון אָט די ד׳ אמות אַרויסגעשלעפּט. דאָס שטעטל ווערט געשטעלט פנים לפנים מיט דער וועלט. פירכטערלעכע שטורעם־ווינטן האָבן דאָס שטילע וואַסערל אויפגעשוימט און עס האָט זיך דערזען די פלאַכקייט און דער זומפּ. ביים באַרירונגס־פּונקט מיט דער וועלט איז דאָס שטעטל צעפאַלן אָרגאַניש. דאָס „נאַטוראַליסטישע" שטעטל האָט געמוזט אונטערגיין אפילו אין דעם בילד פון דער ליטעראַטור. ס׳האָבן זיך אויפגעדעקט די וואָרצלען, מיט וועלכע דאָס שטעטל וואַקסט אין דער וועלט. אין די דאָזיקע וואָרצלען זענען שוין געווען אויסגעטרוקנט אַלע לעבנס־זאַפטן. אין די שטאַרקסטע מינוטן פון דער געשיכטע מוז איעדע עקזיסטענץ דאָך ענדלעך אַמאָל מאַכן וואָסער נישט איז חשבון הנפש. דער חשבון הנפש פון יידישן מאַטעריאַ־ליזם איז געווען אַ פּאַסיווער. פאָלקאָמער באַנקראָט. דאָס נאַטוראַליסטישע שטעטל ביי וואַרשאַווסקין איז אויסגעגאַנגען פון ווערטלאָזיקייט, ווי אַ פיש אָן וואַסער. דאָ האָבן נישט געקאָנט פּועל־זיין קיין שום האָפענונגען, קיין שום טעאָריעס. וואַרשאַווסקיס נאַטוראַליסטישע שטעטל האָט נישט גע־קאָנט קעמפן פאַרן לעבן. וואַרשאַווסקיס שטעטל האָט פשוט נישט געוווּסט צו וואָס עס לעבט.

ביי דער דאָזיקער שאַרפער גרעניץ, ווו פאַרן יידישן נאַטוראַליזם איז נישט פאַרבליבן קיין אַנדערע עצה נאָר ווי צו זען דעם ביטערן אמת, האָט געמוזט קומען די דעגענעראַציע.

דעגענעראַציע. נישט אַסימילאַציע. ביי אַסימילאַציע האָבן זיך ביי דעם צד, וואָס האָט פאַרשפּילט, נאָך נישט אויסגעשעפּט אַלע רייכטימער. מען קאָן נישט קומען צום זיגער מיט ליידיקע הענט. נישט תמיד גיט מען אויף דעם קאַמף, ווען דער היינט איז שוין גאָרנישט ווערט, נאָר ווען דער מאָרגן וועט שוין גאָרנישט ווערט זיין. ווען וואַרשאַווסקיס שטעטל האָט אויסגעשפּילט די לעצטע קאָרט, האָט זיך אַרויסגעוויזן דער נישטיקסטער דלות. די גרויסע טראַגישע אַנטוישונג האָט שוין צו גאָרנישט נישט גע־

קענט פירן. זי האָט נאָר אויפגעדעקט די צעפוילטע יסודות. די יידישע ווירקלעכקייט איז שוין נישט געווען ביכולת צו זוכן קיין שום אנדערן וועג. אלע וועגן זענען געווען פארשטעלט. זי האָט נאָר אין אָנבליק פון דער וועלט געקאָנט אראָפּפאלן ווי א פוילער עפּל פון בוים.

מיט זעלטענעם מוט, אָן שום סענטימענטן — דאָס, מוז מען מודה זיין, איז ווארשאווסקיס גרויסער פארדינסט — פירט ווארשאווסקי צו דאָס שטעטל צום תהום און צום אונטערגאנג. אָן ציטער אין די הענט זעצט ער ארויף זיינע העלדן אויפן תלין־וואָגן אויפן וועג צו דער העסלעכער תליה. זאָלן זיי נאָר אומקומען וואָס שנעלער. ס'איז די העכסטע צייט. ווארשאווסקיס אָביעקטיוויזם איז נישט די מעכאנישע געפיללאָזיקייט. עס איז דער אָביעקטיוויזם פון אַ מענטש, וואָס פאר אים איז שוין אלצדינג קלאָר, און ער אנטשליסט זיך נאָר דרייסט צו ראשער האנדלונג.

אין ווארשאווסקיס „שמוגלארס" הויבט זיך טאקע אָן די דעגראדא־ציע פון שטעטל אָן שום פאָרשפּילן. באלד ביי דעם ערשטן צונויפטרעף מיט דער וועלט פאלט אלצדינג פונאנדער. די פּוסטע קאָמעדיע איז שוין פון לאנג אָן געווען געענדיקט. ס'איז נאָר נישט געווען קיינער, וואָס זאָל אָנזאָגן דעם סוף. די ברוטאלע מענטשהייט האָט עס געטון און אָנגעזאָגט דעם סוף. ווארשאווסקי וויל מיט זיינע פארשווינען נישט מאכן דעם אָנ־שטעל פון טראגישע העלדן. זיי זענען גראָטעסק ווי די מצורעים. זייער אונטערגאנג איז נישט קיין טראגעדיע, עס איז א גערעכטע קאָנסעקווענץ. נישט שטענדיק איז דאָס שיקזאל אומגערעכט. קיינער פון ווארשאווסקיס טיפּן האָט מיט זיין אונטערגאנג גאָרנישט פארלוירן.

דאָס שטעטל האָט אויסגעטרונקען דעם כוס־התרעלה. די תאווה פון אונטערגאנג כאפּט ארום דאָס שטעטל ווי א בראנד. דאָס וואָס עס איז גע־וואָרן פון שטעטל איז נישט קיין נייעס. די קראנקהייט איז געווען באהאלטן אינעווייניק אין אָרגאניזם פון יידישן לעבן. די קראנקהייט איז אויסגע־בראָכן גאנץ נאטירלעך. איעדער מענטש אין ווארשאווסקיס שטעטל טוט נאָר דאָס, וואָס ער באדארף צו טון לויט זיין גאנצן מהות. ער איז שוין פון תמיד אָן פעאיק געווען צו דעם דאָזיקן נידערטרעכטיקן דאָזיין. וואר־שאווסקיס מענטשן ווילן גאָרנישט בעסער זיין ווי זיי זענען. זיי גלויבן אין גאָרנישט. זיי האָפן צו גאָרנישט. זיי זענען ציניקער.

די לינקע זייט פון אמונה איז דער ציניזם.

.9

אזוי קומט ענדלעך די קאַטאַסטראָפע, וואָס דער יידישער נאַטוראַ־ליזם האָט אליין פאַר זיך פאַרגעבריים. וואַרשאַווסקיס בוך איז דאָס בוך פון דער קאַטאַסטראָפע. דאָס בוך פון מאָראַלישן יידישן חורבן.

דער יידישער קיבוץ איז שוין מער נישט קיין פאָלק, קיין ראַסע. עס איז א באַנדע.

א באַנדע פון שמוגלערס, גנבים פּראָסטיטוטקעס און בראָנפן־מאַכערס.

אָכול ושתה כי מחר נמות.

סצענע ביי סצענע, דערביי גיפטיק, פול מיט גאַלגן־הומאָר ווי די מעשהלעך פון א באָקאַטשיאָ, אַנטוויקלען זיך אין דעם דאָזיקן בוך די נע־שעענישן. אַלע מענטשן אין שטעטל, וואָס האָבן ביז אהער געלעבט ווי נישט אין זייער ריכטיקער אַטמאָספערע, וועקן זיך צו טעטיקייט. די וועלט־מלחמה האָט זיי צעטרעטן, זיי פילן זיך גוט ווי צעטרעטענע. זיי לעבן־אויף אין זייער צעטראָטנקייט. ענדלעך איז אָפּגעטון־געוואָרן יענער פאַלשער טעות פון דער יידישער ווירקלעכקייט, וואָס האָט גענאַרט מיט אויסזיכט־לאָזע האָפענונגען. עס איז נישטאָ קיין ווערט אין יידישן לעבן. עס איז נישטאָ די אידעע, נישט דאָס ווערט־געפיל, נישט די האָפענונג אין וועל־כער מען קאָן גלויבן, און עס זאָל דעריבער לוינען, אז דאָס יידישע לעבן זאָל נאָך אמאָל ווען עס איז האָבן מער באַדייטונג. אויב עס זענען ערגעץ ווו געשילדערט געוואָרן גאַטלאָזע מענטשן, איז עס געטון געוואָרן אין דעם בוך פון עוזר וואַרשאַווסקי. די גאָטלאָזיקייט איז ביי־ דידאָזיקע מענטשן פאַרוואַנדלט געוואָרן ממש אין אן עקסטאַז. זיי שעפּן פון דער גאָטלאָזי־קייט כח און ענערגיע. וואַרשאַווסקיס בוך אָטעמט מיט ענערגיע און באַ־וועגונג. אָבער מיט דער ענערגיע פון די יעניקע, ביי וועלכע עס לאָזן זיך

אוים די לעצטע טעג. אלע, אלע ווערן זיי מיטגעריסן מיט דער דאָזיקער באַוועגונג. פאַר דעם תהום, וווּ עס שטייט די יידישע ווירקלעכקייט. נישט בלויז די „געזונטע", די „ווילע יונגען" — אָט די אלע עלעמענטן פון „געזונטקייט" אין דער יידישער ליטעראַטור — נאָר אפילו קאַליקעס, קראַנקע, שווינדזיכטיקע און בטלנים. עס איז איין שותפותדיקע כנופיא. מתים־שפּיל.

„זעט מען ס'גייען יידן, קלעפּט זיך צו איבערן וועג — איינער, א צווייטער, א דריטער. ווי צו א לויה, א שטייגער. גייען יידענעס פון פאָרנט אין די לאַנגע פאַטשיילעס, און יידן און יינגלעך איינגעהויקערט פון קעלט, די קעפּ איינגעקאָרטשעט אין די אויפגעשטעלטע קעלנער אריין".

אזוי קומען אוים די וועגן צום שטעטל, אויף וועלכע עס איז אמאָל אָנגעקומען אין שטעטל אריין דער געהיימנישפולער וואנדערער שלום אש. די וועגן אויף וועלכע עס איז אהיימגעפאָרן אויף שבת ר' שלמה נגיד. אפילו

„דער שווארצער בערל, וואָס האָט זייער א שוואך הארץ און א ליאַדע וואָס, לא עליכם, לייגט מען אים צו שטאַרצן".

אפילו דער אלטער שייקע און דאָס שוואכינקע בחורל, דער ווילערנער דודל. אלע שמוגלען זיי און טרייבן הפקר.

„דער דיין וואָלט אויך געפאָרן (צום שמוגל), נאָר ער קאָן נעבעך נישט, ער איז נעבעך א חלוש..."

אלע, אלע. דאָס גאַנצע שטעטל. ווען מען קוקט איבער די גאַנצע ליניע, וואָס ציט זיך פון אשישן שטעטל ביז צו די „שמוגלארס", מוז מען קומען דערצו, אז ערגעץ־וווּ אין דער אנטוויקלונגס־ליניע פון יידישן לעבן שטעקט א גרויסער טעות. ווו? ווארשאווסקי ווירקט פאַר אונדז אזוי איבערצייגנדיק, אז מען מוז דאָך ענדלעך זאָגן: אינעם יידישן וועלטדאָזיין, ווי עס פאַסט עס אויף דער יידישער נאַטוראַליזם.

ווייל — אין דעם בוך „שמוגלארס" פארווייען די הייליקייטן פון דער יידישער ווירקלעכקייט. יענע הייליקייטן, וואָס האָבן די אשם און די

פּרצעס אָנגעפילט מיט אזוי פיל בטחון, מיט איבערמענטשלעכן גלויבן אין די אייגענע גייסטיקע כוחות. יענע הייליקייטן. זאָל מען נאָר נישט זיין אזוי אויבנאויפיק און זאָגן: עס זענען אידעאַליסטישע קאַפּריזן. ווען דער נאַטוראַליזם האָט געפּרוּווט די יידישע ליטעראַטור צו באַפרייען פון אָט די אידעאַליסטישע קאַפּריזן, איז דאָס בוך „שמוגלאַרס" געווען דער ריכטיקסטער פּועל־יוצא. עס איז אמת — דער דאָזיקער אמת איז זיכער נישט ליב — אז דער אידעאַליזם ליגט אין דער יידישער ליטעראַטור ווי א גרויזאַמער שיקזאַל. אָדער — אָדער. דער אידעאַליזם איז פאַרבונדן מיט די ווערטן פון דער יידישער עקזיסטענץ ווי א גוף מיט דער נשמה. אוועקגייענדיק פון אָט אָ דער איינציקער פּאָזיטיווער ווערטשאַצונג פון יידישן לעבן, בלייבט אונדזער ליטעראַטור שטיין פאַר א גאַנץ האַרבע פּראָבלעם. זי בלייבט אָן א לעבנס־אידעע. דערמיט בלייבט זי אָן א וועלט־באַנעמען פאַר זיך. אָן א ווערט־אַקצענט. זי בלייבט, אזוי צו זאָגן, הענגען אין א פּוסטן חלל. דער וועג ווייטער? אָט אָ דעם וועג ווייטער קאָן זי נישט געפינען. איר אידעאַליסטישער גורל שטעלט אונדזער יידישע ליטעראַטור אין א שווערלעכער לאַגע. עס איז לייכט פאַר א טייל פון אונדזערע שריפטשטעלער צו באַציען זיך נעגאַטיוו צו דעם היסטאָריש־אויפגעצוווּנגענעם שיקזאַל פון אַן אידעאַליזם. אָבער עס איז שווער אָנצוהויבן פון אַן אַנדער פּאָזיטיווער ווערט־טאַט. דער יידישער נאַטוראַליזם, אויפהויבנדיק זיך אין אַן אַנדער שאַפונגס־ספערע, האָט נישט דערפילט, ווי עס רוקט זיך אים אוועק דער באָדן פון אונטער די פיס. אין זיין באַדנלאָזיקייט האָט דער יידישער נאַטוראַליזם געגריפן נאָך פאַרשידענע אָנהאַלטן. די אָנהאַלטן זענען אָבער נישט געווען. דער מיין, אז דער לויף צו יידישער ווירקלעכקייט איז די איינציקע מעגלעכקייט צו אַנטלויפן פון יידישן אידעאַליזם, — דאָס איז דער גרעסטער טעות, מיט וועלכן אונדזערע מאַטעריאַליסטן האָבן זיך אליין אָפּגענאַרט. מען האָט גריילעך געקאָנט טוישן די היסטאָרישע פאָרמען פון יידישער וועלט־באַנעמונג. מען האָט פאָרט נישט געקענט טוישן די פּסיכישע עלעמענטן פון יידישער וועלט־באַנעמונג. קוים קאָן מען נישט איבעראַנדערשן דעם שיקזאַל, קאָן מען אויך נישט איבעראַנדערשן דעם כאַראַקטער. די פּאָזיטיווע יידישע וועלטלעכקייט און דאָס נאַטירלעכסטע קינד אירס, דער רעוואָלוציאָנערער יידישער סאָציאַליזם (איז

דאָך דער כאַראַקטעריסטישסטער און טיפּסטער אויסדרוק פון יידישן סאָציאַליזם גראָד געמלעך דאָס רעוואָלוציאָנערע — דער אומגעשטילטער אויפברויז צו קאַמף און דערלייטערונג) — איז גאָרנישט אַזוי מאַטעריאַליסטיש, ווי מען מיינט אונדז איינצורעדן. תמיד איז דער יידישער סאָציאַליזם דינאַמישער, ווי אַלע אַנדערע כוחות פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם. תמיד איז ער פול מיט אינערלעכער אומרואיקייט (ווידער אַמאָל אידעאַליזם!), תמיד איז ער אויף דער ערשטער ליניע צווישן ווירקלעכקייט און אויפשוווּנג. דאָ וועט גאָרנישט פּועלן, וואָס מען האָט דווקא דעם יידישן סאָציאַליזם אַזוי האַרטנעקיק צוגעשפּאַנט צו די היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישע אויפפאַסונגען פון קאַרל מאַרקס. מען קאָן זיין דער פאַרעקשנטסטער מאַרקסיסט, דערביי אָבער, אין וועזן, דורך און אידעאַליסטיש.

וול. מעדעם פלעגט פאַר די יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־מאַסן רעדן וועגן פּרצישער שבת־יום־טובדיקייט. אין זיינע „זכרונות" רעדט מעדעם וועגן „קאַפּיטאַל" ווי וועגן אַ בוך פון גרויסער פּאָעזיע און פילאָזאָפיע. צוויי ביכער, זאָגט מעדעם אין די „זכרונות" האָבן אויף אים געווירקט ווי אַ געטלעכער פינגער: די „עטיק" שפּינאָזאַס און דער „קאַפּיטאַל" פון קאַרל מאַרקס.

דער יידישער רעוואָלוציאָנער מוז קענען זיין אייגענעם ווילן בלייבן אידעאַליסט, ער מוז עס טון, אויב ער וויל זיך נישט פאַרלירן.

ווי עס קוקט אויס די יידישע ווירקלעכקייט אָפּגעריסן פון אירע היסטאָריש־אידעאַליסטישע פונדאַמענטן, די יידישע ווירקלעכקייט אין איר היסטאָרישער באָדנלאָזיקייט, זעען מיר אַם בעסטן אין די „שמוגלאַרס" פון עוזר וואַרשאַווסקי. עס איז אפשר דאָס אויפריכטיקסטע בוך וואָס דער יידישער מאַטעריאַליזם איז געווען בכוח צו געבן. דעם נאַטוראַליסט וואַרשאַווסקין איז דאָס ווערק זיינס דעריבער געלונגען, ווייל ער האָט נישט מורא געהאַט צו זיין אויפריכטיק. ער האָט זיין נאַטוראַליזם נישט אָנגעטון די שיינע מענטעלעך פון פאַלשע האָפענונגען. ער האָט זיך באַלד נישט צוגעזאָגט קיין צוקונפט, און געגעבן אַלצדינג דאָס, וואָס דער יידישער נאַטוראַליזם קאָן נאָר געבן: אויפריכטיקייט, זאָגן זיך דעם אמת אין פּנים אַריין. נאָך אַ ווערק — אַ שטאַרקער בוך ווי די „שמוגלאַרס" — פון דעם

זעלביקן מחבר, קאָן איך מיר קוים פאָרשטעלן. וואַרשאַווסקי, אַלס דער וואָרסטער יידישער נאַטוראַליסט, איז רייף. ער מוז זיין רייף, אויב ער איז אמתדיק. וואַרשאַווסקי האָט אין זיך די גראָטעסקע רייפקייט פון אַלטע קינדער. זיי שטאַרבן יונג. עס האָט ערגעץ־ווו אַ רעצענזענט וועגן וואַר־שאַווסקיס בוך געזאָגט: „וואַרשאַווסקי איז געקומען, געזען און געזיגט". זייער ריכטיק. קיין אַנדערע אויפגאַבן פאַרן יידישן נאַטוראַליסט ווי צו קומען און צו זיגן — צו זיגן איבער זיך אַליין — איז נישט פאַראַן. דער וועג פון יידישן נאַטוראַליזם איז דער קירצסטער וועג צום אָפּגרונט. ווער עס בלאָנדזשעט נישט און נעמט גלייך דעם דאָזיקן וועג צום אָפּגרונט, ווייל צו אים. ער פאַרשפּאָרט זיך אומזיסטע זוכעניש און אַנטוישטע האָ־פענונגען. וואַרשאַווסקי האָט עס געטון. ער האָט זיך נישט אַנטוישט, ווארום ער האָט באַלד נישט געגלויבט. דאָס איז זיין פאַרדינסט. דערמיט האָט ער אפשר מקריב געווען זיין שריפטשטעלערישע צוקונפט. ער האָט זיך אַליין אָפּגעשניטן דעם וועג אויף ווייטער. פאַר די, וואָס דערלאַנגען צום אָפּגרונט, איז נישטאָ קיין וועג אויף ווייטער. דאָס באַדייטנדיקע פון וואַר־שאַווסקיס ווערק פאַר די פּערספּעקטיוון פון דער יידישער ליטעראַטור בלייבט איין און איינציק. עס איז אַ וועג־ווייזער און אַ צייכן פון וואָרע־נונג. וויסנבערג, מיט דעם וואָס ער האָט דער ערשטער אַרויסגעגעבן די „שמוגלאַרס", האָט געטון דאָס בעסטע, וואָס ער האָט נאָר געקאָנט. ער האָט דערמיט זיין אייגענעם נאַטוראַליזם געגעבן מער תיקון, ווי ער וואָלט עס באַווויזן אַליין מיט אייגענע כוחות.

אין וואַרשאַווסקיס נאַטוראַליזם וואַקלען זיך שוין אָט די אַלע יסודות וועלכע מען האָט פון תמיד אָן געהאַלטן פאַר קאַרדינאַלע באַשטאַנדטיילן אין כאַראַקטער פון דער יידישער ווירקלעכקייט. ווען דאָס גאַנצע וועזן ווערט אונטערגעגראָבן, טרייסלען זיך ממילא אַלע פעסטקייטן, אַלע פונ־דאַמענטן. די כאַראַקטעריסטישע מערק־צייכנס פון נאַציאָנאַלן אינדיווידום ווערן אָפּגעווישט. אַזוי זעען מיר, למשל, ווי דאָס שטאַרקע געפיל פון ראַסע, וואָס ווערט אַזוי בולט אונטערגעשטראָכן ביי אַש און אַפילו ביי וויסנבערגן — ווייל ווי מען זאָל נישט קוקן אויף די פאַרשידענע ראַסן־טעאָריעס, מוז מען דאָך מודה זיין, אַז ביי יידן איז ראַסע און בלוט־געפיל זייער אַ וויכטיקער באַשטאַנד־טייל פון זייער גאַנץ וועלט־דאַזיין — דאָס

דאָזיקע ראסן־גענפיל פארלירט ביי ווארשאווסקין איעדע ממשות. מיט א מאָדנער לייכטקייט ווערן אָט אָ די וויכטיקע היסטאָרישע בלוט־אָפּגעגרע־נעצטקייטן אדורכגעגאנגען. נישט נאָר מיט לייכטקייט, — מיט פארבי־סענער שאָדנפרייד זעט ווארשאווסקי צו ווי די בלוטן מישן זיך צונויף, ווי אלצדינג גייט אונטער. יעדע זאך, וואָס שטרייכט נאָך דייטלעכער אונטער די דעגענעראַציע, פרייט אים. אָ, ווארשאווסקי איז קאָנסעקווענט. ער איז אומברחמנותדיק קאָנסעקווענט. אזא נאטוראליסט האָבן מיר זייער נוויטיק באדארפט צו האָבן אין דער יידישער ליטעראטור.

„אָט האָט גאָט געשיקט א ישועה אויף זיינע יידעלעך. און אלע האָבן שוין צוריק זייערע מאשינדלעך (צו מאכן טריפהן בראָנפן) מיט קעסעלעך, מיט די פעסער.

„און איז דען פאנטל נישט גערעכט געווען, וואָס ער האָט נעכ־טן געטראכט אז די וועלט איז היינט גאָרנישט די אייגענע. אפילו אזא בערל וואָס פאָכעט מיט דער נשמה, צייט ער איז געוואָרן שמוג־לער, זאָל עס אים אָנהויבן צו ארן צוקוקנדיק ווי די יונגען מיט מיידן בראָיען ארום... דעסגלייכן דער אַלטער שייקע... אָט איז אָ שיינער ייד ר׳ יידל — שיקט ער די טאָכטער צום וואכמייסטער... און ר׳ וואָווע ?"

ווארשאווסקי טרייבט ארוים די כשרע יידישע ווייבער פון די יידישע הייזער און לייגט אין זייערע בעטן אריין שיקסעס, זונות. עס דערגייט ביי ווארשאווסקין ממש צו א פאסיע אריינצוברענגען וואָס מער ציניזם אין דער מיקלאָמפּערשטער אידיליע פון דער יידישער ווירקלעכקייט. די „שמוג־לארס" זענען די בייסיקסטע סאטירע אויף „ר׳ שלמה נגיד". נאָר אזוי קאָן זיך אָפּרופן דער אמתער יידישער נאטוראליסט. קוים טוט זיך אָפּ פון א לעבן איעדער גלויבן, איעדע אידעע און איעדעס ווערט-באוווּסט־זיין, מוז עס ווערן אוממאָראליש, פארווילדעט. ווארשאווסקי באוועגט זיך מיט א מאָדנער הנאה, מיט א פארצווייפלטער הנאה אין דער האָפענונגס־לאָזער ווילדקייט פון יידישן לעבן. ער שפעט אָפּ, ער איז האָפערדיק און פרייליך אין זיין ציניזם און ער צעטרעט בייזוויליק יעדעס אָרט, ווו עס איז נאָך פאראן א וועלכע עס איז שפּראָצונג. אויב עס איז נישטאָ קיין

ווערט און קיין צוקונפט, צו וואָס זיך באהאלטן און זאָגן ליגן ? בעסער זאָגן אמת, איידער פאלש צו האָפן. זאָל איטלעכע הייליקייט פארשוועכט ווערן. עס איז נישטאָ קיין הייליקייט. דאָרט, ווו עס איז נישטאָ קיין שום אילוזיע און קיין אינערלעכער גלויבן. חרוב זאָל ווערן די יידישע וועלט. זי טויג נישט צו מער. אין אַזאַ סצענע, ווו רייטשקע וויקלט זיך אַרום צום שמוגל מיט רוי פליש, ווערט ברוטאַל אָפּגעווישט נישט בלויז די גרעניץ צווישן מענטש און חיה, נאָר צווישן מענטש און יאַטקע-פליש.

זאָל מען נאָר נישט זאָגן, אַז די דאָזיקע יידישע ווירקלעכקייט עוזר ווארשאַווסקים איז דער פּועל־יוצא פון דער מלחמה־צייט און פון די מלחמה־אומשטענדן. די אומשטענדן באַווייזן נאָר תמיד אַרויס בולטער די אינער־לעכע קאָנסטרוקציע. זיי דעקן זי אויף. אין קאַטאַסטראָפאַלע מאָמענטן שפּילט מען נישט מיט זיך קיין קאָמעדיע. די שעה איז צו אייליק און מען ווייזט וואָס מען איז. וואַרשאַווסקי האָט עס זייער געלונגען אויסגענוצט.

„אַלע גייען אַרום בלוי אונטער די אויגן — אַז מ'שמועסט די מלחמה זאָל אויפהערן — און מען דערציילט, אַז אין דער גרויסער שטאָט אין וואַרשע, גייען אַסך, אַ גאַנץ סך אַרום אַזוי בלוי".

וואַרשאַווסקים יידן ווילן דאָס דאָזיקע הינטישע לעבן אין דער מלחמה, וואָרום:

„מ'ווייסט טאַקע נישט ווי אַזוי מ'וואָלט שוין געקאָנט לעבן דעראָן אָן אַ קעסעלע אונטער דער ערד, אַפילו ווען די מלחמה הערט אויף".

מענטשן פילן זיך באַקוועמער אין זייער ריכטיקער הויט. דאָס גע־קינצלטע מאַכט מיד. דערין ליגט אויך די איבערגעוויכט פון עוזר וואַר־שאַווסקי איבער מענדעלע מוכר ספרים: וואַרשאַווסקיס העלדן זענען אַקטיוו. ביי מענדעלע מוכר ספרים — הגם ער איז אויך אַ נאַטוראַליסט — איז די יידישע ווירקלעכקייט דאָס בילד פון אַ געמוטשעטס, אַ „יידישע טאָרבע". די פּאַראַזיטישע שנאָרער־נעסט. מענטשן ליגן דאָרט ביי־זאַמען ווי די ווערים און וועגעטירן. אָ, יענע „עט־בע"־באַשעפענישן, וואָס חכמה־

נען זיך זייער אָרים איבער דער וועלט און פילן זיך וואָרעם אין זייער נישטיקייט. די „הקדש־מענטשן" זיי פילאָזאָפירן וועגן דער וועלט מיט זאַט־קבצנישע חכמהלעך, און פילן זיך ווויל אין זייער „יידישער טאָרבע". עס פעלט זיי גאָרנישט. דאָס זענען די ציניקער אוים קבצנות. אויב מען קאָן זיך באַציען צו יידן ווי אָן אָטמאָ וויינינגער, איז עס זיכער צו די יידן פון מענדעלע מוכר ספרים. זיי זענען כאַראַקטערלאָז און „קופלערהאַפטי" ווי דאָס וויינינגערישע ווייב. מענדעלעס יידן זענען פולשטענדיק ווייבעריש. זיי זענען ווייך. און עס דוכט זיך עפּעס, אַז זיי טאָפּטשען ארום אין דער וועלט מחוץ פון אַלע שיקזאַלן. מענדעלע אַליין האָט זיינע יידן פיינט תכלית־שנאה. ער פאַראַכטעט זיי. ניין, יענע מענטשן זענען נישט פעאיק צו קיין שום טאַט. וואַרשאַוופקים מענטשן דאַקעגן זענען פול מיט שיקזאַל, דערמיט פול מיט טאַט. זיי זענען מערקווירדיק באַוועגלעך. די טאַט יאָגט זיי. זיי האָבן קיין צייט נישט צו פאַרלירן, ווייל דאָס זענען די מענטשן פון אומקום: דאָס איבערבלייבעכץ פאַר דער לעצטער שעה. וואַרשאַוופקים מענטשן גייען אונטער פון אינערלעכער ווערטלאָזיקייט. זיי ווייסן עס. דאָס זענען פאַרפאַלענע דעגענעראַטן. מיט דעם זענען זיי — עוזר וואַרשאַוופקים העלדן — כ'וויל נישט זאָגן טראַגיש, — יעדנפאַלס רירן זיי אונדז. האָפּע־נונגסלאָזע פאַרשפּילטע לעבנס מיט

„א שטיין אינעווייניק אויפן האַרץ אַזוי גרוים ווי די וועלט".

די הימלען איבער זייער דאָזיין — ווען זיי עפענען די פענצטער פון זייערע שטיבער און קוקן אַרוים —

„ברענען ווי א גיהנום".

פון די דאָזיקע אַקטיוועאומקומער קאָנען מיר זיך נישט אָפּוועגדן מיט אָפּשיי, ווי פון די יידן פון מענדעלע מוכר ספרים. אויב מיר האָבן נאָר געגוג אָביעקטיוויטעט, קאָנען מיר זיין די צושויער פון זייער פיין ווי צו דעם געשען פון א גערעכטן שיקזאַל. איר קוקט צו, — נישט איר קאָנט, נישט איר ווילט העלפן. איר וועט זיי אויך נישט טרייסטן, אַז עס וועט בעסער ווערן און עס זענען נאָר אויסערלעכע סיבות וואָס גיבן זייער לעבן אַזאַ פּנים. זיי וועלן אייך נישט גלויבן, יענע אַקטיווע אומקומער. זיי קאָ־

נען צו גוט זייער אינערלעכקייט. אין סוף פון די „שמוגלארס" פאלט פּאַנטל אריין אין עפּעס א געהויבענער פרייד:

„איך פּאַנטל זאָג ענק: שמוגל וועט זיך ערשט אָנהויבן — דער רעכטער שמוגל, ביז היינט איז געווען א קינדער־שפּיל. איך פּאַנטל זאָג אייך: איצט וועט זיך אָנהויבן דער אמתער שמוגל... דער רעכטער"...

„אזוי האָט גערעדט פּאַנטל. און געווען איז עס גערעדט מיט א נביאישן פונק, וואָרום אפילו די באלעבאטישע יידן זענען געוואָרן מיטגעריסן... און אויך די יונגען אלע האָבן אויפגעהויבן די פאַר־שכורטע קעפּ און זייערע באזויפטע אויגן האָבן זיך אויסגעוויזן ווי זיי זעען ערשט אין פּאַנטלען עפּעס גאָר א ווילדע בריאה, נאָר וועלכע זאָגט נביאות עפּעס פארהוילענע גרויסע זאכן וואָס זענען נאָך פאַר־באָרגן פאַר אלע מענטשן."

.10

אין דריטן טייל פון די „שמוגלארס" באריִרט ווארשאַווסקי א פּראָבלעם — הגם דאָס פּראָבלעם איז נישט ניי, איז עס אָבער זייער כאַראַקטעריסטיש פאר ווארשאַווסקין. מען מוז צוגעבן: עס איז אָריגינעל באַהאַנדלט. נעמלעך, די מעגלעכקייט, אז דער דעגענעראַט זאָל געפינען אַן אויסלייז אין ליבע, און דאָס — דווקא אין דער ליבע פון א געפאַלענער, אין דער ליבע פון א זונה.

אלע דעגענערירטע פּערזענלעכקייטן ביי דאָסטאָיעווסקין ווילן זיך ראַטעווען אויף דעם דאָזיקן וועג. ראַסקאָלניקאָוו און סאָניאַ מאַרמעלאַדאָוואַ. סאָניאַ הייסט ראַסקאָלניקאָוון זיך מודה זיין, אז ער איז דער מערדער. אין זיין ליבע צו סאָניאַן גייט זיך ראַסקאָלניקאָוו איבערגעבן דער פּאָליציי. אויפן וועג קושט ער די ערד. די צוצוקער מיינען, אז א הייליקער איז עולה־רגל קיין ירושלים, און זיי ווייסן נישט, אז דאָ גייט א פאַרברעכער נעמען אויף זיך די קאַטאָרגע. אָן אויסוועג? ביי דאָסטאָיעווסקין ווימלט עס מיט אַזעלכע אויסוועגן פאר זיינע העלדן. איך ווייס נישט וויפל פּאָזיטיווע דערגרייכונג עס איז פאַראַן אין די דאָזיקע געפערלעכע גענג. יעדנפאלס טוען עס מענטשן נאָך דעם טיפסטן יאוש. און דאָס טוען גאַנץ שטאַרקע פּערזענלעכקייטן, אויסגעשפּראָכענע אינדיווידואַליסטן, וואָס דעם גאַנצן חשבון צווישן זיך מיט דער וועלט קעמפן זיי אויס אין די ד' אמות פון זייער אייגענעם וועזן. ד. ה. דער מיטלפּונקט פון דער גאַנצער עקזיסטענץ ווערט אריבערגעטראָגן אין דער אייגענער פּערזענלעכקייט אריין. די פּערזענלעכקייט נעמט אויף זיך די גאַנצע אחריות: די פּערזענלעכקייט איז די וועלט. ווען די פּערזענלעכקייט פאַרשפּילט, פאַרשפּילט אויך די וועלט. ביי אַזעלכע טראַגישע „וועלט־פאַראַנטוואָרטלעכע" טרעפט־אָפט, אז זייענדיק אליין שוין פולשטענדיק אין יאוש, זוכן זיי דעם יאוש אויך

ביי אנדערע. צוויי פארשפּילטע פּרוּוון צוזאמען די לעצטע מעגלעכקייט. עוזר ווארשאווסקי פּרוּווט אויך די דאָזיקע „לעצטע מעגלעכקייט" מיט איינעם פון זיינע העלדן. דערביי שיידט זיך אָט אָ דער אויסדערוויילטער העלד לגמרי נישט אָפּ פון זיינע איבעריקע חברים אינעם ראָמאן. נישט ער איז א שטארקערער, נישט א קאָמפּליצירטערער אינדיווידום. ווארשאווסקי איז איבערהויפּט אין נאטוראליזם א טיפּישער קאָלעקטיוויסט. ער שילדערט נאָר די מאסן־באוועגונגען און דאָס מאסן־לעבן. די איינצלנע פּערזאָנען זענען פולשטענדיק אָרגאניש צוגעבונדן צום קאָלעקטיוו. זיי לעבן דאָס לעבן פון קאָלעקטיוו און באוועגן זיך אין דער אטמאָספערע פון קאָלעקטיוו. אין ווארשאווסקיס ראָמאן פעלט לגמרי, אזוי צו זאָגן, דער איינצלנער העלד, וואָס זאָל אויסטראָגן דעם שיקזאַל אויף אייגענער פאראנטוואָרטלעכקייט. אלצדינג געשעט דורכאויס קאָלעקטיוויסטיש. אויב ווארשאווסקי גייט מיט איינעם פון זיינע פּארשוינען מאכן דעם דאָסטאָיעווסקישן עקספּערימענט — יענע טראגישע „לעצטע מעגלעכקייט" — טוט ער דאָס נאָר, ווייל ער „שעמט" זיך צו זיין אזוי געפּילדאָז און ער וויל כאָטש איינעם פון זיינע העלדן ארויסראטעווען פון דער שרפה. ווארשאווסקיס „יחיד" שפּילט נישט קיין שום ראָלע, מען קאָן מיט אים אלץ וואגן. נישט דער ווידערגעבורט פון דעם דאָזיקן „יחיד", נישט דער אונטערגאנג זיינער, קאָן עפּעס אוועקנעמען אָדער צוגעבן דעם געשעען אין ראָמאן (ביי דאָסטאָיעווסקין קאָן די אנטשיידונג פון גורל פון איינצלנעם העלד אנטשיידן דעם שיקזאַל פון גאנצן ראָמאן). אין די „שמוגלארס" ווערט דער גזר־דין געחתמעט אינעם קאָלעקטיוויסטישן וועזן. ביי ווארשאווסקין: אין קאָלעקטיוויסטישן אונטערגאנג. דער קאָלעקטיוו צאָלט פאר זיינע מעשים.

* * *

דער שמוגלער מענדל באקאָנט זיך מיט דער פּראָסטיטוטקע נאטשע. מענדל ווערט געפערלעך קראנק. נאטשע וואכט ביי זיין בעט. ביי מענדלען קומט א גרויסער פיזישער איבערברוך. ער שטייט א טריט פארן טויט. יסורים לייטערן אים. אין דעם הארץ פון דער זונה וועקט זיך א שוועסטערלעך מיטגעפיל פאר א ליידנדיקן מענטש. דורך דער דאָזיקער צייט קומט די לייטזעליקייט אויף די ביידע געפאלענע — די ליבע.

דער שמוגלער ווערט דערביי שטיל און נאאיוו ווי א קינד. די זונה ווערט א סאמאריטין. זיי הויבן אָן צו באקומען מיטליד צו אנאנדער. נאָך מער: נישט בלויז רחמנות צו אנאנדער, נאָר מיטלייד צו זיך אליין. דורך דער ליבע הויבן אָן דער שמוגלער און די זונה מיט זיך אליין מיטצולײַדן. דאָס טיפסטע אינערלעכע באנעמען צו וואָס א מענטש קאָן נאָר דערגרייכן. דאן קומט איבער זיי א דאנקבארקייט:

„און עס ווערט אין אים נאָך שטארקער די דאנקבארקייט,

אין וועלכער ער דערשפירט זיך לויטערער און פרישער".

און ער

„ווייסט נישט אויב זי איז די אייגענע נאטשע, ווי שטענדיק אָדער א נייע איז זי דאָ פאר אים".

„מענדלס ווייכקייט איז געווען די (בשעת דעם מיטליידן) וואָס דער גרעסטער יונג ווען ער דערשפירט זי אין זיך, קאָן ער דעמאָלט נעמען די צארטסטע זאך אין דער האנט אריין, די ווייסעסטע ליליע, אָן שום שאָדן און זי וועט ארויס פון זיין האנט אומבאפלעקט... און אפשר — אפשר נאָך ווייסער ווי פריער, ווייל זי איז געלייטערט דורך נאָך א צווייטער צארטקייט".

דאָס לײַדן. דאָס מוחל־זיין זיך. די שטילע ליבע צווישן דעם שמוג־לער מיט דער זונה.

ביי דעם דאָזיקן שמוגלער וועקט זיך אפילו צוריק אויף דאָס געפיל פון דער ראסע.

עוזר ווארשאווסקים פעדער ציטערט־אויף מיט א לירישן צער ביים באשרייבן די דאָזיקע איידעלע סצענעס. אין הארצן פון דיכטער אליין נאָגט די הרטה. וויל ער זאָגן א טרייסט־וואָרט? די געטער זענען גרויזאם. דער שיקזאל פון די „שמוגלארס" — זיין אנטשיידונג, ליגט נישט אויף דער וויא דאָלאָראָסא פון וואָסער נישט איז איינצלנעם מענטש. די אנטשיידונג ליגט ערגעץ אנדערשוווּ. אין קאָלעקטיוו.

.11

אויך שמעון האָראָנטשיק געהער צו וויסנבערגס נאַטוראַליסטישער שולע. אחוץ דעם רייכטום פון באָבאַכטונגען און רעאַליסטישע כאַראַקטער־צייכענונגען, — כאַראַקטער־צייכענונגען סיי פון די העלדן, סיי פון זייער סביבה, — האָט האָראָנטשיק נאָך דערצו אַריינגעבראַכט אַ נייעם מאָטיוו אין דעם נאַטוראַליזם פון דער יידישער ליטעראַטור אין פוילן. איידער איך וועל רעדן וועגן די אַנדערע אייגנשאַפטן פון דעם דאָזיקן זייער טאַלאַנטפולן און פּולבלוטיקן שריפטשטעלער, וויל איך נעמלעך, אָנ־צייכענען די טענדענצן פון די דאָזיקע נייע מאָטיוון.

האָראָנטשיק פאַרמאָגט נישט די סאַטירישע און ביז אין גרונט טיפע אַנאַליזע פון עוזר וואַרשאַווסקי, אַ סאַטירע וואָס דעקט אויף אונטער דער גאַנצער „געזונטקייט" פון יידישן רעאַליזם אויך זיין אומהיימלעכע און טראַגישע באַדנלאָזיקייט. באָדנלאָזיקייט — אַנדערש קען מען נישט אָנ־רופן אָט אָ דעם יידישן נאַטוראַליזם, וואָס צעפאַלט זיך און דעגענערירט אונטער דעם ברוטאַלן אָנקום פון דער נייער צייט. וואַרשאַווסקי פירט דעם יידישן נאַטוראַליזם קאָנסעקווענט צו צו זיינע לעצטע גרענעצן. וואַר־שאַווסקי באַמיט זיך נישט אפילו אַרויסצוהייבן דעם דיפערענצירטן יידישן מענטש פון דער גרויסער מאַסע פון צעפאַלענעם און באַדנלאָזן קאָ־לעקטיוו. נישטאָ ביי וואַרשאַווסקין קיין דיפערענצירטע פערזענלעכקייט. אין אומקום קאָן זיך גאָרנישט נישט דיפערענצירן. דער איינצלנער איז נישט מער ווי אַ חרוב ברוך־שטיק פון אַ זיך־צעפאַלנדיקער מאַסע. ניין, האָראָנטשיק גייט נישט אַזוי ווייט. הגם אויך האָראָנטשיק שילדערט די — דורך דער מלחמה־צעפאַלענע יידישע מאַסע אין שטעטל. ער שילדערט דעם שמוגל, ער שילדערט די פּלוצימדיקע ווירטשאַפטלעכע אויפטרייסלונג, וואָס האָט מיטאַמאָל פאַרן שטעטל געבראַכט סיי נויט און סיי וווילשטאַנד.

און דערביי איז דאָס שטעטל היפּש דעמאָראַליזירט געוואָרן. אין תּוך זיינעם — און דאָס אונטערשיידט האָראָנטשיקן פון וואַרשאַווסקין, און ער באַנוצט זיך דערמיט אַלס מיטל אין זיין קונסט — איז האָראָנטשיק אַ מאָראַליסט. יעדער מבול האָט אין האָראָנטשיקס אויגן זיינע הונדערט־פּראָצענטיקע צדיקים און זיינע הונדערטפּראָצענטיקע רשעים. אין דעם דראַמאַטישן קעגנשפּיל פון טונקלסטן שוואַרץ און העלסטן ווייס אַנטשטייט די דינאַמיק פון דער געזעלשאַפט. האָראָנטשיקס גרויסע ראָמאַנען באַשטייען פון איין זייט פון גוטע און וואָרהאַפטיקע מענטשן — די גוטע און וואָרהאַפטיקע געפינען זיך על פּי רוב אויף דער ליניע פון די אָרימע, פון די אַרבעטער און פון די אונטערדריקטע. און פון דער אַנדערער זייט: שלעכטע, אומברחמנותדיקע, גיריקע און דעמאָראַליזירטע מענטשן. זיי, די רשעים, געפינען זיך צווישן די רייכע, די זאַטע און די אויפגעקומענע גבירים, וואָס האָבן מיינסטנס געמאַכט זייער פאַרמעגן פון שמוגל און מלחמה־פּראָפּיט. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אויף דיביידע קעגנזעצלעכע ליניעס שטייען נאָך פאַרשידענע צווישן־טיפּן. און האָראָנטשיקס ראָמאַן־פּערסאָנאַזש איז אויסערגעוויינלעך רייך מיט פאַרשידענע און אַלערליי טיפּן און פיגורן. האָראָנטשיק האָט סיי אין זיינע מעלות, סיי אין זיינע חסרונות ענלעכקייט מיט באַלזאַקן. געווים דאַרף מען דאָ נישט פאַרגלייכן די מאָס פון טאַלאַנט, די מאָס פון קולטור, און די ברייטקייט פון דעם פראַנצויזישן לעבן, וואָס באַלזאַק שילדערט. יעדנפאַלס, דאָס גוטע און ליכטיקע, און דאָס טונקעלע און שלעכטע — זיי זענען די צוויי ספערעס, פון וואַנען האָראָנטשיקס העלדן קומען אַרויס. האָראָנטשיקס העלדן באַוועגן זיך אין זייער קעגנשפּיל און פירן זייער קאַמף אויף די פלאַכן פון אָט אָ די צוויי ספערעס.

האָראָנטשיקן מוז מען דורכאַויס צורעכענען צו די הונדערטפּראָצענטיקע יידישע נאַטוראַליסטן אין דער יידישער ליטעראַטור אין פּוילן. ער האָט זיך אַליין געהאַלטן פאַר אַ געטרייען תּלמיד פון ווייסנבערגן. די גוטע און די שלעכטע כּוחות אין דער געזעלשאַפט שטאַמען נישט — ביי האָראָנטשיקן — פון קיין שום אידעאַליסטישע און מעטאַפיזישע איבער־ספערעס ווי ביי פּרצן און אַשן. דאָס שוואַרצע און דאָס ווייסע מישן זיך נישט אַריין אין האָראָנטשיקס רעאַליזם ווי כּוחות פון אַ דרויסנדיקער

איבער־ספערע. מען קאָן אפילו זאָגן, אז זיי, דאָס גוטע און דאָס שלעכטע, זענען אימאַנענט אין האָראָנטשיקס רעאַליזם ווי נשמות אין א גוף. האָ־ראָנטשיקן איז ווייט יעדע מעטאַפיזישע אינטערפּרעטאַציע. אפילו דעם שיקזאַל אינטערפּרעטירט ער נישט מעטאַפיזיש. גוטס און שלעכטס זענען עצמדיקע עלעמענטן פון האָראָנטשיקס רעאַליזם, פלייש פון זיין פלייש און בלוט פון זיין בלוט. זיי זענען באַדינגט אינעווייניק אין די רעאַלע כוחות פון לעבן. ביי האָראָנטשיקן זענען דאָ צוויי לעבנס־רעאַליזמען — א שלעכ־טער און א גוטער.

דער הויפּט־מאָטיוו פון האָראָנטשיקס שאַפן איז דאָס שטעטל. אויך האָראָנטשיק זעט אין שטעטל די אור־געשטאַלט פון דער פּויליש־יידישער ווירקלעכקייט. אין די אַלטע גוט־פּאַטערלעכע צייטן האָט מען אפשר גע־קאָנט גלויבן, ווי אש — הגם מענדעלע האָט בנוגע דעם שטעטל נישט גע־האַט קיין אילוזיעס — אז דאָס שטעטל אין פּוילן איז עפּעס ווי א היס־טאָריש־יידישע סטאַטישע רואיקייט און עס ליגט זיכער אונטער דעם טער־קישן פאַרטעך פון דער מלכה שבת: אז דאָס שטעטל איז וווּנדערלעך איינגעהילט אין שטילע תהילים־געזאַנגען און אז אָט דער אינערלעכער בטחון איז געגוג שטאַרק אויף צו לעבן און עקזיסטירן. האָראָנטשיק האָט אין שטעטל געזען די אייגענע לעבנס־פּראָצעסן ווי אין יעדער מענטשלע־כער ווירקלעכקייט. דער לעבנס־פּראָצעס אין אייביקן געראַנגל פון גוטס און שלעכטס. די מלחמה און דער שמוגל האָבן די דאָזיקע פּראָצעסן נאָר שטאַרקער אויפגעשטייגערט. אלצדינג — דער גאַנצער אמת פון לעבן איז ארויסגעקומען אויף דער ברוטאַלער אויבערפלאַך פון דער נייער תקופה.

אין האָראָנטשיקס ראָמאַן „אין געמויש פון מאַשינען״ — וואָס שפּילט זיך אָפּ היפּשע יאָרן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה — הויבט זיך שוין אָן דער אינערלעכער צעפאַלונגס־פּראָצעס פונעם שטעטל. די סיבה איז ווידער די אייגענע ווי אין גאַנצן סאָציאַלן לעבן: די גרויסע שטעט מיט דער מאָדערנער אינדוסטריע, די פאַבריקן און די מאַשינען. דער קאַ־פּיטאַליזם צעשטערט די קליינע אַלטע ישובים. נישט דוקא יידן ווערן „אי־בעריק״ אין שטעטל, אויך די „איבעריקע״ מענטשן פון גויאישן דאָרף וואַנ־דערן אהין, אין די גרויסע אינדוסטריע־צענטערן, ווו עס איז א געברויך אויף לוין־ארבעטער און מענטשלעכע הענט. דער היסטאָרישער גורל פון

סאָציאַלער נויטווענדיקייט טרעפט — און מוז טרעפן — דאָס אַלטע יידישע שטעטל. אין אַזעלכע האַרטע עקאָנאָמישע אומוואַנדלונגען מוז אויך דער גייסט ווערן אומגעוואַנדלט און איבערגעבראָכן. האַראָנטשיק באַמיט זיך צו שילדערן די פּסיכישע איבערברוכן וואָס אַנטשטייען אין דער נשמה פון דעם יידישן יינגל וואָס קומט צום ערשטן מאָל פונעם שטעטל אין דער גרויסער שטאָט אַריין, קיין וואַרשע. דאָס יינגל מוז עמיגרירן און פאַרלאָזן די אַלטע יידישע נעסט אין פּוילן, דאָס היימישע שטעטל. זיין גאַנצע משפּחה איז שוין אין וואַרשע און זיי אַרבעטן דאָרט אין דער פאַבריק, אין דעם גערויש פון די מאַשינען. אויך דעם יינגלס מוטער וווינט שוין אין וואַרשע צוזאַמען מיט אירע עלטערע קינדער. פאָרנדיק אויף דער באַלעגאָלישער בויד חלומט דאָס יינגל וועגן דעם נייעם גרויסשטאָטישן לעבן און שטעלט זיך פאָר דאָס גרויסע וואַרשע ווי אַ שענערע און בעסערע וועלט. אפילו די וואַרשעווער מענטשן קומען אַרויס אין זיין קינדערישער פאַנטאַזיע בעסערע אין די נייע גרויס־וועלטישע באַדינגונגען. זיכער בעסערע מענטשן. און דאָס יינגל אין דער באַלעגאָלישער בויד דערמאָנט זיך אָן די שלעכטע מענטשן אין שטעטל, למשל, זיין פעטער. ניין, אין דער שיינער גרויסער שטאָט זענען מן הסתם אַזעלכע שלעכטע מענטשן נישטאָ. אָבער שוין ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט דעם אויסערלעכן אויסזען פון דער גרויסער שטאָט, אַנטוישט זיך דאָס יינגל. ער אַנטוישט זיך גאָר ביטער.

„דאָס ערשט־פאַרלאָזטע היים־שטעטל האָט זיך אים מיט אַמאָל אַ שטעל געטון פאַר די אויגן ווי אַ גן־עדן, אַ גן־עדן וועלכן ער האָט פאַרלוירן, שוין אייביק פאַרלוירן. אַלע ווייען און ביטערנישן, וואָס ער האָט דאָרט לעצטנס איבערגעלעבט, אפילו דער בייזער פעטער יאָסל און די שלעכטע מומע זענען אים איצט פאָרגעקומען שיין און גוט. און דאָך — אַך. די גראָקייט און אָרימקייט — „זיין" וועלט איז חרוב געוואָרן דאָ אין דער פאַבריק־שטאָט, און עס זענען אים געבליבן צוויי ברירות: אַרומגיין פאַרטרויערט מיט חורבן אין האַרץ, אָדער זיך צופּאַסן צום נייעם לעבן מיטן באַוווּסטזיין, אַז אַזוי מוז זיין. דאָ גייט דאָס לעבן אַזוי־ערנאָך (פּויליש־יידישער אויסדרוק). — און שוין. מער נישט טראַכטן פון אַמאָליקן באַלעבאַטישן שטייגער לעבן אין שטעטל".

אין דעם גאַנצן ראָמאַן „אין גערויש פון מאַשינען" ווערט געשיל־דערט די דאָזיקע ביטערע אַנטוישונג אין יעדער העכערער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט. האָפענונג און אַנטוישונג איז אַ כשוף־ראָד, פון וועלכן די מענטשלעכע געזעלשאַפט קאָן זיך קיינמאָל נישט אַרויסבאַקומען. האָ־פענונג און אַנטוישונג, שוואַרץ און ווייס — איז דאָס די אייביקע נויט־ווענדיקייט פון שיקזאַל? אין דער מאָדערנער צייט פון יידישן לעבן גייט אויך אָן דער קאַמף צווישן שוואַרץ און ווייס, ד. ה. צווישן גוטס און שלעכטס. די גרויסע שטאָט, און דער עיקר דער קאַפּיטאַליזם, נישט בלויז וואָס זיי האָבן פאַרטיפט די עקאָנאָמישע קעגנזאַצן צווישן די מענטשן — אויף האָראָנטשיקס אָפּשניט צווישן די יידן — נאָר — און נאָך שטאַרקער — זענען טיפער געוואָרן די מאָראַלישע קעגנזאַצן. דער אָפּגרונט צווישן די קלאַסן איז געוואָרן פינצטערער און אומהיימלעכער. מאַשינען רוישן אין די רויטע לופטלאָזע מויערן און אין דעם גערויש פון די מאַשינען זענען די אַלטע אידילישע שיינקייטן פון אַמאָליקן שטעטל אָפּגעווישט געוואָרן פון דער אויבערפלאַך פון יידישן לעבן. אַלע שטעטל־מנהגים, וואָס האָבן אין זיך געטראָגן דעם ריח פון לאַנגע יידישע דורות, די תורה, די יידישקייט, דער תהילים און דער חומש, זענען פאַרבליבן צווישן די איינגעפאַלענע ווענט פון די בתי־מדרשים און צווישן די טאָפּאָליען אויף די שטילע פּוי־לישע וועגן. זיי זענען געבליבן ווי רעליקוויעס, ווי אַלטע שמות. אַראָפּגע־בלאָזענע גאָלדיקע בלעטער פון אַ היסטאָרישן האַרבסט. דאָס לעבן גייט אומברחמנותדיק זיין וועג און ווייסט נישט פון קיין סענטימענטן. די יידן אין די גרויסע שטעט האָבן פון זיך אויסגעטון די בונטע געוועדער פון אַלטע יידישע טראַדיציעס אין פּוילן און זענען געוואָרן מער אינטערנאַ־ציאָנאַלע מענטשן. אינטערנאַציאָנאַל אין מענטשלעכער נאַקעטקייט. אינ־טערנאַציאָנאַל אין דעם זין פון די קאַמפן און די ווידערשפּרוכן פון דער אייגנטלעכער מענטשלעכער נאַטור. אין דער גרויסער שטאָט וואַרשע האָבן מיר די גאַנצע טראַגיק פון די דאָזיקע ווידערשפּרוכן אין דער געזעלשאַפט. די ווידערשפּרוכן צווישן גוטס און שלעכטס. דער תהום צווישן רייך און אָרים, ד. ה. דער תהום צווישן די באַדינגונגען צו זיין שלעכט און די באַ־דינגונגען צו זיין גוט, האָט זיך דאָ, אין וואַרשע, גיכער פונאַנדערגעעפנט ווי אין שטעטל, ווו דער פּלאַץ פאַר די ווידערשפּרוכן אין מענטש איז נישט

נעווען גענוג גרויס. האַראַנטשיק שילדערט די גראָבע און היהשע עגאָטיש־קייט פון די רייכע, די מיאוסע אויפגעקומענקייט פון דעם פּאַרוועניו. און פון דער צווייטער זייט: אינעם גערויש פון די מאַשינען פאַרוועלקן די יונגע לעבנס וואָס זענען אהערגעקומען פון שטעטל און דאַרן איין אין עלנט און אין נויט. די אָרימקייט און די שווערע ביטערע אַרבעטס־באַדינ־גונגען אין דעם גערויש פון די מאַשינען פרעסן זיך איין אין די נשמות פון די אַרבעטער און דעמאָראַליזירן זיי. דאָ קומט ביי האַראַנטשיקן א וועג נישט. ווען נישט דער גוטער און ליכטיקער כוח, וואָס ליגט אין די דערני־דעריקטע. אָט דער גוטער עלעמענט אַנטוויקלט זיך צו א שטאַרקן רעוואָ־לוציאָנערן טעמפּעראַמענט און פירט אַרויס די אַרבעטער צום קאַמף פאָר דעם גוטן אין גאָר דער וועלט.

פון דאַנען נעמט זיך האַראַנטשיקס באַגייסטערונג פאַר דעם רעוואָלו־ציאָנערן סאָציאַליזם. סאָציאַליזם קומט פון זיין מאָראַליש געפיל און פון דעם גלויבן, אז אינעם קאַמף צווישן דעם גוטן און שלעכטן איז דער זיג — מוז דער זיג וויי־ניקסטנס זיין — אויפן צד פון דעם גוטן. אין זיין ראָמאַן „1905" שילדערט נעמלעך האַראַנטשיק די העראָאישע קאַמפן פון די אַר־בעטער פאַר דער זאַך פון דעם גוטן, ד. ה. פאַר דער סאָציאַלער באַפרייאונג פון דער מענטשהייט. א באַפרייאונג פון אונטער דעם שלעכטן און שוואַרצן כוח, וואָס עס שטעלן מיט זיך פאָר די זאַטע און די רייכע.

אין ראָמאַן „זומפּ" גיט זיך האַראַנטשיק ספּעציעל אָפּ מיט דער שלעכטער זייט פון דער יידישער געזעלשאַפט. „זומפּ" איז א ראָמאַן פון דער נייעם אויפגעקומענעם פּאַרוועניו־קלאַס, וואָס האָט זיך אַרויסאַנט־וויקלט פון די לייכטע געווינסן אין דער מלחמה־צייט, פון די שמוגלאַרס און אַנדערע אויפגעקומענע אויסנוצערס. אָט זענען איינצלנע בילדער פון דעם, ווי אַזוי האַראַנטשיק שילדערט די דאָזיקע פּאַרוועניוס:

„דער מסחר־ראָד האָט זיך דעמאָלט — נאָכן קורצן שטיל־שווייגן איבער דער „בעסע" — שוין ווידער געדרייט, דאָלאַרן זענען געפלויגן אין דער הויך, נישט צו דעריאָגן...

גאָלדפעלדס שכן, דער וואַלוטניק אין האַרטן קאַפּעלוש, איז

נאָכאַנאַנד געקומען צולויפן פון גאַס אויפן הויף און אַרויפגעשריגן צו זיינע פענצטער צום זון:

— יוזיפ, „האַרטע דבר־אחרס" מיט צען פונקטן אַרויף. אוועקגעלאָפן און באַלד געקומען ווידער.

— יוזיפ, „גרינע" — מיט אַכצן פונקטן אַרויף.

אין אַ ווײַלע שפּעטער מיט אַ פאַרשאַרצטן קאַפּעליוש אין פאַרביסענע ליפּן:

— יוזיפ, צוריקהאַלטן פון פאַרקויפן — אַלץ פליט.

און יוזיפ, דער זון, וואָס דערלײדיקט די וואַלוטע־עסקים אין דער היים, ענטפערט דעם פאָטער אויף אַלע בשורות מיט איין און דעם זעלבן: — פּאַפּאַ — כ'הער... גוט... („זומפּ").

„אין דעם אַמאָליקן שטילן רואיקן שטעטל קומט איצט פאָר דער זעלבער האַנדל־וואַנדל־גאַלאָפּ, ווי אין די גרעסטע שטעט: דער האַנדלט וואַלוטע, יענער פּאַסקוועט, שפּעקולירט, און אַ דריטן שאַצט מען אַזוי הויך, אַזש עס שווינדלט פאַר די אויגן פון דער לאַנגער שורה נולן מיט וועלכע מען שטעלט פאָר, וויפל זיין פאַרמעגן באַטרעפט שוין.

דאָ, אין קליינעם שטעטל, גייט דער נישט־כשרער מסחר־גאַלאָפּ פראַנק און פריי, אין סאַמע מאַרק. אין פּולן ווינט יאָגן און דרייען זיך די וואַלוטע־און שפּעקולאַציע־מיל־רעדער... עס ווימלט דער שטעטלדיקער מאַרק מיט סוחרים — קויפער און פאַרקויפער, אָדער ביידע גלייכצייטיק... עס באַשאַפן זיך רעדלעך, בינטלעך סוחרים קומען זיך צוזאַמען, טענהן עפּעס, היצן זיך און מאַכן מיט די הענט, און ווי זייפנבלאָזן אין אַ באַליע — צעפּאַלן זיי זיך, וואַקסן אויס אין אַ צווייטן ווינקל מאַרק, צעפּאַלן זיך ווידער און וואַקסן גלייך אויס אַנדערשוווּ.

בענדעטן איז עטלעכע מאָל אויסגעקומען אַדורכצוגיין דעם

מאַרק. קיינער האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט, אים נישט באַמערקט. דער עולם דאָ (כמעט דאָס גאַנצע שטעטל) איז פאַרהאַוועט, פאַריאָגט; נישטאָ קיין צייט: יעדע רגע איז געלט... ווי אין שכרות, מיט צעבערענטע געלט־גייציקע אויגן לויפט מען אַרום, ווי די צעררייצטע הינט... אָט באַווייזט זיך אַ פּויער מיט פון אַמעריקע באַקומענע דאָלאַרן — עס ווערט אַ צוזאַמענגעלויף פון דעם גאַנצן מאַרק סוחרים, מען באַפאַלט דעם פּויער פון אַלע זייטן: יעדער בינטל שותפים שלעפּט אים צו זיך, מען רייסט זיך ווי אַ כאַפּטע הינט אַרום אַ געפונענעם ביין..."

„גאָלדפעלד איז געזעסן, אויסגעהערט דעם „איכה" וואָס איז צוזאַמען מיט קולות אויף זיין ווייבס משפחה. געגאַנגען פון זעלדעס מויל. אין קאָפּ האָט אים כסדר געבאָמבלט דער סוף פון דעם פּאַטערס משל אויף די שפּעקולאַנטנס פאַרמעגנס... האָט אויפגעשיינט די זון, דער שניי איז צעגאַנגען געוואָרן און פון די אָנגעזאַמלטע טונען גאָלד איז געבליבן וואַסער, ברודיק וואַסער".

(סוף פון „זומפּ").

די מלחמה האָט פאַרטונקלט די ליכטיקע זייטן פון דער גרויסער מאָראַל, וואָס דער אַרבעטער־קלאַס האָט אין די צייטן פון דער רעוואָלוציע אַרויסגעטראָגן אויף די פאָדערגרונטן פון דער געזעלשאַפט. אַזוי ווי די וועלט איז סך־הכל אַן אייביקע וואָג־שאָל, האָט זי זיך, די וועלט־הייסט עס, דורך דער מלחמה אַראָפּגעבויגן אין דער זייט פון דער פינצטערניש. די פאַרדאָרבענע מענטשן זענען אַרויפגעקומען אויף דער אויבערפלאַך מיט זייער גאַנצער זאַטער גיריקייט.

אין קעגנזאַץ צו וואַרשאַווסקין — וואָס זעט דעם ענדגילטיקן צעפאַל פון אַלעם און אַלצדינג — זעט האָראָנטשיק דעם מאָראַלישן חורבן נאָר אויף איין זייט — אויף דער זייט פון דעם פינצטערן. האָראָנטשיק לאָזט אונדז תמיד אין דער האָפענונג, אַז דער מאָראַלישער כוח פון די אָרימע וועט פונאויפסניי זיין אין שטאַנד אַריבערצוּוועגן די וואָג־שאָלן פון דער וועלט אויף דער זייט פון דעם גוטן.

אין זיין ראָמאַן „פאַרפּלאָנטערטע וועגן" וויל האָראָנטשיק באַווייזן, אַז אויך די יידישע אינטעליגענץ איז נישט פאַרשוינט געוואָרן פון דעם דע־מאָראַליזירנדיקן שלעכטס. די יידישע אינטעליגענץ האָט פאַרגעסן איר בונד מיט די אָרימע פון די יאָרן 1905־1906, און זי איז פאַרקראָכן אויף „פאַרפּלאָנטערטע וועגן". אין די רייען פון דער יידישער אינטעליגענץ האָט אויך געזיגט דער עגאָאיזם און די פאַלשקייט, און זי, די יידישע אינטע־ליגענץ, איז ליידער מער נישט דער מאָראַליזירנדיקער און עטישער פאַק־טאָר ווי זי איז געווען אין די ערשטע יאָרן פון דער אנטשטייאונג פון דער יידישער ליטעראַטור. די „פאַרפּלאָנטערטע וועגן" זענען געשריבן געוואָרן ווי אַ פאַמפלעט אויף דער יידישער ליטעראַטור אין פּוילן. איבערהויפּט ווערן דאָ אָנגעגריפן די יידישע שריפטשטעלער, וואָס האָבן פאַרגעסן זייער גרויסע באַשטימונג אין דער יידישער געזעלשאַפט און זענען אויך געוואָרן — לויט האָראָנטשיקס מיינונג — אַ טייל פון דעם שלעכטן גייסט פון דער צייט. דער ראָמאַן „פאַרפּלאָנטערטע וועגן" האָט בשעתו מיט זיין שאַרפן פּאָלעמישן נוסח, אַזוי צו זאָגן, אַרויסגערופן אַ שטורעם אין די יידישע ליטעראַרישע קרייזן אין פּוילן. מיט דעם פּאָלעמישן טאָן פון זיין ווערק האָט זיך האָראָנטשיק אויך — קעמפעריש — געשטעלט אויף דער זייט פון זיין מייסטער י. מ. וויסנבערג. וויסנבערג האָט יאָרן־לאַנג — אין דער צווישן־תקופה — מיט וואָרט און שריפט געפירט אַ קאַמף קעגן אַלצ־דינג און אַלעמען אין דער יידישער ליטעראַטור. ער איז סיי קעגן דער יידישער ליטעראַטור, סיי קעגן די חשובסטע יידישע שריפטשטעלער אַרויס־געטרעטן מיט די האַרבסטע מאָראַלישע באַשולדיקונגען. די באַשולדיקונ־גען זענען על פּי רוב נישט געווען באַרעכטיקט און מער געשטאַמט פון וויסנבערגס פּערזענלעכע פאַרביטערונגען.

שמעון האָראָנטשיק, ביי זיינע אַלע זייער ווערטפולע איינגנשאַפטן, האָט ער דאָך נישט געהאַט באַהערשט דעם גוטן שריפטשטעלערישן סטיל און די גוטע קינסטלערישע טעכניק פון דער פאָרם. זיינע באַאָבאַכטונגען, דאָס רייכטום פון זיינע פּערסאָנאַזשן, זייער גאַנצע לעבנס־באַוועגונג און לעבנס־טעטיקייט האָט האָראָנטשיק נישט באַוויזן אַריינצופּאַסן אין דער איינגנטלעכער שלימותדיקער פאָרם. דאָס איז זיין גרעסטער פעלער און זייער אַ פאַרדריסלעכער פעלער. האָראָנטשיק איז אפשר געווען צו פּראָדוק־

טיוו און דעריבער האָט ער ווייניק צייט געהאַט צו ארבעטן איבער זיך, און שווער צו ארבעטן. די פאָרם־בלויזן האָט האַראַנטשיק פארשטופּט מיט די ניין מאָסן פון בארעדעוודיקייט. אויך זיין בארעדעוודיקייט קומט צייטנ־ווייז ארוים היפּש ווולגאר. זיין שפּראַך איז שטאַרק פארנאַכלעסיקט און ער האָט, ליידער, ווייניק געטון דערצו אויסצואיידלען און אויסצוגעשטאַל־טיקן דעם מאַטעריאַל פון דער יידישער שפּראַך, ווי עס האָבן דאָס מיט גרויס דערפאָלג געטון אנדערע יידישע שריפטשטעלער אין פּוילן. יעדנ־פאַלס, אלס ראָמאַניסט איז האַראַנטשיק איינער פון די אינטערעסאַנטסטע ראָמאַניסטן אין דער יידישער ליטעראַטור אין פּוילן.

.12

אויב מען קאָן עמיצן אָנרופן דעם אייגנטלעכן אנטיפּאָד צו דעם נאַטוראַליזם אין דער יידישער ליטעראַטור אין פּוילן, — ד. ה., דער אַנ־טיפּאָד צו ווייסנבערגס שולע, — איז עס נישט דער נאָמען פון י. ל. פּרץ. ס'איז משה קולבאַק.

פּרץ האָט זיך אוועקגעשטעלט מיט דער יידישער ליטעראַטור אויף אַן אַנדער עקזיסטענץ־ספּערע: אויף דער אידעאַליסטיש־אינדיווידואַליסטי־שער עקזיסטענץ־ספּערע. די ווערט־מהותן פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָבן אויך צוגלייך געזאָלט זיין די ווערט־מהותן פון יידישער עקזיס־טענץ, האָט י. ל. פּרץ אידעאַיש און־אויך־אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער ספּערע פון יידישער אויסגעלייטערטער דערהויבנקייט. די ספּערע פון היי־ליקע און צדיקים, פון יידישע איבערמענטשן. אָט דאָס איבער־יידישקייט האָט געזאָלט זיין די קאָמפּענסאַציע פאַר אַלע אונטער־יידישקייטן אין דער יידישער ווירקלעכקייט, צו וועלכער מענדעלע האָט געהאַט אַזוי פיל פאַר־ביטערטע סאַטירע. ווייסנבערג און זיין שולע האָבן זיך אפילו דורכאויס באַמיט צו באַווייזן, אַז נאַטוראַליסטישע און סטיכישע יידישע ווירקלעכ־קייט איז סך־הכל א געזונטע מענטשלעכע סטיכיע און א פּאָזיטיווער לעבנס־באַשטאַנד. די ווייסנבערגיסטן האָבן די יידישע נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ גע־פּרוווט צו געפינען — און צו באַרעכטיקן — אין א נאַטורהאַפטיקער סטי־כישקייט פון יידישן לעבן. מיר זענען פּונקט אַזוי נאַטורהאַפטיק און פּונקט אַזוי סטיכיש ווי אַלע מענטשן. און דאָס איז שוין ממילא דער צופרידנ־שטעלנדיקער לעבנס־תוך. אַי ווי אַזוי? די יידישע סטיכישע געזונטקייט לעבט רעכטלאָז אין קראַנקע אומנאָרמאַלע באַדינגונגען און זי ליגט אין א „טאָרבע". די יידישע ווירקלעכקייט מוז זיך דאָך פאָרט ערשט שאַפן פּערספּעקטיוון און אידעאַלן פאַר איר באַפרייאונג און פאַר איר פרייהייט.

דאָס האָבן די יידישע נאַטוראַליסטן אין זייער אָנהויב כמעט ווי נישט געזען. געשלעגן, א טאָפּ צימעס, גוטער אַפּעטיט און סעקס — דאָס זענען געווען גענוגנדיקע אטריבוטן פאַרן יידישן נאַטוראַליזם. און ער, דער יידישער נאַטוראַליזם, איז געווען אין דער דעה באשיינפּערלעך מיט דעם אויסצוקומען. ס'האָט ערשט באדאַרפט אויסברעכן די וועלט־מלחמה, כדי וואַרשאַווסקי זאָל אַרויסטרעטן מיט אזא שווידערלעך בילד וועגן דער באָדנלאָזיקייט פון א הוילן אידעענלאָזן יידישן נאַטוראַליזם. פּרץ האָט ווי דעם יידישן היסטאָרישן ווערט־תוך נעמלעך געברענגט די איבער־יידישע עקזיסטענץ, דעם שבת־יום־טוב, די גאָלדענע קייט פון יידישער אידעענהאַפטיקייט.

קולבאַק איז אידעאיש א פּרציאַנער. אָבער זיינע דערהויבענע ווערט־יידן ברענגט ער נישט, קולבאַק, פון דער ספערע פון די אָפּגעקליבענע איבער־יידן. ניין. פון דער זעלבער ווירקלעכקייט, פון וואַנען דער יידישער נאַטוראַליזם האָט געשעפּט די אונטער־יידישע סטיכיע, פון דאָרט שעפּט קולבאַק די איבער־יידישע סטיכיע. ביי קולבאַקן איז דאָס משיח־פּרציאַנישע נישט בלויז די אבסטראַקטע, די גאָלדענע אידעע פון יידישער עקזיסטענץ, זי איז מער: זי איז פיל מער. דאָס משיחישע איז די אימאַנענטע סטיכיע אין און פון דער יידישער עקזיסטענץ. קולבאַקס יידן, וואָס טראָגן אין זיך די געהיימנישפולע און טיפע בשורה פון אן ענדגילטיקער דערלייזונג פון דער וועלט, זיי וויסן באוווּסטזיניק אפשר אליין נישט פון דער דאָזיקער ווונדערלעכער וועלט־שליחות זייערער. דאָס זענען פּראָסטע גראָבע יידן, פּראָסטאַקעס און אַרענדאַרן. אָט אָ די אלע פּראָסטאַקעס, אין וועלכע דער יידישער נאַטוראַליזם האָט געוואָלט זען די סטיכישע און ברוטאַלע יידישע נאַטורהאַפטיקייט, גראָד אין זיי זעט משה קולבאַק די אייגנטלעכע טרעגער פון דעם פּרצישן־יידישן־וועלט־אידעאַליזם. נישט די „משיח בן דודס", ד. ה„ די אויסגעקליבענע און אויסגעכאָוועטע, גייערט, די פּראָסטע שבפּראָסטע צווישן יידן, דער רוי־ליים פון יידישער עקזיסטענץ, די „משיח בן אפרימס", זענען ביי קולבאַקן דערהויבן געוואָרן צו דער העכסטער מדרגה פון א קאָסמישער געהיימנישפולקייט. נישט די שבת־יידן זענען די אויסלייזער, די מאָנטיק־יידן, די געווענלעכע יידישע חי־וקימס, די יידישע וואָכעדיקייט — זיי זענען די אויסלייזער. ווער זענען אָט די יידן? דאָס

איז דער סוד. קולבאַקס יידן ווייסן אַליין נישט צו זאָגן ווער זיי זענען. אין זייערע ווילדע צעפּאַטלטע בערד, אין זייערע פּויערישע פּעלצן, מיט בעריאָזענע שטעקנס אין די הענט גייען זיי אַרום אין די העכסטע הימלען פון דער וועלט. זיי טרעפן אין די וועלט־דערהויבנקייטן ווי פּויערים אין זייערע כאַטעס און ווי פּאַסטעכער אין זייערע קי־שטאַלן. נישט אין דעם וואָס זיי ווילן, די דאָזיקע יידן, — דער ווילן זייערער איז אַ טיפער און אַ שטומער ווי די שטומקייטן פון דער וועלט — נאָר אין דעם, וואָס זיי זענען, אין זייער בלויזער עקזיסטענץ ליגט דער גרויסער סוד פון זייער לעבן. זיין הקדמה צו „משיח בן אפרים" הויבט קולבאַק אָן מיט דעם פּאָלגנדיקן בילד וואָס זאָגט אונדז געננוג וועגן זיין היסטאָריש־יידישן קוק:

„די אַלע וואָס האָבן זיך אויסגעמאָסטן מיט דעם יחוד יאהווע, די ל"ו, גייען אַרום אָפּגעזונדערטע און עלנטע ביים ברעג פון דער וועלט.

אין דער פינצטער בלייבן זיי אַמאָל פּלוצים שטיין, זיי דערשפּירן זיך אין דער ווייטעניש, נאָר קיינער זעט קיינעם נישט. אין האַלבער נאַכט, ביים ברעג פון דער ערד, גייען זיי, גרויסע יידן מיט הויכע שטעקנס, איינגעבויגענע אויף דער בלויקייט פון הימל.

און ביים יום הדין, דעמאָלט קומען זיי מיט די צעפּאַטלטע בערד, באַפּעלצטע, אין שטיוואַלעס, מיט בעריאָזענע שטעקנס אין די הענט. און זיי פרעגן נישט: זיי קומען און זעצן זיך צופוסן פון דעם כסא הכבוד.

זיי לייגן אַריין אַן אָרבל אין אַן אָרבל און וואַרימען זיך אין דער הייליקייט פון דעם אַלמעכטיקן.

און זיי פאַררויכערן די ליולקעס זייערע.

דער אַלמעכטיקער זיצט אויף דעם כסא הכבוד און שמייכלט.

עס געפעלן אים זיינע פּשוטע צדיקים."

דאָס זענען אַלע פּראָסטע האַרעפּאַשנע יידן פון שטעטל, אַרענדאַרן אין די דערפער, יידן פון די טיפע רווישנדיקע פעלדער. זיכער קאָן מען דאָ זען די איינפלוסן פון פּרצעס „פּאָלקסטימלעכע געשיכטן", אָבער גאָר אין אַן אַנדערן אַספּעקט. דאָס זענען נישט קיין באַוווסטזיניקע נסתרים, וואָס

וויסן אייגנטלעך אלץ און באהאלטן זיך אוים מיט זייער וויסן אין די טונקעלע ווענט פון בית־המדרש, יידן וואָס לייענען די סודות פון יידישער עקזיסטענץ אין די בלעטער פון די אלטע יידישע ספרים. דאָס ל״ווישקייט פון קולבאקס יידן ליגט אין דער טבע פון זייער ערדישער פּראַקטיקייט, אין זייער מענטשלעכן רווי־ליים לייכטן זיי מיט די ליכטער פון אלע זיבן הימלען.

„ר׳ בעניע איז געזעסן אויף דער פּריזבע און ארויסגעקוקט צום וועג ארויס. עס איז געווען א ווייסער פארנאכט אין רייסן, האָט ער געעפנט די אויגן און דערזען: דריי מענטשן קומען אָן מיטן וועג.

ער האָט זיך אויפגעהויבן און ארויסגעגאנגען די מענטשן אנטקעגן.

דריי פּארוואקסענע יידן, באפּעלצטע, מיט טאָרבעס אויף די פּלייצעס, זענען מיט שווערע טריט אָנגעקומען פון וואלד.

ר׳ בעניע האָט זיך דערנענטערט צו די אורחים אויפן וועג און זיי אָפּגעגעבן שלום. די יידן האָבן אים אָפּגעענטפערט שלום, אים אָנגעקוקט און הייזעריק עפּעס א ברום געטון, אָבער א וואָרט נישט ארויסגערעדט.

ר׳בעניע האָט די אורחים צוגעפירט צום שטוב און ברייט גע־עפנט פאר זיי די טירן פון זיין הויז.

עס האָבן זיך טיף די יידן איינגעבויגן פאר די אוסאקעס פון די טירן, מחמת זיי זענען געווען גרויס און הויך געוואקסן.

און אין שטוב איז שוין צוגעפאלן די נאכט.

די אורחים האָבן פּאמעלעך אָפּגעלייגט די טאָרבעס מיט די שטעקנס, עס האָט געשמעקט פון זייערע בגדים — דזשעגעכץ און דער ריח פון וואלד.

ר׳ בעניע האָט די אורחים זיינע מיט גרויסע חידושים באקוקט.

אויף די ברייטע בענק ארום טיש האָבן זיי זיך אָפּגעזעצט, די גרויסע גופים האָבן געשטארצט אין דער פינצטערניש, ווי קאָרטשעס פון אלטע ביימער.

ר׳ בעניע האָט ביי זיי געפרעגט: פון וואנען זענען יידן?

דער עלטערער פון די אורחים האָט אויף אים אויפגעהויבן די

וויעס, ארויסגענומען די ליימענע לולקע פון דער קעשענע און גע־זאָגט:

— פון רייסן.

מער האָט ער נישט געהאט וואָס צו פרעגן, מחמת די רעיונות זענען ביי ר׳ בעניען געווען צוגעוואקסן צום פלייש.

אין דער טונקלעניש דער אומעטיקער האָבן די בלויע שייבלעך געלויכטן, און די יידן האָבן אויסגעלייגט זייערע פעלצן אויף די בענק.

ר׳ בעניע האָט אָנגעצונדן א קינעלע. די אורחים האָבן זיך משונהדיק א קער געטון אין דעם שטיבל, ווארפנדיק שאָטנס אויף די ווענט. און די בהמה אין שטאל האָט פון עפּעס געוווּסט, איז זי ארויס פון איר ווארעמען שטאל און האָט אריינגעשטעקט דורכן פענצטער דעם קאָפּ אין שטוב אריין, זי האָט זיך צוגעהארכט".

„האלבער נאכט זענען די אורחים אויפגעשטאנען, זיי האָבן אָפּגעגאָסן נעגלוואסער און ארויסגענומען די תהילים.

זאלבעפערט האָבן זיי זיך אויסגעזעצט אויף דער ערד.

עס איז געווען קאלט די ליימיקע פּאָדלאָגע, מחמת דעם קילן באגינען. דאָס בהמהלע איז נאָך אלץ געשטאנען אין דעם אייגענעם פענצטער און געפרוירן. קאלט.

די יידן האָבן מיט זייערע הייזעריקע שטימען געזאָגט תהילים מיט א חושכדיקער התלהבות.

זיי האָבן צוגעמאכט די אויגן און געקוקט נישט אין דער וועלט.

די יידן האָבן נישט געהערט די שטים, וואָס רעדט, נייערט די פינצטערע שווייגעניש, וואָס איז געלעגן אינעווייניק און נישט גע־קאָנט ארויסגיין.

— די תפילה פון אן אָרימאן, וואָס איז פארטייעט געוואָרן; און פאר גאָט טוט ער אויסגיסן זיין הארץ...

און אין דער נאכט האָבן זיך שוין גענומען ארויסשיילן די ערשטע פייערן פון דעם כאור."

זיי דרייען זיך ארום מיט גראָבע שטיוואלעס אין די וועלדער, אויף די פעלדער צווישן גראָזן און פּי. אין זייערע רויע הייזעריקע קולות ליגן

איינגעוויקלט די קאַפּיטלען פון די געבעטן פון תהילים. אין דער טונקלקייט פון זייער נשמה, וואָס גלייכט צו די טונקלקייטן פון די וועלדער, ברענט דאָס גרויסע מענטשלעכע התלהבות, ווי די פייערן אין די סמאָלע־אויוונס.

אין דער מענטשלעכער אָרימקייט זייערער ליגט דאָס רייכטום פון דעם מענטש. אין זייערע וואַלד־טאָרבעס טראָגן אָט די פּראָסטע יידן ארום נאָטס וואָרט איבער דער וועלט.

אין קאַפּיטל „דערקענטעניש״ אנטפּלעקט קולבאַק אין דער פּאָלגנ־דיקער פּראָזע דעם גרויסן יידישן פּאַנטעאיזם, וואָס מאַכט אים פול און נעמט ארום זיין געמיט:

„ער האָט פּאַמעלעך משיג געווען דעם ליים פון זיין קערפּער״.

אין דער גאָר רויער מאַטעריע פון א יידישער גופיקייט, אַזוי צו זאָגן, אין דעם מכלומרשט נידעריקסטן יידישן מאַטעריאַליזם, לאָזט קול־באַק אויסשפּילן די וווּנדערלעכסטע ליכטער און די וווּנדערלעכסטע שאָטנס פון א יידישער איבערוועלט. אין זיין באַהאַנדלען דאָס ליכט אין דער מאַ־טעריע, — אפילו אין יענער ערדישער מאַטעריע — וואָס שפּילט בלויז ווי א רעקוויזיט און דעקאָראַציע ארום דער באַוועגונג פון זיינע פּראָסטע און הייליקע וועלט־יידן, — האָט קולבאַק, אין זיין מאָלערישקייט, אסך ענלעכקייט מיט רעמבראַנדן.

„דאָס אָפּגעלאָשענע ליכט פון טאָג האָט זיך אויסגעלייגט אויף
די באַשאָטנטע טאַפּעטן, געשימערט און באַפּלעקט העלע שטיקער
פון די טונקעלע דילן״.

אויך רעמבראַנד האָט אין דער גרעבסטער וועלט־מאַטעריע געזען די גרעסטע וועלט־ליכטיקייט. רעמבראַנדס טיפע און רויע טונקלקייטן האָבן העל און העל געלויכטן. אויך רעמבראַנד איז פּאַנטעאיסט און איז אין זיין וועלט־געפיל נאָענט צו שפּינאָזאן. און עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר קולבאַקן: שמחה פּלאַכטען, — אָט אַ דעם קלאַסישן יידישן פּאָלקס עם־הארץ, וואָס איז נאָך כולו „ערד״ און ער ווייסט נאָך גאָרנישט, און זיין צונג איז נאָך נישט באַפרייט פארן וואָרט — אָט דעם פּראָסטן ייד, וואָס לעבט פּרימיטיוו אין וואַלד צוזאַמען מיט אַלע שטומע באַשעפעניש,

— נעמט קולבאַק אַרום מיט דער געהיימנישפולער הייליקייט פון דער יידישער וועלט־עקזיסטענץ. קולבאַק מאַכט שמחה פּלאַכטען פאַר א הויפּט־פיגור פון זיינע משיח בן אפרימס.

קולבאַק איז אַ פּאַנטעאיסט. נישט נאָר די פּראָסטע יידן, וואָס ליגן נאָך אין גאַנצן אין ליים פון דער ערד, לייכטן אַרוים אין טיפסטן וועלט־ליכט. אויך אַלע שטומע קרעאַטורן, וואָס לעבן צוזאַמען מיט אַט אָ די פּראָסטע מענטשן, שטייען אין דער דאָזיקער וועלט־ליכטיקייט. ס׳איז אַ פּאַנטעאיסטיש געפיל, וואָס דערמאָנט אין די גרויסע רעליגיעזע מענטשן און אין די הייליקע פון דעם מענטשן־געשלעכט. אין דעם דאָזיקן אויפ־וואַכן פון דער גאַנצער וועלט אין איר אינערלעכער דערלייזונג שילדערט קולבאַק דאָס געשטאַלט פון אַ יידיש קיעלע. אַ קיעלע, א ל״וניצע. די גאַרע וועלט הויבט אָן דאָ צו שיינען אין דעם געהיימנישפולן דערקענטעניש־ליכט, וואָס גייט אַרוים פון די קאַפּאָטעס פון די דאָזיקע פּראָסטע יידישע „מאָנטיקס״:

„דאָס קיעלע איז אַרוים פון שטאַל און איז אַוועקגעגאַנגען.

די עלנטקייט פון דער בהמה האָט זי אַרומגענומען און זי איז אַוועק בלאָנדזשען איבער דער וועלט, אָפּריכטן גלות.

איז זי געגאַנגען פון איין געגנט אין דער אַנדערער, און אַר־מעטום האָט זי געזען, אַז דאָס לעבן איז וויסט און ליער. באַטאָג האָט זי זיך געלייגט שלאָפן אין שאָטן פון אַ ווערבע, אָדער אין אַ בעריאָ־זעווען וועלדל, און ביינאַכט ערגיץ אין אַ גרובן, וואָס באַזייט פון וועג.

נאָר דאָס קיעלע האָט דאָס רוב ביינאַכט אַרומגעבלאָנדזשעט.

ר׳בעניע האָט זיך אַמאָל אויפגעכאַפּט פון שלאָף און אין דער פינצטער איז ער צוגעקראָכן צום פענצטער, האָט ער דערזען: העט ווייט ביים ברעג פון דער ערד, צוגעשפּאַרט צום הימל, איז געגאַנ־גען דאָס בהמהלע.

אַליין, אַליין דעם קאָפּ אויפגעהויבן, די אויערן אויסגעצויגן און דאָס עקעלע אַריינגעדריקט צווישן די פיס.

אַזוי איז זי געגאַנגען דאָס קיעלע, די צדקניות, וואָס האָט זיך צוגעהערט צום יאָמער פון דער וועלט.

און אמאָל אין א לבנה-נאכט האָט זי מיטאמאָל אויפגעצי־טערט. עס האָבן זיך אויפגעעפנט די לעפּלען פון אירע אויגן, און זי האָט דערזען אין א ווייטן לאנד ביים ברעג פון א טייך זיבן דארע־קי, אירע אמהות.

זיי זענען געשטאנען באלויכטן פון דער לבנה, אָנגעבלאָזענע און אָפּגעשמאָרעטע, (אָפּגעמאָרעטע?) און דער כוח פון דער ערד האָט געיאָגט דורך זייערע ביינער מיט א הייסער שטורעמדיקער פינצטערניש.

זייערע גרויסע ביינער האָבן ארויסגעסטארצעט ווי העלצער, און די פארגליווערטע בהמהשע אויגן האָבן ארומגענומען די גאנצע וועלט, מחמת אויך די בהמות בענקען נאָך דער שווייגנדיקער ערד, זיי זענען מקנא די בערג, וואָס שטייען רואיק, און אויך זיי, די בהמות, פארשילטן דעם טאָג פון זייער געבזירן.

דאָס קיעלע האָט צונויפגעבראָכן אירע פיס און אין מיטן דער נאכט האָט זי זיך אוועקגעלייגט רעווען און קלאָגן, פאר וואָס מען האָט זיי באשאפן...״

מיר האָבן א קבליסטיש־עראָטישע קאמף־סצענע צווישן ר׳ בעניען און ליליתן. עס גייט אָן דער לעצטער געראנגל צווישן דער מאטעריע, וואָס איז אויסגעלייזט געוואָרן דורך איר אינערלעכער ליכטיקייט — און דער מאָטעריע, וואָס ליגט נאָך טיף אין איר חיהשער אינערלעכער פינצטער־ניש. וועלט־ליכט און וועלט־פינצטערניש. די דאָזיקע מיסטיש־גראָטעסקע סצענע איז איינגעהילט אין אָריגינעלע מאָראלישע מאָמענטן, דאָס שפּילן פון ליכט און שאָטן איבער די רעקוויזיטן זענען דער אויסדרוק פון דער טראגישער און קאָסמישער שאפונג פון זעלישע כוחות. מיר טרעפן דאָ ביי קולבאקן אזעלכע ריין מאָלערישע אקסעסוארן ווי „געל באלויכטענע שטוב״, „געלע האלב־ליכטיקייט״, „געלע טונקלעניש״. עס זענען מאָלע־רישע עמפּינדונגען וואָס דערמאָנען אין סעזאן, אין מאנעט און אין דער מאָדערנער פראנצויזישער מאָלעריי. אָבער קולבאקס מאָלערישער עמפּינדן שטאמט דורכאויס פון זיין וואונדערלעך פאנטעאיסטיש געפיל, נעמלעך א געפיל: אז נישט בלויז דער מענטש איז דער אויסדרוק פון דער וועלט־

נשמה, נייערט אַלע זאַכן דריקן אויס די נשמה פון דער וועלט און רעדן איר שפּראַך.

עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש ווי קולבאַק באַהאַנדלט דאָס שטעטל. אויך ביי אים דריקן אויס די לאַנדשאַפטן, די הייזלעך און די געסלעך פון דעם שטעטל די אידילישע שטימונגען פון אירע איינוווינער. די הייזלעך און די פעלדער זענען ביי אים די זעלביקע זעלישע רעקוויזיטן פון יידישער שבת־רואיקייט, פּונקט ווי עס זענען אירע רעקוויזיטן די בונטע טערקישע טיכער אויף די אַקסלען פון די יידישע פרויען און די שווערע סאַמעטענע פּרוכתן אין די שולן. קולבאַק האָט די דאָזיקע רעקוויזיטן נאָך מער פאַרטיפט אין דער גנעל־טונקעלער געהיימנישפולקייט פון זייער ליכט. זיי זענען נישט די בלויזע דעקאָראַטיווע דראַפּעריעס אויף דער יידישער נשמה. זיי זענען אַליין לייכטנדיקע שטיקער פון דער יידישער נשמה. זיי זענען — אין זייער מאַטעריעהאַפטיקייט — שטיקער פון דעם יידישן וועלט־געמיט, וואָס קולבאַקס יידן טראָגן אַרום איבער דער וועלט. קולבאַקס שטעטל איז נישט קיין רואיקע אידיליע, ווו אַלע וואַסערן שטייען שטיל און מען קאָן זיי זען און אַרומגיין זייערע ברעגעס. ביי קולבאַקן רוישן אומהיימלעך די וועלדער, און עס איז אַ טונקעלע מיסטעריע פון אַ גרויסן וועלט־סוד, וואָס עס טראָגן מיט זיך אַרום אין זייערע בערד און אין זייערע פויערישע סוקמאַנעס די שווערע האַרעפּאַשנע גופים פון קולבאַקס יידן. קיינער קאָן דאָ נישט וויסן די וועגן וואָס פירן אַריין אין קולבאַקס שטעטל און די וועגן וואָס פירן פון איר אַרויס. אין אירע קאָנטורן און צייכענונגען איז אָט דאָס שטעטל ענלעך צו די שאַגאַלישע שטעטל־וויזיעס. די זעלבע עקזאָטישע געהיימנישפולקייט פון אַ ווירקלעכקייט, וואָס פאַרוואַנדלט זיך אין אַ מיסטעריע.

„עס זענען געווען רעגנדיקע טעג. די שטעטלעך האָבן זיך גע־שאָקלט אויף אינעווייניק הויז אויף הייזל. עס האָבן זיך געהוידעט די פאַרשלומפּערטע געסלעך, די פאַרצייטיקע דעכער אַריבער דעכער, איינע אויף די אַנדערע, צוגעטאַנצט מיט די געדיכטע רעגנס און גע־וויגט זיך אַהין און אַהער, אַהין און אַהער גרויע און אָפּגערעגנטע. שוסטערס האָבן געקלאַפּט מיט די האַמערלעך: עס האָט זיך

געהייצט די באָד, קוימענקערערס זענען געשטאַנען אויף די דעכער.

פון רייסן צו זשאַמוט, פון זשאַמוט צו ליטע האָבן זיך אי-בערגעקלאַפּט און איבערגעשריגן שטעטעלע צו שטעטעלע, ווי גרוי-סע זייגערס, צעוואָרפענע איבער די פּליינען...

בעלי עגלות אונטערוועגנס האָבן אונטערגעשטופּט מיט די פּלייצעס די וועגענער זייערע, אָנגעלאָדענע מיט משאות.

תהילים האָט מען געזאָגט אין אַלע הייזער — א ים תהילים".

„דאָס גאַנצע שטעטל האָט געלויכטן מיט א טאָפּלטער ליכ-טיקייט: פון שניי און פון דעם מולד.

עס האָבן זיך די יידן ארויסגערוקט פון די הייזער, אָנגע-פּעלצטע, ארומגעוויקלטע מיט פאַטשיילעס, שטומע געקליבן זיך אויף די שול־הויפן און אויף די ווייסע מערק מחדש צו זיין די לבנה.

אין דער בלאַנקענדיקער ווייסקייט האָבן זיי זיך געשלעפּט, ווי בינטלעך שמאַטעס, פּאַזע די הייזער, ביי די ראָגן פון די גאַסן.

דער גאָט פון שטעטל איז געזעסן אויף א נידעריקן דאַך, אַן אַלטע פאַרדייוועטע קליאַטשע מיט פאַרטריקנטע קאָפּיטעס און מיט א צעשויבערטן עק הינטן.

די יידן האָבן זיך געקליבן אין רעדלעך אויף די מערק, גע-שאָקלט זיך, און זייערע לאַנגע שאָטנס האָבן זיך אויסגעצויגן אי-בער די ציכטיק־פינקלענדיקע ווייטקייטן פון די גאַסן.

עס האָבן אויסגעקרימט די הייזער זייערע דעכער, געצויגן זיך צו דער הויך ארויף מיט קרומע קאַנטן ווי מאָוימדיקע הויקערס".

די דאָזיקע האַרעפּאַשנע געזונטע יידישע ווירקלעכקייט אין טיפן אורליכט פון דער אייביקייט איז אבסאָלוט קעגנזעצלעך צו דעם נאַטוראַ-ליזם פון ווייסנבערגן. ביי ווייסנבערגן האָט יידישע ווירקלעכקייט נישט קיין אויסוועג, ביי קולבאַקן געפינט זי א תיקון אין איר אינערלעכער וועלט-דערלייזערישקייט. עס איז פּרץ, אָבער א סך ווייטער ווי פּרץ. „אויב נישט העכער" ווי פּרץ. דעריבער איז קולבאַק אויך סאָציאַליסט. אין דעם גרויסן

נעפּיל פון מענטשלעכער דערלייזונג, וואָס ליגט אינעווייניק אין דער יידי־שער מאסע, ליגט אויך איר סאָציאַלער קאמף.

צום סוף וויל איך נאָך דערמאָנען דאָס וווּנדערלעכע בילד, וואָס קולבאַק מאָלט, נעמלעך, די צווייאיקייט צווישן דער וועלט פון גופישער מאכט און גופישער לוסט און צווישן דער וועלט־דערלייזערישקייט אינעווייניק אין די פּראָסטע יידישע מאסן. אין פּאַלאַץ פון פּריץ ווּרובלעווסקי גייט אָן א באַל. שכרות, לוסט, וויין און ווייבער. ליידנשאפטלעכע טענץ פון זינדיקע צעהיצטע גופים. אויף א הויבעניש אין זאַל, אײנגעבויגן איבער די שפּיל־כלים, זיצן די ל״ו ווי יידישע קלעזמאָרים. זיי האַלטן פאַרמאכט די אויגן, כדי נישט צו קוקן אויף דער וועלט פון תאווה און גופישקייט. זיי, די יידישע קלעזמאָרים, שפּילן מכלומרשט צו צום טאַנץ פון די פריצישע מאכט־האָבער. אָבער די ל״וניקעס זאָגן גאָר תהילים דורך די טרומייטן, פייפאָלן און פּויקן.

13.

קולבאקס אנטיפאַד איז ישראל ראַבאַן.

פּונקט ווי קולבאַק האָט ישראל ראַבאַן אָנגעהויבן צו שרייבן לי־דער, איידער ער האָט אָנגעהויבן צו שרייבן פּראָזע. פּונקט ווי אין קולבאקס לידער ליגן שוין אַלע עלעמענטן פון זיין פּראָזע, אַזוי ליגן אויך אין ראַ־באַנס לידער אַלע עלעמענטן פון זיין, ראַבאַנס, פּראָזע. די פּראָזע האָט נאָר ברייטער, דרייסטער און טיפער ארויסגערעדט דאָס וועלט־געפיל פון די לידער.

קולבאַק גיט דעם איבער־מענטש אין ייד. ראַבאַן גיט דעם אונטער־מענטש אין ייד. קולבאַק און ראַבאַן זענען ביידע וויזיאָנערן מיט גרויסער און מערקווירדיקער פאַנטאַזיע. אין קולבאַקס וויזיעס באַווייזט זיך די אייביקע יידישע שכינה. צו ראַבאַנען קומט אין זיינע וויזיעס די אייביקע אור־תהומישע חיה.

לאָמיר אָקערשט א קוק טון ווי ראַבאַן מאָלט א מענטש:

„דורך זיינע קליינע זעלטענע מאַנדל־פאָרמיקע אויגן וואָס מען געפינט ביי חזירים און קראָען, האָט דער בליק ארויסגעשיינט דורך א שפּעלטל בייז און אין כעס".

ניין, עס זענען אומזיסט אַלע אילוזיעס, אז דער מענטש, און דער ייד ווי א מענטש, איז ווערט און איז ראוי צו זיין עפּעס ווי א וועלט־דער־הויבנקייט. אייביקע עלנטקייט — דאָס איז דער מענטש. אייביקע עלנט־קייט, הונגער און נויט און אייביקע דעגענעראַציע, אייביקע ירידה צו דער חיה — דאָס איז דער וועג פון דעם מענטש. וואָרום דער מענטש האָט נאָך מיט גאָרנישט נישט זיך באַפרייט פון דער חיה. מיט זיין גאַנצן נפש שטעקט

דער מענטש נאָך טיף אין דער אומהיימלעכער תהומישקייט פון דער קרעַ־אַטור.

ישראל ראַבאָן איז דער אַסאָציאַלסטער שריפטשטעלער אין דער יידישער ליטעראַטור אין פּוילן. ער גלויבט נישט אין קיין שום געמיינשאַפט, און ער איז אַנאַרכיש פון פּעסימיזם. ראַבאָן איז קעגן יעדער געמיינשאַפט. געמיינשאַפט? וואָס טוט איר? געמיינשאַפט הייסט, צוזאַמענברענגען די מענטשן־חיות אונטער איין פינצטערן גורל.

צוויי מאָטיוון באַהערשן ראַבאָנס קונסט. און ראַבאָן נעהער גראָד — אָפּגעזונדערט פון פאַרשידענע חסרונות זיינע — צו די אינטערעסאַנטסטע יידישע פּראָזאַיקער אין פּוילן. צוויי מאָטיוון דעצידירן אין אַלע זיינע ווערק און גיבן זיי דעם אונטערשיידונגס־חותם — נויט און מלחמה.

ראַבאָן האָט געזען די נויט אין באַלוט און ער האָט געזען די מלחמה אויף די שלאַכט־פעלדער.

ישראל ראַבאָן קומט נישט פון שטעטל. ער איז אַ קינד פון דער פּוילישער גרויס־שטאָט, אַ קינד פון אָרימסטן אַרבעטער־קוואַרטאַל אין לאָדזש, פון באַלוט.

„באַלוט" אַזוי הייסט טאַקע איינער פון זיינע ראָמאַנען.

אין פּויליש־יידישן לעבן האָט לאָדזש פאַרנומען גאָר אַ באַזונדער אָרט. לאָדזש איז געווען די גרעסטע אינדוסטריע־שטאָט אין פּוילן. דער טיפּ פון לאָדזשער ייד האָט געהאַט אַ באַזונדערן כאַראַקטער. עס איז אַ שאָד, וואָס דאָס לאָדזשער יידישע בירגערטום איז אַזוי ווייניק באַשריבן געוואָרן אין דער יידישער ליטעראַטור. ערשט י. י. זינגער אין זיין גרויסער עפּאָפּעע פון די יידן אין פּוילן „די ברידער אשכנזי", האָט דער ערשטער געגעבן פאַר אַ טעמע אָט־אָ די מערקווירדיקע יידישע מענטשן. אין קעַ־גנזאַץ צו אַלע פּוילישע יידן האָבן די לאָדזשער יידן געהאַט אין זיך זייער ווייניק פון דער טיפּישער פּוילישער יידישקייט. זיי האָבן נישט געהאַט דאָס מינדסטע פון דער ראָמאַנטישער און וויכער פּראָווינציאַלישקייט פון פּוי־לישע יידן. לאָדזשער יידן זענען געווען וועלט־יידן אין פולסטן זין פון וואָרט. דאָס זענען געווען יידן, וואָס זייער גאַנצער פּסיכישער מהות איז געווען די אַבסטראַקטע ווייטקייט פון עפּעס אַן אומבאַשטימטער שטח־

לאָזיקייט. זיי זענען אויך געווען ראָמאַנטיקער, נאָר די ראָמאַנטיקער פון וועלטישער גרעניצלאָזיקייט. ראָמאַנטיקער פון דעם גרויסן סטיל. קודם כל האָט זיך עס גענומען דערפון, וואָס די גאַנצע ווירטשאַפטלעכע קאָנסטרוק־ציע פון די לאָדזשער יידן איז נישט געווען געבויט אויף דעם קליינעם פּוילן און אויף דער פּוילישער באַפעלקערונג. לאָדזשער יידן האָבן געאַר־בעט און פאַבריצירט מאַנופאַקטור־סחורות פאַרן גרויסן פאַרמלחמהדיקן צאַרישן רוסלאַנד, פאַר פּערסיע, פאַר כינע און פאַר די ווייטסטע עקן פון דער וועלט. לאָדזשער יידן האָבן קיינמאָל נישט געזען פאַר די אויגן די עקזאָטישע מענטשן וואָס האָבן אָפּגעקויפט זייערע סחורות, מענטשן אין רוסישע פּעלצן, מענטשן אין פּערסישע כאַלאַטן און מענטשן מיט כינעזי־שע צעפּ. לאָדזשער סחורות זענען פאַרקויפט געוואָרן אין די באַזאַרן פון ווייטן און נאָענטן מזרח און אין די טייגעס און שנייען פון סיביר. די זון איז קיינמאָל נישט אונטערגעגאַנגען איבער די לאָדזשער סחורות. לאָדזשער יידן האָבן געהאַט שטעקן זייערע פאַרמעגנס ביי די ווייטסטע שבטים הינ־טער די הרי־חושך און זיי האָבן די ווילדסטע פעלקער געגעבן קרעדיט. לאָדזשער יידן האָבן געשפּילט מיט דער וועלט א האַלדז־ברעכערישן האַ־זאַרד. דאָס האָט ביי די יידן אין לאָדזש באַשאַפן אַן אויסטערלישע היי־מישקייט מיט דער אומבאַקאַנטער וועלט. זיי האָבן כסדר געאַרבעט עפּעס פאַר אַן אומבאַקאַנטס און זייערע פאַרדינסטן און שאָדנס זענען שטענדיק ווי געפלאָסן פון די טונקעלע באַהעלטענישן פון דעם אומבאַקאַנטן. דאָס איז געווען די סיבה, וואָס ביי זייער גאַנצער אויסטערלישער און דרייסטער וועלט־פּראַקטישקייט האָבן די לאָדזשער יידן געהאַט אין זיך א סך פון מיסטיקער און א סך פון מנחם מענדלען. עס לוינט זיך צו שרייבן באַזונ־דער וועגן לאָדזשער יידן, איך אליין בין א לאָדזשער און איך קאָן זיי גוט. ס'איז אָבער דאָ נישט דאָס אָרט. אפילו י. י. זינגער האָט זיי נאָר באַרירט היפּש פון איין פּונקט.

באַלוט איז געווען די פאָרשטאָט פון דעם דאָזיקן מערקווירדיקן און מיסטישן לאָדזש. אין די קליינע אָרימע און ענגע הייזלעך פון באַלוט האָבן יידישע וועבער אין לאַנגע טעג און ביז שפּעט אין די נעכט געוועבט די געוואַנדער פאַר גאָר דער וועלט. און גאָר די וועלט האָט פאַר די באַלוטער וועבער נישט מער געהאַט ווי פּיין, הונגער און נויט. די נויט און די גרוי־

סע אָרימקייט פון באַלוט האָט אַ סך אין זיך אויפגעדעקט די אומהיילבאַרע עלנטקייט פון דער וועלט.

פון דאַנען, פון לאָדזש, האָט זיך אפשר געגומען, אַזוי צו זאָגן, דער־קאָסמישער און וויזיאָנערישער צוגאַנג, וואָס ראַבאָן האָט צו מענטשן. וואָלט ראַבאָן געווען פון אַ קליין שטעטל, וואָלט ער באַרייכערט די פּלעיאַדע פון די נאַטוראַליסטישע שריפטשטעלער אין דער יידישער ליטעראַטור. זיין אַסאָציאַלע אידעענלאָזיקייט וואָלט אים געפירט צו זיי. אין דעם מיסטישן לאָדזש — וואָס האָט אפילו ווירטשאַפטלעך געלעבט אין אַן אייביקער אויפגעהעצטער וויזיע פון ווייטע וועלט־שטחים — האָט זיך אויך ביי ראַבאָנען אַזוי וווּנדערלעך אַנטוויקלט אַ מיסטישע וויזיאָנערישקייט. זייענדיק אין מיטן פון דער באַלוטער נויט, האָבן ראַבאָנס וויזיעס כסדר באַלויכטן די געוואַלטיקע חיהשע גיריקייט, וואָס שטעקט אין דער (מיסטישער) פאַנטאַזיע פון אָט די לאָדזשער מענטשן. וואָס מער דער מענטש ווערט געזען אין דעם שיין פון דער וויזיע, אַלץ בולטער און אָפענער ווייזט זיך אַרויס דער גאַנצער גיהנום פון דער מענטשלעכער פּסיכיק. דאָס האָט ראַבאָן איינזייטיק געלערנט פון לאָדזש. פון יעדן מענטשס בליק קוקט אַרויס דער טייוול. מענטשן וויינען שטענדיק אין די רויטע שאָטנס פון דעם תהומישן גיהנום פון דער קרעאַטור. און דאָס איז דער מעפיסטאָפעלישער קאָלאָריט פון זייער וועזן. סוף כל סוף איז יעדער מענטש עלנט אַליין אין דער גרויסער עלנטקייט פון דער וועלט.

„מיין נשמה איז פאַרשלונגען געוואָרן אין דעם ריטם פון גאַרנישט־טון און ליידיק־גיין, אַרומגעבלאָנדזשעט איבער פרעמדע גאַסן פון אַ גרויסער אַרבעט־שטאָט און וואַרעמען זיך דעם רוקן אין דער זון, אין דער קילער אומעטיקער האַרבסט־זון, ווערנדיק דורך דער מאַכט פון הונגער און פרעמדקייט אָפּגעטיילט, אָפּגעשיידט פון דער גאַנצער וועלט. איך האָב אפילו ליב געקריגן מיין עלנט, מיין ביטערן שוואַרצן עלנט און די אומאויפהערלעכע בענקשאַפט נאָך ברויט און אַ ריין העמד". („די גאַס").

ראַבאָן מאָלט אַ הונגער־סצענע פון אַן עלנטן מענטש. דאָס דאָזיקע עלנטע אינדיווידום, ראַבאָנס העלד, איז אָקערשט צוריקגעקומען פון אַן אַנ־

דער שווי־פּלאַץ פון מענטשלעכער בעסטיאַליטעט. פון די שלאַכט־פעלדער. עס איז אַ הונגער־סצענע אין באַלוט. באַלוט, נעבן דער רייכער שטאָט לאָדזש, ווו דאָס געלט און די זאַטקייט קומען ממש פון די וואָלקנס. לאָדזש פּרעסט פון דער באַלוטער פּראַצע. באַלוט איז הונגעריק. דאָס איז די גע־שטאַלט פון דער וועלט. די דאָזיקע סצענע דערמאָנט האַמסונס „הונגער". נאָר דאָ ביי ראַבאָנען איז דער מענטש הונגעריק ווי אַ הונגעריקע חיה.

אין דעם דעגענערירטן רעאַליזם פון ראַבאָנס פּראָזע ליגט די חיהשע מיסטיק פון אַן אור־וועלט.

ראַבאָנס העלד שלאָפט אין אַ באַלוטער קעלער צוזאַמען מיט משוגעים. אין דער באַלייכטונג אין קעלער ביינאַכט טוען זיך אָפּ מאַקאַב־רישע וואַן־סצענעס. מען וויל דאָ אויפהענגען לעבעדיקע קינדער אינעם שיין פון דער הייליקער לאָמפּ ביים יעזוס־בילד. ראַבאָנס וועלט איז די ווילדע אור־פינצטערניש פון דער חיה וואָס הייסט וועלט. ראַבאָנס לידער זענען די פּריילעכע און אויסגעלאַסענע הפקר־געזאַנגען וואָס קומען אַרויף פון דער טיפעניש פון אָט אָ דער וועלט־נאַכט.

נאָך דעם עלנטן באַלוט קומט ראַבאָנס העלד פון די שחיטה־פעלדער אין דער מלחמה. ער איז אַ דעמאָביליזירטער זעלנער. און ער דערציילט אונדז זיין אינערלעכע מענטשן־דערקענטעניש. ער האָט ענדלעך טיף דער־קענט דעם מענטש. ער האָט דעם מענטש דערקענט אויף די בלוט־פעלדער. אין מיטן ווייסטע שוואַרצע נעכט, אין נאָענט־אַטאַקעס, אין אַ ווילדן גע־ברום פון חיהשער בלוטדורשטיקייט זענען מענטשן מחנות־ווייז איינע אויף די אַנדערע אַרויפגעפאַלן און האָבן זיך צווישן אַנאַנדער געשאָכטן אין געממיתט. מענטשן וואָס האָבן געשאָכטן מענטשן מיט ליידנשאַפט און מיט תאווה, און דאָס פאַרגאָסענע בלוט האָט גערייצט זייערע אמתע אינס־טינקטן. די שוידערלעכע בילדער פון פאַרוויסטונג און ברונסטיקן מאָרד זענען ביי ראַבאָנען זייער מאָלעריש געשילדערט. זיי זענען געשילדערט אין דער רויער און פּרעכער פאַרביקייט פון די בלוטיקסטע שלאַכט מאָלערייען. די שחיטה־פעלדער און די קעמפנדיקע מענטשן באַשרייבט ראַבאָן מיט אַ געוויס וואויל־געפיל, מיטן געפיל פון פילאָזאָפישער סאַטיספאַקציע: ענדלעך האָט דער העלד נישט געהאַט קיין טעות אין זיינע פּעסימיסטישע מחשבות וועגן מענטשן. אויף דעם שחיטה־פעלד האָט דער מענטש פון זיך אַראָפּגע־

וואָרפן אַלע שיינע מאסקעס פון קולטור און זיטלעכקייט. ער האָט זיך אויס־געטון נאקעט פון אַלע אָנגענומענע ליגנס און געוויזן דאָס, וואָס ער איז אין עצם — אַן אייביקע חיה. ראַבאָנס דערציילונגען זענען ריין מענטשלעך. זייער יידישקייט באשטייט דערין, וואָס אין תוך איז דער ייד פּונקט אַזאַ עלנטער און נישטיקער מענטש ווי אַלע מענטשן. קיינער קאָן זיך נישט באַ־פרייען פון זיין גורל: פון דעם אייביקן מענטשלעכן גורל צו זיין אַ חיה. אין דער אידענטיפיקאציע פון דעם מענטש מיט דער חיה דערציילט ישראל ראַבאָן פּאַלגנדיקע סצענע: נאָך אַ נאכט־אטאקע אויף די שלאַכט־פעלדער האָט דער העלד געבלאָנדזשעט איבער פוסטע שנייאיקע פעלדער און וועל־דער. ער האָט געהאט אַ צעהאקטן פוס און איז געווען הונגעריק און גע־פרוירן. דער פראָסט האָט מוראדיק געברענט, וואָרום די וועלט איז כסדר שטיפמוטעריש גרויזאם צום עלנטן מענטש. ווי אַ הונט בענקט דער העלד נאָך אַ ביסל ווארימקייט. ער טרעפט ליגן אויף אַ פעלד אַ האלב דערפרוירן פערד. דאָס פערד האָט נאָך געלעבט. דער העלד לייגט זיך ארונטער אונטערן פערד און ווארימט זיך אָן.

„איך האָב זיך געדריקט, געוואָרפן זיך, איבערגעדרייט זיך ווי אַ משוגענער, פון איין זייט אויף דער אנדערער אויף דעם פערד און געשלונגען ווארימקייט מיטן מויל און מיט די נאָז־לעכער. דאָס פערד, דערפילנדיק אויף זיך די מאסע פון מיין קערפּער, האָט אַ שוואכן, נעבעכדיקן מאכטלאָזן קרעכץ געטון. איך האָב ארונטער־געשטעקט אונטער דעם פערדס פאכוועס מיין פארבלוטיקטן, פאר־וואונדעטן פוס, און אויף זיין ווארימען בויך ארויפגעלייגט מיין קאַלט, געפרוירן פּנים און זיך געפּרעסט, געטוליעט אין זיין פעל. מיר איז אָבער נאָך אַלץ קאַלט געווען. איך האָב געציטערט און גע־מיינט, אַז איך קום אום פון פראָסט.

מיט איין מאָל איז מיר איינגעפאלן אַ ווילדער געדאנק, וואָס האָט מיך געמאכט אויפציטערן. איך האָב אַ געשריי געטון מיט דער מאָדנער וואנזיניקער פרייד פון אַ געראטעוועטן פון טויט.

איך בין שנעל אראָפּגעשפרונגען פון פערד אויף אַ טראָט, אין איין האסטיקן אָטעם ארויסגעצויגן מיין קאראבין־מעסער און — טראַך.

מיט א געוואַלטיקן אימפּעט, מיט פאַרקריצטע ציין האָב איך אַריינגעזעצט דאָס מעסער אין דעם פערדס בויך. דאָס מעסער איז אַריין ביז צום הענטל. אוי — האָט אַן אָפּגעהאַקט, טיף־מענטשלעך געשריי פון אַן אונטערגעהאַקט מענטשלעך לעבן א פּייף געטון אין דער לופט.

ניין! איך גלויב נישט, אַז א שטאַרבנדיק פערד זאָל קענען אַזוי טיף מענטשלעך שרייען. ניין, איך גלויב עס נישט. אפשר בין איך עס געווען דער, וואָס האָט אַרויסגעגעבן דעם לעצטן טויט־געשריי פאַר דעם פערד, וואָס איך האָב אַליין דערמאָרדעט?

אפשר האָב איך אַליין אַרויסגעגעבן דאָס לעצטע געשריי פאַר א שטאַרבנדיק באַשעפעניש וואָס האָט שוין נישט געהאַט קיין כוח צו שרייען?

א שטראָם פון געדיכטן, וואַרימען בלוט האָט א פּלייץ געטון אויף מיר: א לאַשטשנדיקע וואַרימקייט, א גלעטנדיקע, א ווייכע, א שווערע האָט געשטראָמט אויף מיינע הענט, וואָס האָבן געהאַלטן אין פאַרקוועטשטע פויסטן דאָס קאַראַבין־מעסער. די וואַרימקייט האָט געשטראָמט אויף מיין ברוסט, אויף מיין פּנים און אויף מיין האַלדז. מיט דער פאַרביסענער עקשנות פון א רויב־חיה, מיט פאַר־שלאָסענע ליפּן און מיט דער לעצטער קראַפט האָב איך מיטן מע־סער, מיט די הענט און מיטן גאַנצן קערפּער געריסן דעם פערדס בויך און אַרויסגעפּליקט פון אינעווייניק זיינע געדערים.

פאַר מיינע אויגן האָט געבלענדט א רויטע פינצטערניש. דעם פערדס בלוט האָט רויט געמאַכט די נאַכט. איך האָב אָבער דעמאָלט נישט געוווּסט, וואָס אַזוינס איז בלוט. כ׳האָב געשניטן, געריסן און געפּליקט די אינגעווייידן פון פערדס בויך און זיי אַוועקגעוואָרפן נעבן מיר.

עס איז אַוועק א צייט.

איך בין געוואָרן באַדעקט מיט א קאַלטן שוויים און אויסגע־ווייקט אין בלוט. דעם פערדס בויך איז ענדלעך געוואָרן ליידיג אַוודאי אויף פּוסט. איך האָב א שפּרונג געטון פון שמחה, זיך איינגעקאָרטשעט,

אויסגעצויגן אויף דער ערד און אַריינגעקראָכן אין פערדס בויך. מיר איז געווען וואַרים, גוט וואַרים.

עס איז מיר געווען באַקוועם אין דעם גרויסן, געראַומיקן בויך פון פערד. כ'האָב זיך געלייגט אויף א זייט און שנעל און מיד איינגעשלאָפן מיט א שווערן שלאָף...

אַז איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, איז שוין די זון געשטאַנען אין מזרח־טייל פון קאַלטן, פּראָסטיקן הימל, א דרייסטע, ווי א זעלנער אויף א ניי איינגענומען לאַנד".

יאָ. אין זיינע אַלע אינסטינקטן איז דער מענטש פאַרבליבן אַן אימאַנענטער באַשטאַנד-טייל פון דער חיה.

אַז דער העלד איז אַרויסגעקראָכן פון פערדס בויך, האָט ער זיך געטונקט אין בלוט. ער קוקט אויף זיך און רופט אויס:

„איך בין געווען איינגעפרוירן אין דער ערד. פון קאָפּ ביז פיס איינגעהילט אין א בלוטיקן, רויטן פּאַנצער פון פאַרפרוירן באָרדאָ־בלוט. די הענט האָב איך נישט געקאָנט אָראָפּלאָזן. זיי זענען געווען צעשפּרייט. מיינע פיס האָבן געקלעפּט צו דער ערד, און אויסגעזען האָב איך ווי א צלם —

גאָט מיינער. איך בין געווען איינגעוואַקסן אין דער ערד ווי א רויטער בלוטיקער צלם —"

אויך עראָס, די ליידנשאַפט און די ליבע גיבן דעם עלנטן מענטש נישט קיין גליק. אפילו אין זיינע באַגליקנדיקע ליידנשאַפטן קריכט דער מענטש צוריק צום כאַאָס. וואָרום ער אַליין, דער מענטש, איז נישט מער ווי א טייל פון דעם כאַאָס.

ראַבאָנס שפּראַך איז פּונקט אַזוי נאַקעט און רוי ווי זיינע העלדן און זיינע וויזיעס. ראַבאָנס שפּראַך פּוצט זיך נישט. זי איז דראַסטיש און אומפאַרשעמט אין אירע אויסדריקן. צו וואָס זיך נאַרן? אין דער שפּראַך רעדט דער מענטש, און זי איז דאָס וועזנהאַפטיקסטע שפּיגל־בילד פון זיין וועזן.

חוץ דעם שילדערט ישראל ראַבאָן דאָס לעבן פון וואַגאַבונדן. אַלע

זיינע הויפּט־העלדן זענען וואגאבונדן און היימלאָזע אין דער נאַקעטער־היימלאָזער וועלט. און כמעט אלע וואגאבונדן ביי ראבאַנען זענען אינטע־לעקטועל און ציניש ווי די אלטע ציניש פילאָזאָפן, וואָס האָבן אויף די מיסט־הויפנס געפּרעדיקט זייערע אמתן. זיי אלע, ראבאַנס העלדן, זענען אויפריכטיק ביז גאָר. און זיי ווילן זיין אויפריכטיק אין זייער צוריקגאנג צו דער חיה.

אין דער „גאס” (אזוי הייסן ראבאַנס ראָמאנען: „באַלוט” און „גאס”), געשריבן אין אן „איך”־פאָרם, שרייבט אן אומבאקאנט מיידל צום העלד פון ראָמאַן:

> „טייערער, איך האָב דיך געזען שלאָפן אויף דער גאַס אונ־טערן רעגן. אינעם פענצטער בין איך געשטאנען א האלבע נאכט און געקוקט אויף דיר, ווי דו, עלנטער און טייערער, ביסט געלעגן אויף דער גאס אויף דער שטיינערנער טרעפּ און געשלאָפן. איך האָב גע־זען דיין מיד פּנים, וואָס איז געפּאטשט געווארן פון ווינט און רעגן. איך האָב געזען, ווי דו ביסט געגאנגען ווי א גייסט, ווי א געשפּענסט איבער די גאסן מיט דעם רעקלאמע־פּלאקאט פון צירק „וואנגאָלי”. איך האָב דיך געזען ווי א היימלאָזן הונט ארומגיין אין פּארק, איינ־געגראָבן אין דיין צעריסענעם זעלנערישן מאנטל”.

פּונקט ווי קולבאקס רעאליזם אזוי פארוואנדלט זיך אויך ראבאַנס רעאליזם אין מעטאפיזישע בילדער פון א וויזיאָנערישער וועלט. ווען קול־באַק זעט אין זיינע וויזיעס די ענדגילטיקע וועלט־האַרמאָניע פון מענטש־לעכן לעבן, די וועלט־דערלייזונג, — זעט ראבאַן דעם אייביקן באָדנלאָזן באָאָס פון דער וועלט. די אייביקע האָפענונגסלאָזיקייט פון מענטשלעכן עלנט.

14.

פאר דער ערשטער וועלט-מלחמה איז די יידישע ליטעראטור אין פוילן כמעט אין גאנצן געווען פארנומען מיט מאָטיוון פון יידישקייט, מיט יידישע לעבנס-פּראָבלעמען און יידישן לעבנס-שטייגער: יידישקייט געזען פון פארשידענע אידעאָלאָגישע אספּעקטן. די שפּעטערע נאָך-מלחמהדיקע יידישע ליטעראטור אין פוילן האָט זיך אויך אָנגעהויבן צו אינטערעסירן מיט די ריין-מענטשלעכע פּראָבלעמען אין יידישן לעבן. מיט די פּראָבלעמען, מאָטיוון און פראגן אין דער יידישער פּסיכיק, וואָס טראָגן דעם כאַראַקטער פון אלגעמיינעם שטאנדפּונקט פון מענטשלעכן לעבן. די צייט, אין וועלכער מ'האָט אָנגעבונדן אזוי פיל האָפענונגען פון יידישער עמאַנציפּאציע, רענעסאנס און יידישער נאציאָנאלער און בירגערלעכער באַפרייאונג, זי האָט אויך גורם געווען צו דעם, אז מ'האָט גיכער זיך אָנגעהויבן צו פארנעמען מיט די אנדערע קאָמפּלעקסן אין יידישן מענטש, אחוץ זיינע היסטאָרישע און נאציאָנאלע קאָמפּלעקסן. אין דער יידישער ליטעראטור אין פוילן האָבן פּאמעלעך אויפגעטויכט די סעקסועלע פּראָבלעמען ביי יידן, דאָס שפּיל פון די געשלעכטער אין דער יידישער געזעלשאפט, און אנדערע ריין-מענטשלעכע באציאונגען. אין דעם דאָזיקן פּרט האָבן זיך באוויזן איינפלוסן פון דער וועלט-ליטעראטור און אויך די איינפלוסן פון דער שכנותדיקער פּוילישער ליטעראטור, מיט וועלכער די יידישע געזעלשאפט איז געווען סאָציאל און לאנדשאפטלעך פארבונדן. איינער פון די יידישע שריפטשטעלער, וועמען עס האָט אָנגעהויבן צו אינטערעסירן דער יידישער מענטש מחוץ פון זיינע יידישע פארהעלטענישן און באַציאונגען, איז געווען יהושע פּערלע. הגם — איך וואָלט דאָ אויף זיכער געקאָנט צורעכענען ז. סעגאלאָוויטשן. האָט אָבער סעגאלאָוויטש געשילדערט דעם

מענטש אויף אזויפיל, אויף וויפל ער שטייט אין באציאונג צו אים אליין, צו ז. סעגאלאָוויטשן.

פּערלעס נאָוועלן זענען די שאָטן־שפּילן פון ליבע און סענטימענט אין די קרייזן פון דער יידישער בירגערלעכער יוגנט אין פּוילן. מאָטיוון, אין וועלכע אפרים קאגאנאָווסקי האָט ממש דערגרייכט מייסטערשאַפט פון שארם, שפּיל און עלעגאנץ. אפילו אין די שפּילן פון ליבע און עראָס בלייבט נאָך פּערלע אויפן שטח פון יידישער סענטימענטאלער פאָלקסטימלעכקייט. אין זיין ערשטן ראָמאן „מירל" וויל ער אריינפירן אין דער יידישער ליטעראטור דעם סענטימענטאלן יידישן סאלאָן־ראָמאן. פּערלע פּרוּווט — וואָס איז ביז אים אזוי ווייניק באהאנדלט געוואָרן — צו שילדערן דאָס אינטימע לעבן פון יידישע שריפטשטעלער און קינסטלער אין דעם ליכט און שאָטן־שפּיל פון ליבע־אמאָרעטן.

שפּעטער גייט פּערלע צוריק צו די אלטע פּויליש־יידישע מאָטיווי פון שטעטל. און דאָרט וואקסט ער אויס.

אין דעם דאָזיקן צוזאמענהאנג וויל איך באזונדערס דערמאָנען זיין לעצטן ראָמאן „די גאָלדענע פּאווע".

אין דער גאנצער קאָנסטרוקציע איז די „גאָלדענע פּאווע" א רעאַליסטישער ראָמאן. גלייך ווי האָראָנטשיק באשרייבט פּערלע די עפּאָכע, ווען דאָס שטעטל הויבט אָן פונאנדערצופאלן אונטער דעם דרוק פון די מאָדערנע ווירטשאפטלעכע באדינגונגען. די יוגנט פון שטעטל וואנדערט אויס אהין אין דער גרויסער שטאָט. פּערלע האָט אויך — ווי האָראָנטשיק — מאָראליזירנדיקע טענדענצן, און זיינע פּערסאָנאזשן זענען איינגעטיילט אויף שווארצע און ווייסע. אין דער „גאָלדענער פּאווע" פירט פּערלע אריין א שלל מיט פיגורן, וואָס שפּילן זיך פונאנדער אויף די פלאכן פון שווארץ און ווייס. אָבער ביי פּערלען איז פאראן א סינטעזע צווישן דעם אַשישן ראָמאנטיזם און דעם ווייסנבערגישן רעאליזם. דאָס גאנצע דראמאַטישע שפּיל צווישן שלעכטס און גוטס, צווישן אלט און ניי, דער גאנצער דורות־קאמף וואָס קומט פאָר אויף דער אומזיכער־געוואָרענער באָדנהאפטיקייט פון שטעטל — איז אין פּערלעס ראָמאן איינגעהילט אין דעם ראָזן פּאָעטישן נעפּל פון אן איידעלער פאָלקסטימלעכער ראָמאנטיק. פאראן

דאָרטן פיגורן, וואָס זענען אין גאנצן מעלאָדראמאטיש — און איך מיין עס אין גוטן זין. קאדיש דער קלעזמער דערמאָנט אין דער געפילפולער מעלאָדראמאטישער פיגור פון שלום עליכמס סטעמפּעניו. אויף אָט אָ די ליידונגען, וואָס זענען איינגעטונקט אין א שטילן ראָמאנטישן בין־השמשות, וואנדערט דאָס שטעטל אין דער נייער וועלט אריין. עס וואנדערט אויף די אלטע, — אשישע, — פּוילישע וועגן צווישן קאָרן און קארטאָפל־ פּעלדער, אויף די וועגן צווישן טונקעלע טאָפּאָליעס און גאָלדיקע טרויער־ווערבעס. דאָס שטעטל וואנדערט ווי א היימישע יידישע קאראוואנע, וואָס איז אין איר פאָלקס־געמיט און אין איר קאָלאָריט — א לייבלעכער באשטאנד־טייל פון ליבן, טייערן און היימישן לאנד פּוילן. מיר זעען די דאָרפס-יידן, די ישובניקעס און די איינגעזעסענע ארענדארן, וואָס פארלאָזן זייערע היימען אין די פּוילישע דערפער, פארלאָזן זייערע קרעמלעך, זייערע ווינטמילן און גייען אנטקעגן דעם שווערן און אומבאקאנטן לעבן אין דער מאָדערנער קאפּיטאליסטישער ווירטשאפט. די „גאָלדענע פּאווע" איז דאָס שוואנען־געזאנג, דאָס לעצטע בענקשאפטלעכע ליד פאר די גוטע אלטע פּויליש־יידישע צייטן, — צייטן וואָס פארשווינדן ווי די זומער־פעדים אינעם גאָלד פון דער פארגאנגענהייט. און די נייע צייטן זענען שווערע, ביטערע, קאַמערפולע. די שוואַרצע און פינצטערע זייט פון לעבן שיינט צו נעמען די אויבערהאנט איבער דער אלטער שטעטלדיקער אידיליע. אלע בענקשאפטן ווערן אויסגעלאָשן. אלע הייליקייטן — די גוטע אלטע פרומקייטן פון די טאַטעס און די מאַמעס — פאַרבלייבן אין שיין פון דער גרויסער רוישנדיקער שטאָט. אָבער יהושע פּערלע פילט זיך שלעכט אין די טענער פון פּעסימיזם און מרה־שחורה. זיין געמיט איז די ליב־הארציקייט און די וואַרימע מוטערלעכע טרייסט: אויך דאָ וועקט זיך שוין א נייער מאָרגנשטערן אין די רויע פאררויכערטע הימלען פון דער גרויסער שטאָט. די גרויסע שטאָט האָט טאקע איר שרעקלעכן אומברחמנותדיקן טייוול, נאָר א נייער גאָט רופט אין די געבליטן פון די מענטשן. אין דער פינצטערניש פון דער גויט בליט ווידער אויף דאָס ליכטיקע אינעם מענטש. ביי פּערלען קעמפן תמיד דאָס גוטע מיטן שלעכטן. און תמיד איז פּערלע פול מיטן גלויבן, אז דאָס גוטע וועט זיגן. פּערלעס קונסט ווערט ווארים און רירנדיק־מענטשלעך אין דעם נאאיוון און גוטמוטיקן גלויבן זיינעם אין דער וועלט. אין דער

„גאָלדענער פּאווע”, פּונקט ווי אין האָראָנטשיקס „אין גערויש פון מאַשינען”, קומען די יאָרן 1905־1906, ווי די יאָרן פון העראָאישן אויפברויז אין די הערצער פון יידישן פּראָלעטאריאט. אין די הערצער פון די אָרימע צינדן זיך אָן אַלע ליכטער פון דער וועלט און אַלע זונען פון דער צוקונפט. די העראָאישע רעוואָלוציאָנערן ביי פּערלען האָבן ווייט נישט אין זיך יענע טריבע און אומעטיקע פארביטערטקייט ווי די העראָאישע רעוואָלוציאָנערן ביי האָראָנטשיקן. האָראָנטשיקס יידישע רעוואָלוציאָנערן קומען מיט גרויס פארביטערטקייט אלצדינג צו באקעמפן. זיי בויען אויס די נייע וועלט אין דעם פייער און אין טעמפּעראמענט פון זייער שנאה צום שלעכטן. פּערלעס רעוואָלוציאָנערן זענען נישט בייז אויף קיינעם, אפילו נישט אויף די שלעכטע מענטשן. זיי איז אָרגאַניש פרעמד איעדער מענטשנהאַס. זיי קעמפן פון אן אינערלעך פאָלקסטימלעכן גלויבן אין דעם גוטן, און ווילן אויפשטעלן די נייע בעסערע וועלט פון די עלעמענטן פון דעם וועלט־גוטן. איך וואָלט געזאָגט: האָראָנטשיקס רעוואָלוציאָנערן זענען אויסגעוואקסן צו באָלשעוויקעס. פון פּערלעס רעוואָלוציאָנערן קומען ארויס די דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטן.

כדי זיך צו האלטן אין דער אטמאָספערע פון אָט אָ דער נאַאיווער און גלויבערישער פאָלקסטימלעכקייט, באמיט זיך פּערלע די „גאָלדענע פּאווע” צו באַהויכן מיט דער פּאטינא פון א יידישער אלטקייט. די „גאָלדענע פּאווע” לייענט זיך ערטערווייז מיט דעם טאָן און ריטם פון די אלטע יידישע מעשה-ביכלעך, — יענע ליבע מעשה־ביכלעך וואָס פּראָסטע יידישע פאָלקס־מענטשן האָבן געלייענט ביינאכט ביי קארגע נאפט־לעמפּלעך און ביי די רויכערדיקע קין־פלאקערן אויפן פּריפּעטשיק. די פארגאנגענע גוטע צייטן פון יידישן לעבן אין פּוילן. אויך פּערלעס שפּראך איז זייער א ריינע, זייער א יידישלעכע, און זייער אַ זאַרגפעלטיקע. פּערלע באַמיט זיך מיט פיל צערטלעכער ליבשאַפט ארויסצובאקומען אלע אינטימע חנען פון דעם פּויליש־יידישן אידיאָם.

די גרעסטע דערגרייכונג פּערלעס איז זיין בוך „יידן פון א גאנץ יאָר”.

נאָך דער מלחמה האָט דער אויטאָביאגראפישער ראָמאן איבערהויפּט געהערט צו די באליבטסטע ליטעראַרישע פאָרמען אין דער אלגעמיינער

וועלט ליטעראַטור. ער האָט זיך אָנגעהויבן איינבירגערן אויך אין דער יידישער ליטעראַטור. מ׳האָט געוווּסט: די מלחמה האָט אָפּגעשלאָסן אַ היסטאָרישע תקופה, וועלכע וועט זיך שוין קיינמאָל נישט צוריקקערן. די שריפטשטעלער, וואָס שטאַמען נאָך פון יענער תקופה, האָבן געהאַט באַזונדערע באַדערפעניש צו פאַרפיקסירן די פאַרגאַנגענע תקופה. כמעט יעדער עלטערער מענטש פון דער צווישנצייט האָט אין זיך אַרומגעטראָגן אַ שטיק לעבעדיקע געשיכטע.

„יידן פון אַ גאַנץ יאָר". דער נאָמען אַליין זאָגט מיט וואָסער פאָלקסליבשאַפט יהושע פּערלע איז צוגעגאַנגען צו דער טעמע. וואָס שייך שרייבערישן מעטאָד האָט זיך פּערלע זייער גערעכט געהאַלטן אין דער ליניע צווישן גאָרקיס „מיינע אוניווערזיטעטן" און שלום עליכמס „פונעם יאַריד". דאָס מיינט נישט, אַז אין זיין אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן שטייט פּערלע אונטער די איינפלוסן פון גאָרקי און שלום־עליכם. פּערלע בלייבט אָריגינעל אין די געבאָרגטע פאָרמאַלע מעטאָדן. און דאָס איז אַ סך. „יידן פון אַ גאַנץ יאָר" דאָס איז די עפּאָפּעע פון פּערלעס קינדער־יאָרן. די עפּאָפּעע פון שטעטל. די עפּאָפּעע פון אַ פאַרשוווּנדענעם דור, וואָס שטייט שוין אין גאַנצן אין די טונקלקייטן פון אַן עבר, די שורות אָבער פון זיינע לעצטע מאָהיקאַנער שטייען נאָך אין דער מילדער העלער באַלויכטונג פון אַ קעגנוואַרט.

פּערלעס ראָמאַן הייבט זיך אָן מיטן פאָלגנדיקן בילד:

„אַ געוויין פון קעץ הינטערן פענצטער פון אונדזער שטוב האָט מיך אויפגעריסן פון שלאָף. כ׳בין געלעגן מיטן פּנים צום טאַטנס פּלייצע און איינגעאָטעמט אין זיך דעם זויערן ריח פון זיין האָריק שווער לייב. דער טאַטע האָט הויך געשנאָרכט, פאַרגאַנגען זיך מיט אַ געדריידלט כאָרכלען, אַזוי ווי ער וואָלט געגאָרגלט אין האַלדז אַ שטיק לייכעץ. כ׳האָב אונטערגעהויבן אַביסל ס׳פּנים און אַריבערגעקוקט איבערן טאַטנס אַן אויסגעשפּיצטן אַקסל. אויף דער קאָמאָדע, וואָס האָט זיך געטונקלט צווישן טאַטע־מאַמעס בעטן, האָט געקאָפּטשעט אַ קליין נאַפט־לעמפּל. דאָס גלעזל האָט אויפן נידעריקגעזעצטן בעליק אויסגעקיילעכדיקט אַ רויטלעך רעדל, וואָס האָט שאַטנדיק געציטערט צווישן צעריסענע שטיקער טונקלקייט.

די צוויי מעשענע וואגעס פון זייגער זענען, זעט אויס, שטיין געבליבן אין מיטן דער נאכט. איין וואגע האָט דערגרייכט ביז צו דער קאָמאָדע אראָפּ און דאָרטן זיך אָנגעשפּארט. די צווייטע איז געבליבן הענגען אין מיטן, אזוי ווי אן אָפּגעזעגטער פוס. לויטן קריי פון האָן, וואָס האָט זיך ווייט און לידיק אריינגעשניטן אין געוויין פון די קעץ, האָט מען זיך געקאָנט משער זיין, אז אין דרויסן פארנעמט זיך אויף טאָג ווערן".

עס הויבן זיך אָן פונאנדערצוויקלען בילדער פון דער יידישער אָרימקייט אין שטעטל. פּערלע באשרייבט די גאָר נידעריקסטע שיכטן פון דער יידישער אָרימקייט. די קינדער, ד. ה. דער יונגער דור, פילן דעם שארפן באַגינען פון דער נייער תקופה. זיי ווילן מער נישט בלייבן אויף דער אלטער היימישער ערד פון שטעטל. פארפאלן. מ'קאָן אויך דעם יונגן דור מער נישט איינהאלטן אין דער ביטערער נויט פון דער היים. די יידישע יוגנט הויבט זיך אָן צו צעגיין איבער דער וועלט ווי „זאלץ אין וואסער". אויך אין „יידן פון א גאנץ יאָר" ווייזט אונדז פּערלע א שפע פון יידישע טיפּן. אפילו זייער גראָטעסקע טיפּן. פּערלע איז ביי זיין גאנצן נאטוראליזם. דורכאויס א ליריקער, און ביי זיין רעאליסטישע באָאבאכטונגס-פעאיקייט פארגעסט ער קיינמאָל נישט צו לאָזן רעדן די ריינע פאנטאזיע. דאָס פרייע פּאָעטישע געמיט. דעריבער — האָט ער ליב ארייַנצופלעכטן אין דעם שפּיל פון זיינע רעאליסטישע פּערסאָנאזשן אויך גראָטעסקע פיגורן. אין גראָטעסקן קאָן זיך די פאנטאזיע פרייער באוועגן, און פּערלע וויל אויסנוצן אָט אָ די קינסטלערישע פרייהייטן. די גראָטעסקע פיגורן געראָטן פּערלען אויסגעצייכנט. זיי האָבן ליכט, שוווּנג און הומאָר און זענען גוט אויפגעבויט אין זייערע כאַראקטערן. אזוי האָבן מיר אין „יידן פון א גאנץ יאָר" א קלאסישן טיפּ פון אן אלטער מיזאנטראָפּישער אלמנה, וואָס האָט זיך ווייט נישט באפרייט פון די לאָקונגען פון עראָס, און דאָס מאכט איר קאָמיזם באזונדערס גראָטעסק. אָט איז דאָס בילד פון דער אלמנה:

„אמאָל האָט האָדל געהאט א מאן, א ייד, א לא יוצלח מיט א פארעלטערטן מיחוש, האָט האָדל געשלאָגן מיט אים כפרה און חתונה געהאט מיט א צווייטן מאן. פון ביידע מענער האָט האָדל געוואָלט

האָבן קינדער. געפּאָרן צו גוטע יידן, אויסגעוועזן ווי נאָר א דאָקטער, געטרונקען קרייטעכצער, נאָר זיי, די מענער, אזוי דער ערשטער, ווי דער צווייטער, זענען געווען אביסל טויבלעך. זיי האָבן נישט געהערט וואָס האָדל וויל פון זיי.

זענען אויפן גרויסן הויף, הינטער דער שול, ווו האָדל האָט געוווינט, געשטאַנען ווייבער מיט מיידן און מיט גרוים נייגעריקייט איינגעהערט זיך אין די וויסטע קללות, וואָס האָדל האָט געשיט אויף די קעפּ פון אירע מענער. זי אליין — האָט זי געשריגן — איז דאָך געזונט ווי א נוס. אלע דאָקטוירים מיט אלע גוטע יידן פון קרוין־פּוילן האָבן עס איר מבטיח געווען, נישט מער, די מאַנען, — אז א צאָרן פון הימל זאָל זיי טרעפן.

האָדלס אנדערער מאַן איז געווען א ייד א בכבודיקער, א שטי־לער. ער האָט געקאָנט אריינקוקן אין א פּרק משניות, זאָגן אמאָל א גלייכווערטל, באשיינען א שמחה. האָט אָבער האָדל אזוי לאַנג אים געפּייניקט, ביז דעם ייד האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן אין די געדערים. ער האָט זיך אוועקגעלייגט, אָפּגעקרעכצט א צייט, און מער פון בעט נישט אויפגעשטאַנען.

א דריט מאָל חתונה האָבן האָט שוין האָדל נישט געוואָלט. אז אלע מאַנען זענען ווערט דעם טויט, וואָס וועט זי גיין איינשטעלן איר לעבן? איז זי צו עטלעכע און דרייסיק יאָר א קיילעכדיקע, א רויטע, מיט א פאַרנאַשט פּנים געבליבן א וויסטע אלמנה, געבעך, אויפן גאַנצן לעבן.

אז מען בלייבט אן אלמנה, איז טרויעריק צו לעבן אליין אויף דער וועלט, אפילו פאַר אזא האָדל. האָט זי זיך געצויגן צו פרעמדע מענטשן. אומעטום האָט זי מיטגעפּירט דעם גרינעם געקאָוועטן סור־פערט אויף רעדלעך, וואָס איז פון טאָג צו טאָג שווערער געוואָרן פון שבתדיקע לייכטערס, פון קישנס, פון מלבושים, וואָס אָרימע מענ־טשן האָבן ביי איר פאַרמשכונט און נישט געהאַט זיי דערנאָך פאַר־וואָס אויסצוקויפן".

אין „יידן פון א גאַנץ יאָר" שילדערט פּערלע פאַרשידענע טיפּן פון

פּויליש־יידישע מנחם־מענדלס. געווים פעלט דאָ דער שווונג און דאָס גרויסע סימבאָלישע וועלט־שפּיל פון שלום־עליכמס מנחם־מענדל. פּאַרט זענען עס קליינע מנחם־מענדלס פון פּויליש־יידישן שטעטל, למשל, דער פעטער מרדכי מענדל, וואָס מאכט די ווילדסטע געשעפטן. פּערלעס מנחם־מענדלס קאָנען נישט בייסטיין די נסיונות און אנטווישונגען פון שלום עליכמס מנחם־מענדל. ביים ערשטן דורכפאל ברעכן זיי צוזאמען. חוץ דעם האָבן מיר אין „יידן פון א גאנץ יאָר" די שיינע און אידילישע לאנדשאפטן פון פּוילן. אלץ זאמלט פּערלע אין זיין סענטימענט, אלץ באשרייבט ער און אלץ נעמט ער אריין אין דעם שווישפּיל פון זיין אויטאָ־ביאָגראַפיע, אפילו די פערד, די הינער, די גענדז און די קאטשקעס. די עופות און די בהמות פון שטעטל. אלצדינג געהער צו דער גאנצקייט פון די ווייטיקלעכע, זיסע און ליבע דערמאנונגען.

פּערלע האָט ליב צו מאָלן די סעקסועלע טריבן, און ער פּרוווט אויפ־צודעקן די אינטימסטע און געהיימסטע סודות פון עראָס אין דער מענטש־לעכער פּסיכיק.

אין פּוילן האָט לאנגע, לאנגע יאָרן געהערשט א באשיידענע און שטילע יידישע צניעות. די סעקסועלע טריבן זענען יאָרהונדערטער געווען איינגעהאלטן און פארדרענגט דורך די הארבע יידישע דינים און דער אלט־יידישער שעמעוודיקייט. דער חשק צו שילדערן סעקסועלע טריבן האָט זיך היפּש אָנזעעוודיק אריינגעריסן אין א טייל פון דער יידישער ליטעראטור אין פּוילן. דער סעקס און דער עראָס האָבן אפילו אין זיך געהאט, — וואָס שייך זייער ראָל אין יידישן לעבן — די נאאיווע פרישקייט פון א בראשית, און זיי האָבן אויסערגעוויינלעך געלאָקט די טעמאטיק פון די יידישע שריפט־שטעלער. איבערהויפּט די יידישע נאטוראליסטן, און אויך יהושע פּערלע, האָבן מיט א באזונדער ליבשאפט באשריבן אָט אָ דעם מענטשלעכן טריב פון עראָס. צוזאמען מיט דער נייער וועלטלעכער צייט איז אויך עראָס ארויפ־געקומען אויף דער אויבערפלאך פון יידישן לעבן. און ער האָט פון זיך אראָפּגעוואָרפן אלע מענטעלעך. דאָס אלטע יידישע שטעטל איז געווען צניעותדיק אין מיטן די קאָרן-פעלדער, ווו די סעקסועלע שפּילן פון עראָס צווישן די פּוילישע פּויערים און פּויערטעס זענען געווען פיל נאטורהאפ־טיקער און אָפענער. דער פּויער אונטער די עפּל־ביימער האָט זיך נישט גע־

שעמט מיט זיינע געפילן. די בחורים און די מיידלעך אין אַשם שטעטל האָבן די לייכטע רווישן פון אַמאָרס פליגלען פאַרנומען ווי אַ ווייטע גלוס־טונג. אַ זיסע גלוסטונג, צו וועלכער זיי האָבן נישט קיין צוטריט. מיטאַמאָל איז אַמאָר היפּש האָפערדיק אַריינגעטרעטן אין דעם נייעם יידישן לעבן אין פּוילן. אויך פּערלע געהער צו די יידישע שריפטשטעלער וואָס האָבן באַזונדערס ליב צו באַשרייבן עראָטישע סצענעס. אין „יידן פון אַ גאַנץ יאָר" אידענטיפיצירט ער אפילו דעם מענטשלעכן סעקס מיט דעם סעקסועלן טריב פון די בעלי־חיים. דאָס פאָלגנדיקע בילד האלט איך פאַר איינס פון די געלונגנסטע בעלי־חיים־שילדערונגען אין דער יידישער ליטעראַטור. מיר האָבן דאָ די פרעמדקייט צווישן יידן און דער אַנימאַלישער וועלט.

„געווען איז עס שבת. ס'האָט געבלאָזן אַ ווינט. די מאַמע האָט געזאָלט גיין צו דער מומע מרים, האָט זי אָבער געהאַלטן אין מיטן לייענען אַ מעשה־ביכל און נישט געקאָנט זיך דערפון אָפּרייסן. דער טאַטע איז געשלאָפן צוגעדעקט מיטן איבערבעט איבערן קאָפּ. איך האָב שוין געהאַט אָפּגעזאָגט „ברכי נפשי" און געוואַרט, יאַנקל זאָל מיר געבן אַ צייכן, כ'זאָל אַרויס אין דרויסן.

הינטער די פענצטער האָבן זיך אומהדיק צערוישט די ביימער. אַ קייטל פון לאָדן אין דרויסן האָט נישט אויפגעהערט צו קרעכצן און צו קלאַפּן אין דער וואַנט אַריין. דער הימל האָט זיך פאַרצויגן מיט געל־גרויער מראה. אָט הויבט אָן שנייען.

אָבער דער גוי האָט נישט געקוקט דערויף און געברענגט צו פירן דעם אָגער. יאַרמע באַלעגאָלע איז שוין געווען נאָכן שלאָף און נאָך „ברכי נפשי". ער איז אַרויס אויפן הויף אין אַ געקראַטעטן שפּאַנצער, אַ פּאַטש געטון דעם אָגער אין הינטן אַריין, פון וואָס יענער האָט אַ צאַפּל געטון און גענומען אומרואיק ציטערן מיט די פיס.

פון שטאַל האָט זיך פּלוצלינג דערטראָגן אַ הירזשען. דער שוואַרצער אויסגעפּאַשעטער אָגער האָט גדלותדיק אויפגעשטעלט דעם האַלדז, גענומען ציטערן מיט די אויערן און צוריקגעענטפערט מיט אַ הירזשען, מיט אַ געדיכטן, מיט אַ מאַנסבילישן.

איך מיט יאַנקלען האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין שטאַל פריער.

מיר האָבן זיך פאַרשטעקט אין א ווינקל. אין שטאַל איז געשטאַנען א וואַרימער ריח פון פערדיש מיסט. ס'איז געווען טונקל. אָבער, אז מען האָט זיך גוט איינגעקוקט, האָט מען אַלץ געקאָנט זען.

די ווייסע קאָבילע האָט זיך נאָך אמאָל צעהירזשעט, אומגע־קוקט זיך מיט אירע קלוגע, לאַכנדיקע אויגן, א ווײַלע פאַרהאַלטן זיך בײַ אונדז, אזוי ווי זי וואָלט בײַ אונדז, יינגלעך, עפּעס געמאָנט.

נאָר אָט האָט דער לאָמער גוי אַרײַנגעפירט דעם בחור זײַנעם. די קאָבילע האָט זיך שוין נישט צעהירזשעט, נאָר צעשריגן, צעסאַ־פּעט זיך. זי האָט זיך געגעבן א שטעל אויף די פאָדערשטע פיס, גע־נומען קאַפּען, קלאַפּן אין א ברעט אַרײַן, רײַסן די קייט, אויף וועל־כער זי איז געווען אָנגעבונדן.

ער, דער שוואַרצער אָגער, האָט אויך נישט געשוויגן. ער האָט א ריס געטון מיטן קאָפּ, פון די נאָזלעכער האָט א זעץ געטון מיט א ווייסער פּאַרע.

איך האָב מיך צוגערוקט נענטער צו יאַנקלען. כ'האָב מורא געהאַט, דער אָגער זאָל נישט אַרויף אויף אונדז און צערײַסן אונדז אויף שטיקלעך.

יאַנקל האָט געקוקט מיט איבערגעדרייטע אויגן. ער האָט מיך נישט געהערט, נישט געזען, איך האָב געפילט, ווי יאַנקל וואַרפט זיך אײַנגאַנצן.

אין שטאַל איז געוואָרן הייס. ביידע פערד האָבן זיך מיטאמאָל צעהירזשעט, צעלאַכט זיך אזוי אַרום.

דער לאָמער גוי האָט אָפּגעלאָזט זײַן בחור. די קאָבילע איז מיטאמאָל נידעריקער געוואָרן, אַראָפּגעזעצטער, ברייטער. דער אָגער האָט זיך אויסגעצויגן. ער איז געוואָרן גרעסער און לענגער. מיט־אמאָל האָט ער זיך געגעבן א ריס אויף די פאָדערשטע פיס, אַרויפ־געכאַפּט זיך אויף זײַן קרבן, אײַנגעגעסן זיך אין קאַרק מיט די ציין.

איז געגאַנגען איבערן שטאַל א געקלינגעריי פון קייטן, א רײַסן פון ברעטער פון מיסט אַרויס, פון די זשלאָבעס מיט היי. פון די פערדישע פעלן האָט געזעצט א פּאַרע, א פּרייכעניש, דעם אָטעם נישט צו כאַפּן". („יידן פון א גאַנץ יאָר").

.15

אויב מיטלמעסיקייט קאָן דערגרייכן א פּאָזיטיווע שלימותדיקייט, און זי קאָן אפילו באקומען באדייטנדיקע קינסטלערישע ווערטן — איז די דאָזיקע קינסטלערישע מיטלמעסיקייט דערגרייכט געוואָרן פון מ. בורשטין. אין דעם דאָזיקן פּרט האלט איך אים פאר א ווערטפולע און נוצלעכע דער־שיינונג אין דער יידישער ליטעראטור אין פּוילן.

בורשטין האָט אלע מעלות פון א גוטן שריפטשטעלער. אָבער אלע מעלות אין א באגרענ׳צטער מאָס. נישט צופיל. ער פארמאָגט נישט די אומ־באשטימטקייט פון מעגלעכקייטן, מיט וועלכער עס צייכענען זיך אויס די אמתע גרעסערע טאלאנטן. בורשטין איבערראשט אונדז קיינמאָל נישט. עס פעלט אים צו דעם די גאָט־געבענטשטקייט פון דער שעפערישער פאנטאזיע. נישט דאָס בין איך אויסן. בורשטין ווייסט אָבער גוט אויסצונוצן דעם „נישט צופיל" פון זיין טאלאנט און עס צוצופּאסן צו זיין קונסט. ער דער־הויבט זיך קיינמאָל נישט אין שריפטשטעלערישן שווונג, אָבער ווו עס דערלאנגען נאָר זיינע מעגלעכקייטן, דאָרט נוצט ער זיי אויס מיט א מאק־סימום און מיט א זאָרגפעלטיקייט וואָס איז זעלטן, אפילו ביי די יעניקע יידישע שרייבער, וואָס האָבן מער טאלאנט און פאנטאזיע, ווי מ. בורשטין.

ס׳רוב בלייבט בורשטין ביי די אלטע שטעטל־מאָטיוון. בורשטין איז מיט זיין פולן שרייבערישן מהות און שטייגער פארוואָרצלט אין פּוילן. אפילו שפּראכלעך באנוצט ער זיך מיטן טיפּישן פּויליש־יידישן אידיאָם און מיידט דוקא נישט אויס די שפּראך־לאָקאליזמען. ער טוט עס אומישנע, כדי צו געבן זיינע ווערק דעם פּויליש־יידישן קאָלאָריט. בורשטין וויל געבן די דורות־לאנגע איינגעפונדעוועטקייט פון יידן אין פּוילן. דאָס לאנד פּוילן איז ערדיש צוזאמענגעוואקסן מיט יידן און יידן זענען אין פּוילן אן עטנאָגראַ־פישער באשטאנד־טייל, א טייל פון פּוילישן קאָלאָריט, א טייל פון דער פּוי־

לישער לאנדשאפט. מ. בורשטין איז אפשר דער פוילישסטער שרייבער אין דער יידישער ליטעראטור אין פוילן. זיינע ביכער טראָגן טאקע די נעמען פון פוילישע שטעט און פוילישע לאנדשאפטן. ביי אשן איז דאָס שטעטל עפּעס ווי א ירושלימער וויזיע איבער פויקן, א פוילן של מעלה, פוילן איז פארתהילימט און איינגעהילט אין א פרומען יידישן טלית. אשס פוילן ליגט אינעם ליכט פון אן אָריענטאליש געמיט. אשם יידן זענען יידיש. נישט פארפוילישט. ניכער זענען זיי פארפוילנט. פארפוילנט נישט אין אסימילאָ־טאָרישן, נאָר אין עטנאָגראפישן זין. די געשיכטע פון משפחות, וואָס שפּילן אזא ראָלע אין בורשטינס ווערק, זענען אן איינגעפונדעוועטע אָרגאנישע רעאליטעט פון פוילן. דאָס זענען פוילישע יידן. זייער יידישקייט איז פּויליש.

אויך די נייע צייט קומט אריין אין בורשטינס שטעטל. אָבער אויך די נייע צייט קומט ווי אן אָרגאנישע רעאליטעט. איר פעלט יעדער סענטי־מענט פון דעם אומבאשטימטן.

בורשטינס פערסאָנאזשן זענען דער יידישער המון, דאָס יידישע קליינבירגערטום און די יידישע אינטעליגענץ פון שטעטל. ער שילדערט זיי אין דעם ליכט פון דער נייער צייט. בורשטין אליין איז דערביי פשוט און ניכטער און האָט נישט קיין שום טענדענצן אין זיינע שילדערונגען. אויך זיין סטיל איז קאלט און זאכלעך און ווארימט זיך קיינמאָל נישט אָן פון א טיפער שריפטשטעלעריש געפיל. בורשטין ווערט אינטימער בלויז דאן, בעת ער קומט צו — אין זיין שרייבן — צו די פוילישע לאנדשאפטן ארום דעם שטעטל, צו די אויבסט־סעדער, צו די פעלדער און צו די טייכן.

אין „איבער די חורבות פון פלוינע" מאָלט מ. בורשטין די נייע געזעלשאפטלעכע שטרעמונגען אין שטעטל. איבערהויפּט די ציוניסטישע שטרעמונגען. דאָס אלטע שטעטל צעפאלט זיך פּלוצים אין איר איינגע־זעסנקייט. דאָס שטעטל גרייט זיך אין וועג אריין קיין ארץ ישראל.

די עמיגראַציע־שטימונגען זענען דער פּראָדוקט פון די אנטיסעמי־טישע שטימונגען אין פוילן. פאר די מאָטיוון פון די געשעענישן אין זיינע ווערק האָט בורשטין ליב אויסצוסקיצירן די סאמע אקטועלסטע און קעגנ־ווארטיקסטע פאסירונגען פון יידישן לעבן. בורשטין נעמט נישט זיינע אספּיראציעס פון קיין שום פארגאנגענהייטן און פון קיין שום צייט־ליניע. ער נעמט פון דעם לעבעדיקסטן מאָמענט, און דעריבער מאכן די „חורבות

פון פּלוינע" דעם היפּשן איינדרוק פון כראָניקאַלישע בליישטיפט-אויפצייכענונגען, וואָס דער ניכטערער און באַאָבאַכטנדיקער מחבר האָט געמאַכט פון זיין סביבה. מען מוז זיין גוט באַהאַוונט אין דער לאָקאַלער סביבה און אין די לאָקאַלע געשעענישן פון פּוילן, כדי אַלצדינג פולשטענדיק צו פאַרשטיין, וואָס סע קומט פאָר אין בורשטינס א ראָמאַן. בורשטין האָט כמעט קיינמאָל נישט באַוויזן זיינע באָאָבאַכטונגען — ווי סאָליד זיי זאָלן נישט זיין אויפגעצייכנט — אויפצוהייבן העכער, אויפן ניוואָ פון אן אַלגעמיינקייט, אויפן ניוואָ פון א ברייטערער פּערספּעקטיוו.

דערין ליגן זיינע חסרונות.

א בילד ווי עס קוקט אויס אין מאָדערנעם פּלוינע אין אָוונט:

„צווישן די טאָפּאָליעס ווערט דער שפּאַציר־גאַנג אַלץ באַלעבּטער. עס גייען מאָדערנע מיידלעך מיט געשווירענע האָר, געמאָלטע ליפּעלעך און קורצע, גאָר קורצע קליידלעך; טעכטער פון פּלוינער אָפּגעקומענע באַלעבאַטים. מע טראַכט וועגן די יונגעלייט וואָס שפּאַצירן אַזוי געלאַסן און גלייכגילטיק. אין האַרץ דערוועקט זיך א שנאה צו זיי, צו די מכלומרשטע אינטעליגענטן, וואָס רעדן וועגן פּאָלק און אידעאַלן און אַליין איז מען גאָר גרויסע קאַריעריסטען, גדן־זוכער און אַמאַטאָרן אויף גרייטע אויסמעבּלירטע וווינונגען. עס גליען אומרואיקע אויגן, עס רויטלען זיך די פּנימער. ניין, ניין, זיי האָבן דאָך נישט קיין צו גרויסע פאַרלאַנגען. בלויז אַביסעלע גליק, א קליין ביסעלע פרייד".

„פּלוינער יונגעלייט האָבן אָבער א חשד, אַז מ'יאָגט זיך נאָך זיי, און מ'וויל זיי אויסכאַפּן און מ'שפּרייט אויס נעצן זיי צו פאַנגען — זענען זיי גאָר שטאַרק פאָרזיכטיק און מיידן אין גאַנצן אויס די טעכטער פון פּלוינע... פּילן די פּלוינערינס די עולה, וואָס ווערט זיי אָפּגעטון, און עס וועקט זיך א האַס אין זייערע הערצער.

און ווערט די טונקלקייט נאָך טיפער אין די אַלייען, גייט מען אוועק ווייט, ווייט, אויף דער צווייטער זייט וואָקזאַל. דאָרטן טרעפט מען זיך מיט העפּלעכע, עלעגאַנטע קריסטלעכע יונגעלייט, זיי ציען פאַר די יידישע טעכטער דזשענטעלמעניש די קאָרפּאָראַנטישע היט־

לעך, בויגן די קעפּ צו די דינע, ווייסע הענטלעך, זאָגן פיינע קאָמ־פּלימענטן און גייען געאָרעמט מיט די חסידישע טעכטער. צו ריזי־קירן איז נישטאָ וואָס. קיין תכלית זוכן נישט די סטודענטן ביי די פּלוינער „קאַפּאַטשאַזשעס” און אויך די ליבע באַגערנדיקע מיידלעך ווייסן, אַז „פון דעם קאָרן וועט קיין ברויט נישט זיין”. ס׳וועטביידע צדדים נישט אָנשטיין. אָבער דערוויי, דערווייל איז מען יונג און מען וואַרט אויף א ליב וואָרט, מ׳באַגערט דעם וואַרימען בליק פון א מאַנספּאַרשוין און מען וויל אביסל זיך פאַרגעסן — להכעיס די, אויף וועלכע מען וואַרט אומזיסט און מע בלייבט פאַרשעמט. און די יאָרן דערווייל לויפן אָן ליבע, אָן גליק — צוליב פינף הונדערט דאָלאַר, צוליב א קאָמפּלעט מעבל, צוליב געפילן אויסגעטווישט אויף קליינגעלט” („איבער די חורבות פון פּלוינע”).

פון איין זייט האָט די נייע צייט געברענגט אין שטעטל אריין דעם גרעבסטן און עגאָאיסטישסטן מאַטעריאַליזם, און פון דער אַנדערער זייט — א געזעלשאַפטלעכן אידעאַליזם. נייע צייט־ווינטן קומען אָן. זיי זענען העפטיק. די יידישע משפחות, וואָס זענען געוואַקסן אויף דער פּוילישער ערד ווי פעסטע פאַרוואָרצלטע ביימער, טרייסלען זיך. די צווייגן ברעכן זיך און פאַלן אַרונטער אין דער באַדנלאָזיקייט.

אין „גורל” האָבן מיר ס׳ערשטע מאָל אין דער יידישער ליטעראַטור אין פּוילן דאָס לעבן פון די אַסימילאַטאָרישע סאַלאָנען. עס זעט אויס, אַז מ. בורשטין איז קיינמאָל אינעווייניק אין די דאָזיקע סאַלאָנען נישט גע־ווען. ער האָט פון דרויסן אַריינגעקוקט אין די רייך־באַלויכטענע פענצטער. דעריבער קומט ער דאָ טיילמאָל אויס אביסל נאַאיוו.

„גורל” שפּילט פאַר די יאָרן 1905. אין באַגינען פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, ווען די יידישע מאַסן אין פּוילן זענען אַרויסגע־טרעטן אין א העראָאישן רעוואָלוציאָנערן קאַמף. די יידישע ליטעראַטור אין פּוילן האָט קיינמאָל נישט אַרויסגעלאָזט פון איר זכרון און פון אירע טע־מעס יענע וווּנדערלעך־שטאָלצע העראָאישע צייט. זי האָט זיך כסדר צו איר אומגעקערט.

אין ראָמאַן „גורל” פירט אויך בורשטין אריין טענדענצן פון יידי־

שער פּראָדוקטיוויזאַציע אין פּוילן: פּראָבלעמען פון יידישער ווירטשאַפט־לעכער איבערשיכטונג. אסך פון די ראָמאַן־העלדן, איבערהויפּט די אַלטע אסימילאַטאָרן, פּרעדיקן גאַנצע זייטן מיט ווירטשאַפטלעכע פּלענער פון פּראָדוקטיוויזאַציע פאַר די יידישע מאַסן.

די לעצטע סצענעס פון „גורל" שפּילן שוין אין אָנהויב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

„ביי די טייכן פון מאַזאָוויע" איז מ. בורשטינס רייפסטע ווערק. הגם אויך דאָ זענען פאַראַן היפּשע שטעלן מיט טרוקענער און זאַכלעכער כראָניק. אין דעם דאָזיקן ווערק האָט בורשטין, אַזוי צו זאָגן גענומען פאַר אַ מוסטער דעם אַלטן נוסח פון די „שטעטלעך", ווי עס האָט זיי אָנ־געהויבן שלום אש און עס האָבן נאָכגעפּאָלגט שלום אשם טריט — אין פאַרשידענע וואַריאַציעס — אַ סך פון די שפּעטערע יידישע שריפטשטע־לער. מער ווי אין זיינע פריערדיקע ווערק פילט זיך דאָ ביי בורשטינען אַ באַזונדערע היימישקייט, ליבשאַפט און פרייקייט. ליבשאַפט און פרייקייט סיי אין דער טעמע, סיי צו דער טעמע. אויך די שפּראַך — הגם זי פאַר־מאָגט נישט צופיל שווונג אין אירע מעגלעכקייטן — דאָך האָט זי אין זיך אַריינגענומען די זאַפטן פון די פּערסאָנאַזשן און די לאַנדשאַפטן וואָס בורשטין באַשרייבט. די שפּראַך שפּיגלט דאָ גיכער דאָס פרייע און שפּי־לעווודיקע געמיט פון אַ קינסטלערישן צושטאַנד. אויב אומעטום ביי בור־שטינען זענען די פּוילישע יידן אָרגאַנישע באַשטאַנדטיילן פון דעם לאַנד און פון דער לאַנדשאַפט, זענען זיי עס אין די „טייכן פון מאַזאָוויע" נאָך אין אַ גרעסערער מאָס. די יידישע פּערסאָנאַזשן, וואָס צעשפּילן זיך אין שטעטל סמאָלין און אין די דערנעבנדיקע פעלדער און סעדער, זענען ממש שטיקער לעבעדיקע רעקוויזיטן פון פּוילן. אין אָט דער פרישער און נאַ־טירלעכער פאַרפּוילנטקייט פון יידן קומט אַריין די נייע צייט מיט איר עמיגראַציאָניזם, ווי אַ טיפער ווידערשפּרוך. פאַרוואָס זענען עפּעס יידן פרעמדע אין פּוילן און זיי מוזן נעמען דעם וועג? יידן און יידישע באַ־לעבאַטישקייט, וואָס זענען פּונקט אַזוי נאַטירלעך אין פּוילן, ווי די פּאָלאַקן און די פּוילישע באַלעבאַטישקייט, הויבן זיך פונדעסטוועגן אָן פונאַנדער־צוגיין צוליב די שטימונגען און באַוועגונגען, וואָס האָבן ווי אומנאַטיר־לעכע קאַטאַסטראָפעס געוווירקט אין דער ערדישער איינגעזעסנקייט פון

יידן. בורשטין באשרייבט די סאמע לעצטע אנטי־יידישע באוועגונגען וואָס האָבן זיך פארנומען אונטערצוגראָבן דאָס שטעטל, למשל, דער באָיקאָט. אפילו היטלערס נאָמען ווערט שוין דערמאָנט און זיינע איינפלוסן אויף א טייל פון דער פוילישער יוגנט. בורשטין שילדערט נישט נאָר יידן, נאָר אויך טיפּן פון פּאָליאַקן, און כאראקטעריסטישע טיפּן פון די דייטשע קאָ־לאָניסטן נעבן דער ווייסל. די דייטשע קאָלאָניסטן הויבן שוין אָן צו ווערן די אוואנגארדן פון היטלעריזם אין פוילן.

די יידישע יוגנט וויל זיך צעלויפן פון שטעטל, זי וויל לויפן קיין ארץ ישראל, קיין אמעריקע, און ווו די וועלט האָט אן עק. די ערד ווערט היים אונטער די פיס. דאָס זענען מאָטיוון, וואָס חזרן זיך איבער כמעט ביי אלע יידישע שריפטשטעלער אין פוילן. אין דער דאָזיקער הינזיכט האָבן מיר דאָ זייער א כאראקטעריסטישן דיאלאָג צווישן אן אלטן זיידן מיט אן איינִיקל:

„גאָלדע ציפּט די טראָלדן פון זשאקעטל.

— כ'וויל, זיידע, פאָרן קיין ווארשע.

ישראלטשעס שוואכע אויגן פינטלען. דער שטערן, געפאלדע־וועט ווי א מאנגל־ברעט, הייבט זיך פארזאָרגט.

— קא ווארשע נאָר. וואָס וועסטו דאָרטן טון, אין דער ווארשע, נאָך וואָס טויגן דיר די גרויסע שטעט? א מיידל דערצו...

— כ'וויל, זיידע, אז מ'זאָל מיר שאפן א שטעל ערגיץ אין א געוועלב, פאר א „סקלעפּאָווע" (מאגאזין־אנגעשטעלטע) אָדער א קאַ־סירערין.

ישראלטשע שאָקלט פארחידושט מיטן קאָפּ.

— א סקלעפּאָווע, א סקלעפּאָווע. ארבעטן ביי יענעם. עס פעלט דיר עפּעס אין דער היים? ביט דיר נישט אוים, גאָלדע, פארשעם נישט סמאָלין.

— ס'איז מיר לאנגווייליק, זיידע, אין סמאָלין.

ישראלטשע גיט איר א גלעט איבער דער באָק, א חוזק־נע־לעכטערל בליט אויף זיין פּנים.

— נאריש קינד, וואָס הייסט, ס'איז דיר לאנגווייליק? וועסט קריגן א מאן, וועסט האָבן קינדערלעך. וועסט זיין א יידיש ווייבל.

עס וואַרטן אויף דיר געגנוג צרות. ס'וועט דיר אויפהערן צו זיין לאַנגווײַליק".

דער זיידע האָט יידישן היים־ווי פאַר פּוילן.
פּוילישער לאַנדשאַפט:

„הערש לוסטיק אײַלט זיך אהיים פון צינצימין אין סאָד אַרײַן. אַ קיל אלול־ווינטל פליסטערט צווישן די צווײַגן פון די טאָפּאָליעס, וואָס זענען אויסגעזעצט ביים זאַמדיקן שאָסיי. שורות בושלען לאָזן זיך אין וועג אַרײַן. די פעלדער, אָראָפּגערוימטע, שטייען פאַרשעמט אין זייער נאַקעטקייט. אין דער ווייסל הייבן זיך די פאַליעס אָנגע־כמורעטע, ברוגזע".

אַזוי קוקט אויס דאָס שטעטל. ס'איז האַרט פאַר דער לעצטער וועלט־מלחמה און דער גרויסער חורבן הויבט זיך שוין אָן צו פּילן אין דער לופטן. דאָס ליבע האַרציקע שטעטל סמאָלין אין פּלאָצקער געגנט ביי דער ווייסל. אַ שטעטל אויף פעטער שוואַרצערד און צווישן פלוימען־סעדער. דער ווידעראנאנד פון די קלאַסן צייכנט זיך אָן ביי בורשטינען אין לייב־טער שאַטירונג. בורשטין אליין האָט ווייניק טעמפּעראַמענט און די קלאַסן ווידערשפּרעכן זיך אין זייערע סאָציאַלע קעגנזאַצן ווי די שאַטירונגען אין שטילע וואַסער־פאַרבן. יידן הויבן אָן צו לעבן מיט פּוילן און מיט ארץ ישראל.

„אַ פעטע קיילעכיקע לבנה האָט זיך אַריינגעקייקלט אין סמאָ־לינער מאַרק און אויסגעשמעקט די ענגע הויפן. זי האָט זיך גע־גליטשט געלאָסן פון איין געסל צום אַנדערן, באַגלייט פון אַ מחנה הינט, וואָס האָבן אויפגעהויבן אַ בילעריי אויף דער שטאָט. ישראלטשע בלימעלעס וואַרפט זיך אויף זיין געלעגער. ער קאָן נישט איינשלאָפן. דאָס ליכט שטעכט אים אין די אויגן. עס פּייניקן אים ווילדע מחשבות. היטלער רייט אַריין קיין סמאָלין אויף אַ שוואַרץ פערד. אַראַבער שטעכן יידן און פאַראומרייניקן דעם כותל־מערבי. ער הערט משונהדיקע קולות. ווייטער מענטשן־טריט. עס הייבט זיך שוין אָן, טראַכט ישראלטשע און גראָבט איין דעם קאָפּ אין קישן. אין מאַרק עפענען זיך פענצטער. עס ווייזן זיך פאַרפעדערטע

קעפּ. ביי ישראלטשע בלימעלעס הויף איז א גרויסער געדרודער. גרונם מיינע צרות זיצט אויף א וואָגן בעטגעוואַנט, נעבן אים כאַשע מיטן בלינדן אויג איינגעהילט אין אַ דערע. פון די קישנס שטאַרן אַרויס קינדערישע פאַרשלאָפענע קעפּלעך. בערטשיק שמאַטע, איטשע טשאַפּ און לייזער קורניק שאַרפיען זיך מיט ישראלטשע בלימעלעס סטרוזש־קע. דערווייל לויפט אונטער אברהמל טריפהנע יאַטקע, דרייט אַראָפּ די סקאָבלעס. פון די טירן און דערלאַנגט אַריין דורכן פענצטער די שלאָפנדיקע קינדער אין דער ליידיקער שטוב. אין פעדערהויז שטייט הערש לוסטיק און רייבט זיך די הענט.

ישראלטשע בלימעלעס כאַפּט זיך אויף פון שלאָף. ער לויפט צו צום פענצטער אין ברייטן טלית־קטן און גלאָצט אַראָפּ אין פינצ־טערן הויף. ער זעט גאָרנישט אָבער לויטן געוויין פון די קינדער, פאַר־שטייט ער אַלץ. פּאַמעלעך, טאַפּנדיק די ווענט, גייט ער צוריק צו צום געלעגער, וויקלט זיך איין אין דער קאָלדרע און האַלב־דרימלדיק באַרירט ער מיט די ליפּצן".

אין בורשטינס שטעטל לעבן גויים, — טראָץ אַלע פיינטלעכע אַגיטאַ־ציעס, — פּאָרט צוזאַמען גוט מיט יידן. אַלטע דורות און אַלטע געוווינהייטן זענען שטאַרקער ווי די גיפטיקע אַגיטאַציעס פון שנאה. זומער־צייט דינ־גען יידן סעדער ביי די גויים און גייען אין וואַלד אַריין נאָך האָלץ. גויים גלייבן, אַז יידן ווייסן אַלצדינג, וואָס ס'וועט זיין און אין די יידישע שוואַר־צע קאַפּאָטעס זענען איינגעהילט די ווייטסטע ווינטן פון דער וועלט און זיי ברענגען זיי ידיעות פון די ווייטענישן און פון דער צוקונפט. א גוישער וואַלד־וועכטער, למשל, האָט אַמאָל — אין דער ערשטער מלחמה — געמסרט אַ ייד פאַרן רוסישן חייל, — דהיינו, אַז דער ייד איז אַ דייטשער שפּיאָן און די רוסן האָבן דעם ייד אויפגעהאָנגען אויף א בוים אין וואַלד, דער זעלביקער וואַלד־וועכטער פרעגט ביי הערש לוסטיקן (אַן אַנגעזעענער סמאָלינער ייד):

„וואָס רעדט מען אין סמאָלין וועגן דאַנציג? יידעלעך ווייסן אַלץ פאָראויס. ס'וועט זיין מלחמה, הערשקע?" — תשובה: „דאַנ־ציג? פון וואַנען ווייס איך? פאַר א ייד, פּאַניע נאַיאָווע, וואָס

ווינציקער גערעדט, אַלץ געזונטער איז. אז עס וועט זיין באשערט, וועט מען האָבן מלחמה אויך. ווי מ׳וועט עס זיך פאַרדינען. גיב מיר, פאַניע, א ביסל געטריקנטע שוואָמען פאר אן אָרימע זשידוווקע. און אפשר האָסטו רויזן־קרעל. כ׳וויל מיר אָנשטעלן פון די קרעלן אביסל ווײַן אויף שבת״.

שטימונגען פאר דער לעצטער מלחמה אין בורשטינס שטעטל:

„פון שולצס רעסטאָראַן שאַלט ארוים דער ראַדיאָ און פאַר־הילכט א האַלבן מארק. יעדן אָוונט אזוי, צווישן מנחה און מעריב, זאָגט ער אָן די סמאַלינער נייע גזרות. מען פארמאַכט די לופטשיקעס, מען לענט צו די טירן פון די געוועלבער, מען ציט אויף זיך ארויף געמאַכטע שמייכלען, אז שכנים זאָלן נישט דערקענען, וואָס עס טוט זיך אויף דער נשמה. די סמאַלינער האַלטן פון דעם כּלל: קנייפּ די באַקן, אז די פארב זאָל בלייבן. ווער עס האַלט זיך נישט פאר א געשלאָ־גענעם, דער איז נישט געשלאָגן... זיי ווייצלען זיך, שעלטן דעם דייטש מיט זיין ראַדיאָ. אויפן געמיט ווערט אָבער נישט לייכטער. דער ראַדיאָ עגבערט דורך די דיקע מויערן, פילט אוים די טונקעלע הייפ־לעך און דערקוטשעט, ווי אַ זלידנע פליג. פון איין פּלומפּ ביז צו דער אנדערער טראָגט זיך איבערן מארק א קלאָגעריי: „יוזעף פּילסודסקי שטאַרבט און יידן האָבן מורא פאר נייע ערגערע געשעענישן״. וימת יוסף — יוסף איז געשטאָרבן. ויקם מלך חדש, א נייער מלך איז אויפגעשטאַנען, וואָס האָט יוספן נישט געקאָנט״.

די יידן זענען לעצטנס געווען איבערגעשראָקן פון די בייזע אנונגען וועגן די געשעענישן, וואָס קומען אָן. אפילו פּילסודסקיס טויט האָט אויף יידן אָנגעוואָרפן אַן אימה. אפשר וועט ווערן נאָך ערגער? אין דעם פּלוס פון דער צייט הערן זיך די טריט פון דעם אומקום. יידן זענען געווען גרייט זיך אָנצוכאַפּן אין דער שוואַכסטער שטרוי פון אַ האָפענונג.

אַלץ, דוכט זיך, דערנענטערט זיך צום חורבן. אָבער יידן ווילן נישט פארלאָזן פּוילן, דאָס אַלטע געליבטע לאַנד, וואָס אזוי פיל יידישע דורות האָבן עס אריינגענומען אין זייער געמיט און אין דעם גאַנצן שטייגער פון זייער לעבן. טייער פּוילן, צי קאָנען מיר דיך פארלאָזן, און צי ביסטו טאַ־

קע געוואָרן א שטיפמאמע פאר יידן? יידן האָבן בטחון און זיי טרייסטן זיך מיט בטחון. אלע שטורעמס וועלן מיר איבערשטיין, זאָגן סמאָלינער יידן, מיר וועלן דאָ בלייבן: מיר וועלן בלייבן יידן אין פוילן. סמאָלין וועט פונדאַסניי אויפגעבויט ווערן.

איבער ישראלטשע בלימעלעס קבר טראָגן זיך גנעלע בלעטער. דער ווינט שפילט זיך מיט די לאנגע פּאָלעס פון די סאַ־מאַ־לינער און טראָגט פונאנדער איבער די צייטיקע רייז־פעלדער זייערע פעסטע ברוסט־שטימען.

— י־ת־ג־ד־ל ו־י־ת־ק־ד־ש.

פון קרענצל מענטשן שארט זיך ארויס הערש לוסטיק. ער בויגט זיך איבערן קבר. יעדעס וואָרט זיינס פאלט, ווי טראָפּנס טוי, אויף די פארוויינטיקטע הערצער פון די סאַ־מאַ־לינער.

— כ'טו אייך צו וויסן, ר' ישראלטשע, אז מ'עט צוריק אויפבויען די שטאָט. איך, הערש לוסטיק, בין ערב דערפאר.

זיין פנים פלאמט מיט גבורה אין דער רויט־אויפגייענדיקער זון.

.16

לייב ראשקין איז אריינגעקומען אין דער יידישער ליטעראַטור פון פּוילן כמעט פאַר דער לעצטער וועלט-מלחמה. ער איז געווען, אַזוי צו זאָגן, די לעצטע אַטראַקציע פון אַ נייעם יידישן שריפטשטעלער אין פּוילן. ער האָט באַלד אויף זיך געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער יידישער קריטיק און באַקומען אַ טייל פון דער פּרייז־פּרעמיע פון יידישן פּען־קלוב אין פּוילן.

לייב ראַשקין גיט ווידער און פונדאָסניי דאָס שטעטל. אָבער ער גיט עס פון אַ נייעם אַספּעקט. מיר זעען: די מאָטיוון פון שטעטל קאָנען זיך גאָר נישט אויסשעפּן אין דער יידישער ליטעראַטור אין פּוילן. אַלע מאָל זענען זיי אַ נייער קוואַל פון אינספּיראַציע פאַר די יידישע שריפטשטעלער. דאָס זאָגט געגנוג וועגן די אומדערשעפּלעכע אוצרות פון יידיש געמיט, פון יידישן שטייגער און פון די יידישע פּראָבלעמען, וואָס שפּילן זיך אָפּ אויף דעם דאָזיקן טיף־יידישן באָדן. דאָס שטעטל.

לייב ראַשקין איז אַ רעאַליסט. אין אַ געוויסער הינזיכט וואָלט מען אים געקאָנט צוזאַמענשטעלן מיט עוזר וואַרשאַווסקין. הגם ראַשקינס שטעטל „די מענטשן פון גאָדליבאָזשיץ" נעמען אַרום אַ גרעסערן קרייז, און אויך דער טיפּאַזש דאָרטן איז גענומען כמעט פון אַלע יידישע געזעלשאַפטלעכע ספערעס, — פונדעסטוועגן שטייט ראַשקינס בוך אָפּ פון די „שמוגלאַרס". עס שטייט אָפּ סיי אין דער קראַפט פון קינסטלערישער דערגרייכונג און סיי אין קינסטלערישער טיפקייט. וואַרשאַווסקי האָט מיט זיין רעאַליזם דערלאַנגט צום באָדנלאָזן תהום פון יידישן רעאַליזם. צום אויסוועגלאָזן ווידערשפּרוך פון יידישן רעאַליזם. צום מעמענטאָ מאָרי פון יידישן רעאַליזם. פון די „שמוגלאַרס" ווייעט די טיפע טראַגעדיע פון יידישן לעבן. פון דעם אַלעם ווייסט נישט לייב ראַשקין. ראַשקין האַלט זיך נאָך ביי דער

הוילער שטעטל־באַשרייבונג. ער האָט האָלד דאָס בלויזע דערציילן. אויך ראַשקין איז גראָטעסק, נאָר ער גייט קיינמאָל נישט אַזוי טיף אין זיין גראָטעסק, אַז עס זאָלן זיך עפענען פאַר אונדזער אויג די אָנגעווייטיקטע און טונקעלע טיפענישן פון יידישן לעבן. ראַשקינס גראָטעסק האָט גאָר־נישט אין זיך פון מעפיסטאָפעלישער איראָניע. גאַרנישט פון חשבון הנפש. דעריבער האָט ראַשקין נישט דאָס טראַגישע געמיט פון וואַרשאַוופּקיס דיאַלעקטישער דראַמאַטישקייט. אין אופן פון זייער טאַלאַנט וואָלט איך וואַרשאַווסקין אָנגערופן אַ פּאַרטיפּטן מאָלער. ראַשקינען וואָלט איך באַ־צייכנט ווי זייער אַ פּעאיקן, און פאָרט דיאַלעקטישן פעדער־צייכנער. ראַש־קין ווייסט אומצוגיין מיט דער לופטיקייט פון דער ליניע. אים פעלט דאָס געפיל פאַר דער לעבעדיקער תהומישקייט פון דער פאַרב.

ראַשקין באַהאַנדלט כמעט די זעלבע טעמע וואָס וואַרשאַווסקי: דאָס שטעטל אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. ראַשקין גיט איבער די עפּאָכע פון נאָך־דער־מלחמה אין שטעטל. דאָס שטעטל ווערט וואָס אַ טאָג באָדנ־לאָזער. די צעפאַלענע און באָדנלאָזע קעגנוואַרט פון יידן אין פּוילן בויט ראַשקין אויף אויף אַ פעסטער איינגעפונדעוועטקייט פון פריערדיקע פּוי־ליש־יידישע דורות. אין דעם איז ער גלייך צו בורשטינען. אויך ראַשקין געהער צו די דיכטער פון דער יידישער קאַטאַסטראָפע. נאָר ביי ראַשקינען איז די קאַטאַסטראָפע נישט קיין מאָראַלישע, ווי ביי וואַרשאַווסקין, נישט קיין קאַטאַסטראָפע אין אינערלעכע, נישט קיין קאַטאַסטראָפע פון אַ טיפער מענטשלעכער ירידה. דאָס שטעטל צעפאַלט זיך אין ראַשקינס בוך עפּעס ווי אַ געזעצמעסיקע דיאַלעקטישע אַנטיטעזע צו דער גרויסער און אַלטער סינטעזע פון יידישן לעבן אין פּוילן. די נייע צייט ברענגט בלויז דעם דיאַלעקטישן ווידערשפּרוך פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג. און ראַש־קין באַשרייבט דעם דאָזיקן ווידערשפּרוך און מאַכט דערפון נישט קיין גרויסע טראַגעדיע. אמת, ס'איז אַ קאַטאַסטראָפאַלער ווידערשפּרוך, אַ דעמאָראַליזירנדיקער, אַ דעגענערירנדיקער. אַזוי גייען די געזעצן פון לעבן, און קעגן דעם איז נישטאָ וואָס צו מאַכן. מען דאַרף האָפן, און זיך טרייסטן מיט אַן אפשר. אפשר וועט די קאַטאַסטראָפאַלע אַנטיטעזע ברענגען צו נייע טעזעס און סינטעזעס פון יידישן לעבן.

אויך ראַשקינס שפּראַך איז הן לויט איר ווערטער־באַשטאַנד און הן

לויט איר סטיל פול מיט פּויליש-יידישע אידיאָמען און לאָקאַליזמען — און דאָס געהער צום כאַראַקטער פון בוך.

דאָס בוך הויבט זיך אָן מיט א בילד פון א פּוילישן דאָרפס-ייד:

„דער זיידע איז געווען א דאָרפס-ייד בן דאָרפס-ייד. זיין מלבוש כל ימיו, סיי זומער און סיי ווינטער — א וואַטענע קאַפּאָטע, באַשלאָגן מיט א שטאַרק געציַיג, נישט צום צעריַיסן. געריבן האָבן זיך געוויינטלעך בלויז די עלנבויגנס. די באָבע, א ציכטיקע, פלעגט נישט קאָנען צוזען ווי די ברודיקע וואַטע קריכט אַרויס פון די לע־כער — בעסער א מיאוסע לאַטע איידער א שיין לאָך — פלעגט זי אויסשערן א לאַטע פון אירס אן אלטן שפּאַנצער, איינפעדימען א גראָבע נאָדל-פאָדים — און דעם זיידנס מלבוש האָט ווידער אָנגע־הויבן פירן א ניי לעבן".

די פּראָסטע האַרעפּאַשנע יידישע דאָרפס-משפחות מישן זיך מיט די שיינע און גבירישע יידן פון שטאָט. די שטאַנדן פאַלן פונאַנדער אין יידישן לעבן. דאָס זענען די ערשטע טריט צו דער נייער תקופה און צום גאַנצן פּסיכישן און גייסטיקן איבערברוך. די נייע יידישע דורות ווערן פּראָלע־טאַריער. אַרבעטער.

שוין די ערשטע וועלט-מלחמה צעטריַיבט יידן פון די שטעטלעך. יידן ווערן צעבלאָזן פון דער מלחמה ווי פלעווער אויפן ווינט. און ראַשקין שילדערט די וואונדערלעכע האַרטנעקיקייט פון יידן. יידן גיבן זיך נישט אונטער און ווילן בשום אופן נישט רעזיגנירן פון שטעטל. יידן וויַיזן אַרויס א מאָדנעם ווידערשטאַנד און אויסערגעוויינלעכע וויראַלענץ. אָט יאָגט מען זיי אַרויס, אָט קומען זיי צוריק, און זיי בויען און בויען ווידער און פונדאַסניי ווי די אומדערמידלעכע מוראַשקעס. יידן בויען, — נישט געקוקט אויף אַלע חורבנות. אין די יידן ביי ראַשקינען שטעקט א גרוי־סער קאָנסטרוקטיווער כוח.

איין טיפע וואונד לאָזט די מלחמה איבער אין שטעטל: די וואונד פון דעגענעראַציע, פון וועלכער דאָס שטעטל קאָן זיך נישט דערהוילן. די דעגענעראַציע דורכן שמוגל און דעם אויפטריַיסלענדיקן מלחמה-לעבן. עס ווירקט כסדר ווי זלידנע גיפט. אויך דאָס אַלטע צניעותדיקע יידישע פאַ־מיליע-לעבן אין שטעטל איז אונטערגעגראָבן דורך די דעמאָראַליזירנדיקע

פאקטאָרן פון דער מלחמה. אין דער מלחמה־צייט האָבן די שטעטל־יידן אויסגעוואנדערט אין דער גרויסער שטאָט אריין. זיי זענען טאקע צוריק־געקומען, אָבער זיי האָבן מיטגעברענגט פון דער גרויסער שטאָט אלע דאָר־טיקע מנהגים. אין דער גרויסער שטאָט האָט די יידישע באַדנלאָזיקייט עפּעס פון א וועלט־ריטם.

אזוי ווערט אין שטעטל אלץ פארדאָרבן. די אינטעליגענץ איז פאר־דאָרבן. די פרומע זענען גאָטלאָז. די מאסע איז גראָב און המוניש. די רע־וואָלוציאָנערע האָפענונגען זענען אויסגעלאָשן. דער סאָציאליזם קלינגט נאָך ווי א ווייטע שיינע פראזע אין די מיילער פון דער שטעטלדיקער אינ־טעליגענץ. פון דער יידישער געזעלשאפטלעכקייט איז פארבליבן נישט מער ווי דער קארגער קהלשער טאָפּ איבער וועלכן מען רייסט זיך.

„יאנואר האָבן ערשט געזאָלט פאָרקומען די וואלן צום שטאָט־ראט, און שוין אָקטאָבער האָבן זיך די שיינע און חשובע באלעבאַ־טים פון גאָדליבאָזשיץ: די מייערבאכס, די בראָדערזאָנס און די אפּ־טייקערס ארומגעזען, אז זיי זענען נישט אליין צו דער שיסל. אחוץ די פאראיינס־יינגלעך — קאָמוניסטן, באָלשעוויקעס, — פון וועמען עס איז גלאט נישטאָ וואָס צו רעדן, זענען דיר אויפגעשטאנען פון דער העלער הויט נייע פארזאָרגער פון גאָדליבאָזשיץ, לאָזער קאָהן דער פּרעזעס פון „מזרחי" פון איין זייט און דער לערער ליוושיץ, פּרעזעס פון די ציוניסטן פון דער צווייטער זייט".

„אין דער שטאָט איז שוין שבת. נישט יענער פארמלחמהדי־קער נשמה־יתירהדיקער שבת, וואָס טראסקעט א זמירות נאָכן גרויסן קארפּן־קאָפּ, ביי די ווייסע, גלאנציק־צוגעברוינטע חלות, ארומגע־נומען פון דער ווארימקייט, וואָס שפּארט פון די ווייסע גלאנציקע קאכליעס... זינט אָרימקייט האָט זיך ארויסגערוקט און פארשפּרייט זיך פון באָד־גאס ביז צו דער מומע מיטשעס הויז, זיצט דער פע־טער מלך פרייטיק צונאכטס מיט א בלוי־ברוינער נאָז ביי א שיסל פּאָסנע גרויפּן, ברומט א ברוגזדיק זמירות און ווארימט מיט עקשנות, רייבט מיט דער פּלייצע דעם נישט־געקאלכטן קאלטן אויוון. ער, דער פעטער מלך, האָט שוין איצט נישט די אמאָליקע פּרעטענזיעס צו זיינע קינדער, הלמאי, זיי זיצן נישט מיט אים צוזאמען פרייטיק

צו נאכטסביים טיש. און נאָך איידער ער פארענדיקט דאָס עסן, ציט ער שוין אראָפּ די שטיוול און קריכט ארונטער אונטער דער ווארימער פּערענע, די איינציקע איבערגעבליבענע מחיה פון די אמאָליקע צייטן".

„גאָדליבאָזשיץ" איז דאָס שטעטל אין דער צווישן־תקופה. ווי ביי בורשטינען, איז אויך ביי ראשקינען פאראן א סך כראָניק און אויפצייכענונ־גען סיי פון געזעלשאפטלעכע און פּאָליטישע טאָג־פראגן אינעווייניק אין יידישן לעבן פון שטעטל און סיי פון די געזעלשאפטלעכע פראגן אין דער פּוילישער סביבה און אין דער פּוילישער מלוכה. פון ראשקינס בוך קאָן מען באקומען א גענוג קלאָר בילד פון דעם יידישן לעבן אין פּוילישן שטעטל אין דער תקופה צווישןביידע וועלט־מלחמות. וואָס שייך דער רייכקייט פון פערסאָנאזשן און טיפּן שטייגט ראשקין איבער בורשטינען. אויך דער קרייז פון די פערסאָנאזשן איז א ברייטערער, און מיר זעען דאָ דאָס לעבן פון דער יידישער אינטעליגענץ. עס איז באמת א פארביקער קאַליידאָסקאָפּ פון יידישע טיפּן אין שטעטל. איינצלנע קריצן זיך ממש איין אין זכרון מיט דער שניידיקער און טרעפלעכער כאראקטער־צייכענונג, למשל, דער אפּטייקער, דער רב און זיין איידעם, און אייניקע טיפּן פון גאָדליבאָזשיצער המון. „די מענטשן פון גאָדליבאָזשיץ" האָבן אויך דעם כאראקטער פון א פאמפלעטיש ווערק, ווו דער מחבר וויל זיך אָפּרעכענען מיט עטלעכע פאר־שוינען פון גאָדליבאָזשיץ. איך וויל עס בשום אופן נישט צושרייבן אויפן נעגאטיוון חשבון פון ראשקינען. גראָד אָט דאָס פאמפלעטישע גיט צו דעם ווערק אסך רייץ און אסך היימישקייט. „די מענטשן פון גאָדליבאָזשיץ" באַ־קומען דורך דעם דעם חן פון לעבעדיקע דאָקומענטן. איבערהויפּט איז דאָס פּיקאנט פאר דעם לייענער פון יידישן בוך אין פּוילן. גאָדליבאָזשיץ איז סך־הכל דער פּסעוודאָנים פון דעם בארימטן קוזמיר, דאָס הערלעכע שטעטעלע נעבן דער ווייסל, פון וועלכן איך האָב פריער דערציילט. אהין פלעגן פאָרן אלע יידישע שריפטשטעלער און יידישע קינסטלער אין פּוילן. פאר דער יידישער קונסט איז קוזמיר געווען א קוואל פון אינספּיראציע און מאָטיוון. נישט איינער פון אונדז אין דעם ביטערן נע־ונד אויף דער וועלט בענקט אהין, און נישט איינער פון אונדז ווייסט, ווער ס'איז דאָרט, אין קוזמיר, געפאלן א קרבן פון ראשקינס טאלאנטפולער פעדער.

.17

רחל קאָרן קאָן מען דורכאויס צורעכענען צו דער נאַטוראַליסטישער שולע אין דער יידישער ליטעראַטור. אָבער מען מוז זיך אָפּשטעלן אויף דעם ספּעציפישן כאַראַקטער פון קאָרנס שריפטשטעלערישן אופן.

פונקט ווי קולבאַק און ראַבאָן האָט רחל קאָרן אָנגעהויבן איר ליטעראַרישע קאַריערע מיט לידער. פּראָזע האָט זי אָנגעהויבן שרייבן שפּעטער. אויב ביי קולבאַקן און ביי ראַבאָנען איז די פּראָזע געווען אַ וויטערער המשך פון די לידער, קאָן איך עס ווענן רחל קאָרן אויף זיכער נישט זאָגן. די פּראָזע איז אַ צווייטער און גאָר אַנדערער זשאַנר פון איר שאַפן. אפשר דער אָריגינעלערער און אָרגאַנישערער זשאַנר.

אין אַלע אַרטן פון יידישן נאַטוראַליזם האָט סוף כל סוף אינעווייניק געשטעקט אַ טראַגישע נאָטע, וואָס איז ביי עוזר וואַרשאַווסקין געקומען צו אַזאַ טיפן אויסדרוק. רחל קאָרנס נאַטוראַליזם איז ווייט פון אַלע טראַגיש־יידישע נעבן־טענער. די סיבה איז אַ פּשוטע: די יידישע טיפּן, וואָס קאָרן באַשרייבט, זענען עקזאָטישע ראַנד־טיפּן פון דער יידישערווירקלעכקייט. אויסנאַמען וואָס באַשטעטיקן נישט דעם כלל. און ממילא דעצידירן זיי נישט אין דעם טראַגישן סך־הכל און אין דער טראַגישער אויסוועגלאָזיקייט וואָס דראָט דעם נאַטוראַליזם אין דער יידישער ליטעראַטור. רחל קאָרן באַשרייבט יידישע פּויערים, יידישע ערד־לייט, יידישע מענטשן וואָס לעבן — אין קעגנזאַץ צו דער יידישער געזעלשאַפט — ווירקלעך נאַטירלעך אויף דער ערד, אַקערן און זייען און שניידן זייערע תבואות, און פּאַשען זייערע בהמות, ווי אַלע גויאישע ערד־מענטשן. אין רחל קאָרנס נאַטוראַליזם שטעקט אַ טיפע געזונטע לעבנס־פרייד, אַן ערדישע פרייד פון מענטשן, וואָס לעבן אויף דער נאַטור און מיט דער נאַטור. רחל קאָרן איז אַליין אַזוי מיטגעריסן פון אָט אָ דעם געזונטן יידישן לעבן אויפן פּוילישן דאָרף, אַז

זי באמיט זיך אזש צוצוגעבן איר יידישע שפּראך דעם נאטירלעכן קאָלאָ-ריט פון דעם פּוילישן דאָרף. זי וויל די פּוילישע ערד אריינוועבן אין דער יידישער שפּראך. קאָרנס שפּראך איז פליישיק און רוי ווי פּעטע נישט־צעאקערטע ערד.

„פון גאנץ פרי אָן האָבן זיך געטליקעט קאווקעס און קראָען. זייער אומרו האָט אָנגעזאָגט פרישן שניי. דער ווינט איז געלעגן צוגעטשאיעט אין די טאָלן, ווי א חיה צום שפּרונג".

רחל קאָרנס א בוך נאָוועלן הייסט „ערד". אין דער ערשטער נאָ־וועלע „ערד" באשרייבט קאָרן די יידישע פּויערים אין מזרח־גאליציע. אָט האָבן מיר א זשאנער־בילד פון א יידישן פּויער ביי דער סאָכע אויפן פעלד און אויך זיינע באציאונגען צו די בהמות.

„עס איז מרדכין אָנגעקומען שווער צום צווייטן מאָל חתונה צו האָבן. הינטער זיין פּלייצע האָט מען זיך דערציילט אין צען דער־פער ארום, אז ער האָט פארפּייניקט צום טויט מיט ארבעט זיין ער־שטע ווייב, פּונקט אזוי, ווי ער מוטשעט זיינע פערד. אין נאָענטן וואלד איז געווען אויסגעגראָבן א טיפער טאָל, און כמעט יעדן חשוון נאָך דער פעלד־ארבעט האָט מרדכי צוגעשפּאנט מיט אָרטשיקעס צו דער פרישער נבלה די איבערגעבליבענע פערד און געשלעפּט זיי אין וואלד. דעם צווייטן טאָג האָבן קי, וואָס זענען געגאנגען צום פּאשען, פארשארט מיטן שטויב פון אונטער זייערע פיס די שמאָלע לאנגע ראָוועס, וועלכע עס האָבן איינגעקריצט אינעם ווייכן פעלד־וועג די ארויסשטאַהנדיקע ריפּן פון דעם טויטן פערד.

צו איין פערד, דעם „בולאַן", וואָס האָט זיך ארויסגעוויזן שטארקער פון אנדערע, האָט מרדכי דריי מאָל געמוזט צוקויפן א פּאָר, די שווערסטע פרילינג-ארבעטן האָט שוין מרדכי געהאט הינ־טער זיך, און ס'איז אים געבליבן נאָך צו באארבעטן א שטיק פון ליימיקן בארג, ווען עס איז אינמיטן דער ארבעט געפאלן דאָס דריטע פערד. מרדכי האָט עס געריבן ביים עק, ארונטערגערוקט א דראָנג אונטערן בויך און עס געפּרוּווט אויפהויבן. א ציטער איז דורכגע־לאָפן דורך דער קאשטנברוינער פעל, דאָס פערד האָט זיך אָנגע־

שפּארט אויף די פאָדערשטע פיס, א הויב געטון דעם קאָפּ, נאָר באלד האָבן זיך די קני איינגעבראָכן, דער קאָפּ איז ארונטערגעפאלן אָן א זייט און נאָר די מילדע, גרויסע אויגן זענען מיט בליקן נאָכ־געגאנגען די באוועגונגען פון מענטש, וועלכער האָט זיך מיט דראַנג און בייטש ארומגעפּאָרעט ארום זיין גוססדיקן גוף:

— אנו, קאשטאן, וויאָ, וויאָ.

זענענדיק, אז מען קאָן שוין דאָ גאָרנישט אויפטון, נישט מיט שלעכטן, נישט מיט גוטן, האָט מרדכי מיט כעס א זעץ געטון מיטן שטיוול אין דעם פערדס שווער־אָטעמדיקער זייט, אויסגעשפּאנט עס פון פּלוג און זיך געלאָזט מיטן „בוהאן" פארענדיקן דאָס אקערן פון בארג".

ביי רחל קאָרנס יידן אונטערן פּיעקעלעק שטייט נישט ערגעץ־ווּ א באהאלטענער שטעקן, וועלכן זיי קאָנען תמיד נעמען אין דער האנט אריין, זוכן דעם ווייטן וועג, און אויסוואנדערן ווּ די אויגן טראָגן. דאָס זענען יידן, וואָס טראכטן נישט אוועקצוגיין. יידן וואָס זענען צוגעבונדן צו דער ערד, אויף וועלכער זיי אקערן און צו דעם פי וואָס זיי האָדעווען. פעסטע איינגעוואָרצלטע מענטשן. ווי יעדער פּויער זענען זיי בכח איינצו־שטעלן דאָס לעבן, ווען א פיינט קומט צונעמען זייער האָב און גוטס.

אין דער מלחמה־צייט קומען רוסישע זעלנער אין דאָרף צוצורויבן די קי. ווען זיי קומען נעמען א קו ביי מרדכין, דעם יידישן פּויער, לאָזט ער נישט. ער שטעלט זיך אנטקעגן. איך ציטיר די פאָלגנדיקע סצענע:

„מרדכי האָט נישט ארויסגעלאָזט די קו פון די הענט:

— דאָס זענען מיינע קי, מיין פּראצע. עך גיב נישט, גייטס אין די הייף (אין די פּריצישע הייף). דאָרט זענען דאָ פולע שטאלן.

די זעלנער האָבן אראָפּגענומען די ביקסן, אויף א רגע האָבן א בליץ געטון שארף און שמאָל די אויפגעשפּיזטע מעסערס.

— צום לעצטן מאָל: לאָזט די קי, אָדער נישט?

מרדכי איז בלאס געוואָרן. אויף זיין שטערן האָבן זיך גע־פּערלט שווערע טראָפּנס שוויים. ער האָט זיך געשטעלט זיי אנטקעגן, פארביסן, עקשנותדיק:

— הרגעט, אז עטץ ווילט, און געבן וועל עך נישט. ס'איז מיין."

די מענטשן ביי רחל קאָרן געבוירן זייערע קינדער ווי די קי זייערע קעלבלעך. די נייע מענטשן ווערן רייף אין די בייכער פון זייערע מוטערס ווי די עפּל אויף די עפּל-ביימער און ווי די קאַרטאָפל אין די פעלד־בייטן. ביי קאָרנען רינט די פרייד און די ברכה פון לעבן ווי די מילך פון די קו־אייטערס. מיר האָבן א געבורט־סצענע. אפשר די איינציקע געבורט־סצענע אין דער יידישער ליטעראַטור, און נאָר א פרוי קאָן עס אזוי ריכטיק און טיף באשרייבן. געמליך: א קו האָט זיך געקעלבט ביי מרדכין אין שטאל. איטע, מרדכים טאָכטער פון ערשטן ווייב, ברענגט דאָס ניי־געבוירענע קעלבל אין שטוב אריין, וואשט עס. ביילקע, מרדכים צווייטע פרוי, האלט אויך ביים געבוירן א קינד.

„איטע האָט אריינגעלייגט איר האנט אין שעפל און זי צוגע־שטעלט צום פּיסקל (פון ניי־געבוירענעם קעלבל). דאָס קאלב איז נאָכגעלאָפן מיט דער צונג די צעשפּרייטע פינגער, וועלכע האָבן אזוי דערמאָנט דער מאמעס ווארעם אייטער, עס האָט אָנגעהויבן צו טרינקען צמאָקנדיק און באלעקנדיק זיך מיט דער צונג, ווי א קליין קינד. איטע האָט געגלעט מיט איין האנט די נאָך אלץ ציטערנדיקע ווייכע פעל און צוגעלייגט דעם קאָפּ צום קעלבלס ווארימען קערפּער. פּלוצים האָט א ווילדער, כמעט נישט מענטשלעכער שריי א ריס געטון אויף שטיקער די פארשלאָפענע שטילקייט. דער שריי איז גע־קומען פון ביילטשעס אויסגעקרימטן מויל, זי איז געלעגן איינגע־קאָרטשעט אויף איר בעט. די שאַל, וועלכע זי האָט אין איילעניש ארויפגעוואָרפן אויף דעם פרירנדיקן, ציטערנדיקן לייב, האָט זיך אראָפּגעגליטשט פון איר און איז אראָפּגעהאָנגען איבערן בעט-ראנד, ביז צו דער ערד, ווי א צעבראָכענער פויגלשער פליגל. דער הויכער בויך האָט זיך געהויבן און איז אראָפּגעפאלן מיט קורצע שטויסנדי־קע באוועגונגען, ווי ס'וואָלט געאָטעמט א גאנץ פרעמד נפש".

אפילו דער טויט, די מגפה וואָס פאלט איבערן דאָרף ווי א ניפּטי־טער ווינט פון די הימלען, איז א סטיכישע שטראָף פאר אלעמען. ביי רחל

קאָרן זענען נישט פאַראַן קיין ספּעציעלע יידישע צרות. די ברכה און די קללה איז פאַר אַלעמען. אַלע זענען גלייך סיי פאַרן לעבן, סיי פאַרן טויט. אַלע לעבן און שטאַרבן ווי די נאַטור.

צו די יידן פון שטעטל האָבן קאָרנס יידן דאָס אומהיימלעכע געפיל ווי צו שיקזאַל־פרעמדע. קאָרנס יידן זיך געהערן זיך עפּעס נישט אָן מיט דער גאַנצער היסטאָריש־יידישער באַוועגונג וואָס גייט אָן צווישן די הייזלעך אין שטעטל. יידן, — נישט פון אונטער דעם יידישן גורל־שטערן און נישט פון דעם יידישן לעבנס־געפיל. ווען עס שטאַרבט — אין דער מגפה — ביי אַ דאָרפס־ייד אַ קינד און ער טראָגט דאָס טויטע קינד אין אַ קויבער אין שטעטל אַריין כדי עס צו ברענגען צו קבר־ישראל, דאַן טראַכט יענקל דער דאָרפס־ייד וועגן די שטעטל־יידן די זעלביקע מחשבות, וואָס עס טראַכטן וועגן די שטעטל־יידן די דאָרפס־פּויערים.

קאָרן באַשרייבט די פעלדער, אויף וועלכע דער דאָרפס־ייד שפּאַנט מיטן מתל אין קויבער:

„דער וועג איז געלאָפן פאַראויס, ווי אַ ווייס־געלע לאַסיצע צווישן די ברייטע פלאַכטעס פעלדער.

דאָס פריש־צעאַקערטע מיסט האָט געפּאַרעט פון די פעלדער און געוועבערט אין דער נאָז מיט זיין שאַרפן ריח.

ווו נישט ווו האָט מען שוין געזייט אויף די פּויערישע פעלדער די יאַרע תבואות. ווי אַ כמאַרע בינען, וואָס פליען צום ערשטן מאָל ארויס פון בינשטאָק, זענען געפלויגן פון די זשמעניעס די גאָלד־ברוינע קערנער און מאַכנדיק אַ גרויס האַלב־ראָד אין דער לופטן צוגעפאַלן מיד צו דער ערד. בראָנעס זענען נאָכגעפאָרן נאָך די זייערס און מיט די שאַרפע אייזן־ציין צעקייט אויף שטויב די גרודעס ערד.

יאַנקל האָט אויפגעקנעפּלט דאָס קורצע, אויסגעקראָכענע פּור־טערל, אָפּגעווישט דעם שוויים מיטן אַרבל פון זיין שטערן (אַ שלעכ־טער זאַץ), אונטער וועלכן ס'האָבן זיך געראַיעט די געדאַנקען, ווי מוראַשקעס, ווען מען שטעקט אַריין אַ שטעקן אין זייער נעסט:
— ביים אָנקומען אין שטעטל וועלן אים באַפאַלן די ווייבער ווי אַ

כמארע אויסגעהונגערטע אָסעם (ווילדע בינען י. י. ט.), זיי וועלן זוכן ביי אים א מציאה, א קעזל, א שטיקל פּוטער, א שאָק אייער און ארויסרייסן זיך איינע דער צווייטער פון דער האנט דעם קויבער" — אין קויבער ליגט דאָס טויטע קינד.

„און שפּעטער וועלן אים ארומשטעלן די רירעוודיקע, ווייס־זאָקנדיקע יידן און ארויספּרעסן פון אים דעם לעצטן שווייס, דעם לעצטן גראַצער. און אפשר וועט עס נאָך זיין צו ווייניק, אפילו מיטן קעזל און מיט דער פּוטער — צו ווייניק?"

דאן באווייזט זיך דאָס שטעטל אויפן פאָן ווי א געשטאַלט פון גאָר אן אנדערער און פרעמדער וועלט — דאָס געשטאַלט פון אן אנדער שיק־זאל.

„פונדערווייטנס האָט זיך שוין געזען דאָס שטעטל. עס איז געקראָכן מיט די קליינע אָפּגעדראַפּעטע הייזלעך אויף דעם הויכן נאַקעטן לייב־בארג, ווי א ברוין־הויטיקע יאַשטשערקע, וואָס שלעפּט נאָך זיך נאָך דעם גלאַנציקן עס פון פּאָטעק און פּארלירט אים ערגיץ צווישן די ברייטע גרינע לאָנקעס".

צום סוף וויל איך נאָך צוגעבן א טיפּיש בילד פון קאָרנס פּראָזע:

„עס איז שוין צייט געווען צו מעלקן די קי, און העניע איז נאָך אלץ נישט געקומען. פּראַם האָט ארייַנגערופן א שכנטע, די אַלטע יאַקימיכע, ער האָט צעהאַקט אין א שעפל אביסל בולבעס, אויסגעמישט מיט פּארפּארעטער סיטעשקע (דין געשניטן שטרוי), און דאָס געגעבן די קי צו דער מעלק. אין דער האלב־טונקעלער שטאַל איז געווען היימלעך און שטיל. עס האָט זיך בלויז געהערט דאָס סיקען פון דער מילך אין לײדיקן הילצערנעם עמער".

„די לופט איז שוין פול געווען מיט דעם צערטלעכן רופן פון די פעלד־פייגל, וועלכע האָבן איינס דאָס צווייטע געזוכט אין די געדיכטע, גאָלדענע דזשונגלען פון די צייטיקע תבואות. שייערן האָבן דורך די צעעפנטע טויערן אויסגעלופטערט די דעמפּיקייט פון פאַראַיאָריקן, שימלדיקן שטרוי און אָפּגעהוזקט פון זוניקן טאָג, פון וועלכן זיי האָבן זיך אָפּגעגרעניצט מיט קעלערדיקער קילקייט און האלב־טונקלקייט".

.18

דעם ווייטסטן און טאַלאַנטירטסטן שריט נאָך מענדעלע מו"ס האָט אין דער יידישער ליטעראַטור אין פּוילן געטון י. י. זינגער.

וואָס שייך זיין קינסטלערישער פיזיאָנאָמיע האָט י. י. זינגער קנאַפּ ענלעכקייט מיט מענדעלען. אין דעם אופן פון זיין שרייבן, אין דעם טאָן און אין דעם קאָלאָריט פון זיין שפּראַך האָט זינגער פולשטענדיק דאָס ראָמאַנטישע און פאַרביקע פון פּוילישן יידיש. ער האָט דעם פרייען געמיט־רייכן פּענדזל־שטריך, מיט וועלכן ער לייגט דעם ריטם און די פאַרב פון וואָרט. און דאָס פעלט מענדעלען. מענדעלעס שפּראַך איז א ראַציאָנעלע און א טרוקענע. זי חכמהט זיך. זינגערס סטיל דערגרייכט אָפט צו טיפער ליריק. אָבער — און אין דעם באַשטייט קודם־כל איינע פון די אָריגינאַליטעטן, וואָס זינגער האָט אריינגעבראַנגט אין דער יידישער ליטעראַטור — ער האָט באַוויזן דעם לירישן און וואַרימען טאָן פון זיין שפּראַך צו פאַרוואַנדלען אין א שניידיקער און ביטערער סאַטירע. ווי אַלע באַדייטנדיקע שריפטשטעלער האָט זינגער די פעאיקייט צו סינטעטיזירן דאָס בילד פון דער שפּראַך מיט דעם כאַראַקטער פון זיינע העלדן און מיט דער באַוועגונג פון די געשעעניש.

זינגער איז אין תוך א סאַטיריקער פון א ברייטן פאַרנעם. נישט קיין קאָמעדיע־סאַטיריקער, נאָר א טראַגעדיע־סאַטיריקער. זינגערס סאַטירע איז דורכאויס טראַגיש, ווייל זי איז דורכאויס פּסיכאָלאָגיש.

י. י. זינגער האָט א קריטישן צוגאַנג צום יידישן לעבן. ער איז ניכטער און שפּילט זיך נישט מיט קיין פאָראורטיילן. בלויז מיט דעם זעצט ער פאָר אין דער יידישער ליטעראַטור די ליניע פון מענדעלע מו"ס.

י. י. זינגער איז געקומען נאָך פּרצן, און ער איז געקומען ווי א טראַגיש־סאַטירישער ווידערשפּרוך צו דער גאַנצער אידעאַליסטישער שולע,

וואָס פּרץ האָט אויפגעשטעלט אין דער יידישער ליטעראַטור. די שולע פון דער גרויסער יידישער לעבנס־פאָרשטעלונג. זינגערס ווידערשפּרוך צו פּרצן איז אינטערעסאַנט שוין מיט דעם אליין, וואָס זינגער איז דורכאויס ראָמאַנטיקער און אידעאַליסט. אויך ער זוכט דאָס אויסגעלייטערטע און אידעאַלע פון לעבן: די איבער ווירקלעכקייט אין דער ווירקלעכקייט.

נאָר לאָמיר צוריקגיין צום ענין.

„יאָשע קאַלב" איז א סאַטירישע עפּאָפּעע קעגן דער ל"וישער ראָמאַנטיק, וואָס פּרץ האָט אויסגעבויט אין די יידישע הימלען. אש האָט זי געוואָלט זען אין יידישן קליינבירגערטום פון פּוילן, און קולבאַק — אין די האָרעפּאַשנע מאָנטיקס. הימלדיקייט? איראָניש און מיט דעם זשעסט פון א פּאָעטישער אומברחמנותדיקייט שאַרט י. י. זינגער פונאַנדער די ראָזע פּאָרהאַנגען פון דעם אויסגעהלומטן און אויסגעבאָוועטן קדשי־קדשים. די פּרציאַנער האָבן אין דעם חסידישן אידעאַליזם געזען די נאַציאָנאַלע פאָרם פון קאָמפּענסאַציע פאַר אַלע מאַטעריעלע טראַגישקייטן פון יידישער עקזיסטענץ. ווינט און איינרעדעניש. ווי קאָן מען דאָ רעדן פון וועלט־געלייטערטקייט, ווען אין דעם אידעאַליזירטן עולם־העליון ליגט דער גאַנצער גיריקער גוף פון מענטש פונקט ווי אין נידעריקסטן עולם־התחתון. אַלע אידעאַלע קאָמפּענסאַציעס האָבן נישט אויסגעוואָרצלט די עגאָאיסטישע חיהשע גיריקייט פון די מיקלאָמפּערשטע איבער־יידן און די קליינלעכקייטן פון זייערע תאוות. צו וואָס זיך נאַרן? אין קעגנזאַץ צו שלמהן פון דער „גאָלדענער קייט" ווייזט אונדז י. י. זינגער צוויי פּאָרטרעטן פון אַזעלכע יידישע היילִיקע. אָדער ר' מלך פון ניעשאַווע, מלא גוף און תאווה, אָדער אַזעלכע דעגענערירטע מיוחסים ווי די צדיקים פון ראָמאַנאָווקע.

מיט ווּנדערלעכן הומאָר זענען געצייכנט די פיגורן און זייערע באַוועגונגען.

„ער (דער ניעשאַוועער) איז דערפון אריין אין ווילדע התפּעלות, געכאַפּט דעם יינגל ביים קין, גלייך ער וואָלט שוין געהאַט א באָרד, ער האָט געפּאַטשט מיט די הענט, צוגעשטיקט אים, אין די זייטן אים געשטאָרקעט, אָפּגעשפּריצט און צענדליקער מאָל איבערגעחזרט דאָס זעלבע:

— פאַרשטייסטו מעך, צי נישט? הא ווּע...

דערביי האָט ער אים אָנגעפּיפּקעט פולע אויגן מיט שאַרפן ציגאַרן־רויך. אויף דעם ייִנגלס ניכטערן מאָגן האָט זיך דער רויך געלייגט ביטער. אין האַלדז האָט געשטיקט. ער האָט געהוסט. נאָר דער מחותן האָט עס נישט געהערט. ער האָט בכלל קיינמאָל נישט געהערט יענעם, נאָר בלויז זיך אַליין, אַליין אַלץ געהערט, אַליין אויף אַלץ זיך אָנגעוואָרפן

— פאַרשטייסטו מעך.. פאַרשטייסטו מעך...? הא, וווּ... האָט ער גיך געברומט דורך דער קאַלטענעוואַטער באָרד און וואָנסן".

די גאַנצע חסידישע ראָמאַנטיק, פון וועלכע עס האָבן זיך, אונטער פּרצעס איינפלוסן, גענומען די אידעאַליסטישע שטרעמונגען אין דער ייִדישער ליטעראַטור, — זי איז גאָרנישט ווערט, ווען מ׳וויל איר נאָר אויסטון די שיינע ליטעראַרישע מענטעלעך. זעט זי אויפריכטיק אין איר נאַקעטקייט, זאָגט זינגער מיט דער טיפסטער אויפריכטיקייט. אין דער דאָזיקער הינזיכט איז „יאָשע קאַלב" א מייסטערלעכע סאַטירע אויף דער „גאָלדענער קייט". די „גוטע ייִדן" זענען סך הכל כיטרע אויסנוצער און האַלטן דעם עולם אין דער פינצטערקייט. עס איז בנאמנות נישטאָ וואָס מיט זיי זיך איבערצונעמען און אויף זיי זיך איינצורעדן. פּרץ בויט זיינע פאַרביקע לופט־שלעסער אויף א פאַלשן פונדאַמענט.

„גאָט האָט ליב זיינע צדיקים, און די וואָס האַלטן אויס זיינע צדיקים, פאַרגיט ער, דער אויבערשטער. אמת, זיי דאַרפן א סך, די צדיקים זיינע. זיי פאָרן אין וואַרעמבעדער, זיי און זייערע ווייבער, קינדער און אייניקלעך, זיי דאַרפן זייד מיט אַטלעס און סאַמעט און פוטערס. זייערע ווייבער דאַרפן צירונג, גאָלד. אויך האָבן זיי קינדער א סך, די צדיקים, זיי מאַכן שטענדיק שמחות, ברויכן זילבער, בריליאַנטן, פּערל".

„נישט איינמאָל האָבן אים שוין חסידים אריינגעצויגן אַלס שותף אין מסחרים. אָבער דאָס מאָל איז דאָס געשעפט צו גרויס אָפּצוגעבן א שותפות. דאָס איז צו שטאַרק, האָט ער געטראַכט, דער ניעשאַיעווער. עס קאָן נאָך פּלטיאַלן פאַרדריסן און מען קאָן אים אין גאַנצן אָנווערן, וואָס עס וואָלט געווען א גרויסער שאָדן, גאָר

א גרויסער. אָבער פון דער אנדערער זייט איז פּלטיאל אָפּגעשראָקן. דאָס מסחר איז מיט א שטערונג, ס'האלט, חלילה, ביי תפיסה, און זיין, דעם רבינס צוזאָג, אז אלץ וועט גיין, מיט גאָטס הילף, אויפן גלייכן וועג, וועט פּלטיאלן שטאַרקן.

ער האָט דעריבער גענומען פּלטיאלן אָפּשלעפּן, האלטן אים וואָס מער אין ניעשאוווע, נישט געוואָלט געזעגענען אים. דאָס, האָט ער געוווּסט, ברענגט חסידים אלע מאָל אריין אין א צערודערונג, איבערהויפּט חסידים גבירים, פּארנומענע מענטשן, אזעלכע, וואָס האנדלען גרויס, מיט גענעראלן און שררות, און האָבן מורא פאר מסירות. דאָס שרעקט זיי, ווייסט ער, דאָס ווארפט זיי אראָפּ פון קוראזש, פון דער זיכערקייט, פילט זיי אָן מיט מורא, זיי ווערן ווייכער און גייען איין אויף אלץ.

וויפל מאָל פּלטיאל הורוויץ האָט אריינגעשיקט ישראל אבגדורן צום רבין, אז ער וויל זיך געזעגענען, האָט דער רבי אים געלאָזט זאָגן: — עט, וואָס איילט ער זיך אזוי, פּלטיאל?"

דער רבי איז א פרעסער, א ווייבערניק און האָט ליב געלט סכנות נפשות, — אָט אָ דער ר' מלך ניעשאווער, אין וועמען יידן גלויבן און וועלכן קיינער קאָן נישט אזוי גוט ווי זיין אייגענער משמש ישראל אביגדור.

„ער פארטראָגט נישט דעם גרויסן, שווערן הויף מיט די אומגעלומפּערטע געביידעס, וואָס קוקן מיט אָפּגעריסענע ווענט און מיט לאַטעס ארום זיך. ער ליידט נישט דעם ברונעם מיט דער פאראָסטעטער קייט, וואָס האלט אין איין סקריפּען ביים ארויפציען וואסער. עס דערקוטשען אים די קופּעס מיסט, וואָס ליגן כמעט ביים בית-המדרש און זענען שטענדיק באזעצט מיט קעץ, הינט, חזירים און קראָען. אים איבלט דער ריח פון מקווה און באָד-בעזימלעך, וואָס דרינגט אריין אומעטום דורך טיר און פענצטער. עס רעגן אים אויף די צעקאָלטנטע „יושבים" און חסידים מיט די צעריסענע טיזליקעס, פארפעצטע קאַפּעלאַטשן און פארקאָלטנטע בערד, די יידן, וואָס די בלאָטע ליגט זיי ביז צו די קעלנער פון די זשופּיצעס און וואָס אזעלכע האָט מען נאָך קיינמאָל אין ראכמאניוווקע נישט געזען. רק זיי שטייען מיט די צע־

שפּרייטע פּאָלעס ביי די מויערן פון הויף, אונטער אַלע פענצטער, טירן, און טוען אָפּ אַ מענטשלעך געברויך.

אים איז דערווידער דאָס גרויסע פּאַס, וואָס שטייט אין מיטן הויף, אויף צו וואַשן די הענט — נאָר קיין וואַסער איז דערין קיינמאָל נישטאָ, בלויז אויפן דנאָ שווימט ארום אַביסל אַלט, געדיכט און עפּושדיק פּייכטקייט, צו וועלכן די יידן בויגן זיך אין גאַנצן אריין, אַבי אָפּצוטונקען די הענט און אַ ביסל דערפון אריינצוגיסן אין די הויזן, כדי צו מעגן דאַווענען מיט אַ רואיק געוויסן... אים איז שווער איבערצוטראָגן דאָס גרויסע בית־המדרש, וואָס איז נאַקעט, אָן יע־דער באַפּוצונג, בלויז לאַנגע, שווערע הילצערנע טישן און בענק שטייען אין די זייטן, און צעריסענע ספרים, צעפּליקטע, זאַק־געבונ־דענע, אָפּגעשיילטע, וואַלגערן זיך אָדער ליגן פונאַנדערגעוואָרפן, אָן אַ סדר, אין די שווערע פאַכן ביי די ווענט. ער קאָן נישט סובל זיין דעם גרויסן אומגעלומפּערטן אויוון, הינטער וועלכן עס רייסט די־נאָז מיט הקדש, מיט שמאַטעס, מיט ברודיקע שווייסיקע קערפּערס פון קבצנים און וואַנדרערער, וועלכע האַלטן זיך דאָרט אויף, שלאָפן, רויכערן, ציילן נדבות און עפּושן. פרעמד זענען אים די דאַווענענ־דיקע יידן מיט זייער שפּרינגען, טאַנצן, מאַכן קולות, שלינגען ווער־טער, וואַרפן זיך און מיט זייער משונהדיקן זינגען. מיאוס זענען אים די סעודות אין בית־המדרש, די שווערע טישן, ברודיקע טיש־טוכער, איבער וועלכע ישראל אַבגדור קריכט אַרום מיט די פאַר־בלאָטיקטע שטיוול, נעמט אין די פאַרטאַבאַקטע הענט פיש און פלייש פון רבינס האַנט אַרויס און טיילט עס צו די חסידים. וויפל מאָל דער רבי אַליין דערלאַנגט אים, נחומטשען, אַ שטיקל פיש מיט די הענט, בלייבט עס אים שטעקן אין האַלדז פון עקל. ער קען נישט ליידן דעם קלעביקן וויין, וואָס ישראל אַביגדור מאַכט אַליין, רופט אים אונגער־ווייַן, און טיילט אים ביים טיש. ער שרעקט זיך פאַר אַלע רבישע קינדער, אייניקלעך און משפּחה, יידן און יונגעליית, פליישיקע, האָריקע, מגושמדיקע און שלעכטע, וואָס קוקן אויף אים מיט בייזע, שלעכטע אויגן.

ער קאָן נישט פאַרטראָגן די שטובן זיינע, וואָס זענען באַ־

שטעלט מיט שווערע שאפעס, הארטע לעדערנע שטולן און ריזיקע בעטן, מיט א סך א סך בעטגעוואנט. עפּעס שטענדיק פליען דאָ די פעדערן, אלץ איז פארפעדערט. ער קאָן נישט לײַדן דאָס עסן, דאָס אויסגעווייקטע פלייש, די שלעכט־אָפּגעזענגטע הינערישע פליגעלעך, די שלעכט אָפּגעקראַצטע ווארימע קעלבערנע פיסלעך, די געפּאלדע־וועטע גריישלעך, וואָס זענען קלעפּיק, נישט געשמאַק און געדיכט. ער קען נישט טרינקען די טיי, וואָס מען גיט דאָ אין גראָבע גלעזער, אָפּטמאָל נישט איבעריק ריינע, און וואָס דערמאָנען מיט זייער ריח אין דער מקווה און אין די באָד־בעזעמלעך. ביי קיין פאַל איז זיך פון דעם ריח נישט צו באפרייען. און אים איז אויך פרעמד און דערווידער דאָס אייגענע ווייב, די צעוואקסענע סערל, וואָס שטענ־דיק ליגט איר דער לויזער טשיפיק איבער די אויערן, די קליידער שווימען אויף איר און די שיך אירע, די שווערע, אומגעלומפּערטע, קלאפּן איבער דער זעלטן־געוואשענער פּאָדלאָגע". (61)

אין קעגנזאץ צו פּרצן שילדערט י. י. זינגער די מאטעריאליסטישע גראָבקייט פון רבישן לעבן.

אָבער זינגער איז ווייט נישט קיין נעגאטיווער סאטיריקער ווי מענ־דעלע. די „יידישע טאָרבע" איז פאר מענדעלען דער סימבאָל פון דער פויל־שטענדיקער אויסוועגלאָזיקייט. י. י. זינגער האָט זיין אייגענעם פּאָזיטיוון צוגאנג צו דער איבערווירקלעכקייט פון לעבן. ער גלויבט אין דער געליי־טערטקייט פון דער וועלט. די דאָזיקע איבער־ווירקלעכקייט קומט נישט ביי זינגערן — ווי ביי אלע אידעאליסטישע יידישע שריפטשטעלער — פון די נאציאָנאלע טיפענישן און פון א קאָלעקטיוו־יידישער פּסיכישער קאָמ־פּענסאציע: אז וועלט־געלייטערטקייט איז עפּעס א ספּעציפישע יידישע טבע. י. י. זינגער האלט נישט פון קאָמפּענסאציע. קאָמפּענסאציע איז נישט מער ווי א שיינע דעקאָראציע, הינטער וועלכער עס באהאלט זיך דער גרעסטער דלות. אזא אימאַגינירטער וועג פירט צו גאָרנישט. און אוודאי נישט צו קיין שום וועלט־געלייטערטקייט. עס איז דאָ אן איבערווירקלעכ־קייט, און זייער א טיפע און זייער א הייליקע איבערווירקלעכקייט. זי קאָן נאָר דערגרייכט ווערן פון א יחיד, פון א מענטש אליין נאָך א גרויסן חשבון

מיטן לעבן. געלייטערטקייט הייסט אָפּזאָגן זיך, געלייטערטקייט הייסט — אינערלעך זיין פריי פון אלע חיהשקייטן. געלייטערטקייט הייסט — אסקעטיש אנטלויפן פון לעבן. דער הייליקער מוז זיך לייטערן אין אלע שבעה מדורי־חטא פון גופישקייט און ארויסגיין א פון דער־וועלט־באפרייטער אין דער גרויסער איינזאמקייט פון דער וועלט. עס איז אויך א דיאלעקטיק און א לייטערונגס־גאנג דורך ווידערשפּרוכן, אָבער אזא דיאלעקטיק ליגט נישט אין די לעבנס־עלעמענטן פון קאָלעקטיוו.

עס איז א וועלט־וועג, וואָס נאָר אן איינזאמער מענטש קאָן גיין. י. י. זינגער גלויבט נישט, אז וואָסער עס איז מאסע קאָן דורך א דיאלעקטישער אנטוויקלונג קומען צו א קאָלעקטיווער דערהויבנקייט, ווי עס האָבן געלערנט העגעל און מארקס. נאָר אן איינציקער מענטש קאָן עפּעס דערגרייכן, און דאָס אין שווערן קאמף מיט זיך אליין. דערין איז י. י. זינגער דורכאויס אינדיווידואליסטיש און ער האלט נישט דאָס מינדסטע פון סאָציאליזם. די אלע מכלומרשטע הייליקע און העלדן, וואָס זענען דערהויבן געוואָרן אין די גלויבונגען פון קאָלעקטיוו, זענען סוף כל סוף פארבליבן ביי אלע נידעריקע אינסטינקטן פון מענטש. די העלדן פון דער מאסע זענען מאסע. חיהשער אינסטינקט. אנטלויפן פון דער מאסע אין פערזענלעכן ליידן — דאָס איז דער וועג פון א יחיד צו דער איבערווירקלעכקייט. און זינגער גלויבט טיף אין איר עקזיסטענץ און אין איר יש. אזוי שטייט דער אסקעטישער הייליקער יאָשע קאלב אין קעגנזאץ צו די אלע קאָלעקטיווע צדיקים פון דער חסידישער ראָמאנטיק. ער געהער נישט צו דער סטאדע פון צדיקים. אין נסיונות און אין שווערן געראנגל מיט אלע לאָקונגען פון דער גופישער וועלט האָט ער זיך באפרייט פון אלע אָנגענומענע קאָלעקטיוון. נאָר אויף זיין אייגענעם אויסגעפּייניקטן וועג האָט ער דערגרייכט די גרויסע מענטשלעכע אויסגעלייטערטקייט. וואָס האָט עס צו טון מיטן קאָלעקטיוו ? יאָשע קאלב איז דער פולשטענדיק פרעמדער (אזוי רופט ער זיך אליין אָן), דער אויסנאם, דער דיסאָנאנס אין דער חיהשער געמיינשאפט וואָס רופט זיך מענטשלעכע געזעלשאפט. אונטער וואָסער נאָמען און אונטער וואָסערע מכלומרשטע אידעאלן די מענטשלעכע געזעלשאפט זאָל נישט אויפטרעטן, תמיד און אייביק בלייבט זי די גיריקע בעסטיע.

„דאָס בית־המדרש ווערט ליידיק. דער שמש פארלעשט די

לאָמפּן, דערנאָך קוקט ער זיך ארום אין אלע זייטן, גייט צו צו די יאָרצייט־ליכט, זוכט אויס די נישט־באַלעבאַטישע ליכט, די וואָס אָרימע אלמנות האָבן אוועקגעשטעלט פאַר די נשמות פון זייערע מענער די בעלי מלאכות. ער לעשט זיי גיך אויס, באַהאַלט זיי אונ־טערן באַלעמער, און דערנאָך לאָזט ער זיך מיט א ניגונדל צו דער טיר, קושט די מזוזה און גייט ארויס. אָבער אויף דער שוועל שלאָגט ער זיך אָן אין עמיצן. א ווײַלע דערשרעקט ער זיך.

— א מת. — גיט אים א בליץ אין קאָפּ — א מת, וועמענס יאָרצייט־ליכט ער האָט אויסגעלאָשן.

אָבער באַלד קומט אים צוריק די קאַלטבלוטיקייט, די קאַלט־בלוטיקייט פון א שמש, וואָס איז יאָרנלאַנג אויך א באַגרעבער, וואָס ווייסט, אז פאַר מתים איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן. ער דערזעט א יונגנמאַן, וואָס זיצט און זאָגט תהילים, און ער פרעגט שטרענג:

— ווער ביסטו ?

— א פרעמדער.

— וואָס טוסטו ?

— כ׳גיי איבער דער וועלט.

— ווו ביסטו געווען פריער ? ביי מנחה־מעריב ?

— אין בית־המדרש.

— פאַרוואָס ביסטו נישט געשטאַנען ביי דער טיר צווישן די אורחים. מען זאָל דיך נעמען אויף וועטשערע ?

דער יונגערמאַן שווייגט.

— איך וועל דיך איצט צו קיינעם נישט פירן. וואָס וועסטו איצט טון ?

— כ׳וועל זיצן און זאָגן תהילים.

דער שמש באַטראַכט דעם פרעמדן, קוקט אים אָן פון אלע זייטן און ברומט בייז.

— עפּעס א קאַלב — זאָגט ער.

ער שאַרט אים אוועק מיט א פוס און פּסקנט אָפּ ביי זיך צו לאָזן אים זיצן דאָ פאַר דער טיר. אויב אן אָרימאַן האָט נישט קיין שכל זיך אוועקצושטעלן ביי דער טיר און אויפזוכן א באַלעבאָס, איז א

שמש נישט מחויב אים צו באזאָרגן. כאַפּט אים דער רוח. אָבער אין דער זעלבער רגע גיט אים עפּעס א בליץ אין געדאַנק. עס קומט אים אויפן זינען זיין צביה, די פאַרזעסענע האַלב־שטומע איינציקע טאָכטער זיינע. און ער פאַרהאַלט זיך נאָך א ווײַלע.

— וואָס ביסטו? — פרעגט ער דעם פרעמדן — א בחור? אַן אַלמן?

— א נע ונד'ניק. ענטפערט דער פרעמדער.

— ווי הייסטו?

דער פרעמדער טראַכט א היפּשע ווײַלע. ענדלעך רופט ער אָן זיין נאָמען.

— יאָשע.

— אפשר א גאָט־זאַך — פּאַלט איין דעם שמש א געדאַנק. ער נעמט דעם פרעמדן ביי א האַנט און פירט אים מיט זיך אויף וועטשערע.

— איי ביסטו א קאַלב, יאָשע — זאָגט ער און טשאַפּעט מיט די שטיוול אין בלאָטיקן שול־געסל, וואָס פירט צום אַלטן בית־עולם, וווּ ער וווינט אין קהלישן שטיבל. הינטער אים גייט נאָך דער פרעמדער.

זיי גייען פאַרביי די באָד, וואָס שטעקט ווי א ממשותדיקער פלעק, ווי א פּירקאַנטיקער שווערער חושך אין דער נאַכט. זיי גייען דורך דעם הקדש און קומען אַרויס צום איינגעפאַלענעם שטיינערנעם פּאַרקן, וואָס נעמט אַרום דאָס בית־עולם. פון הינטער דעם צויס רייִשן פאַרעקשנטביימער.

— ס'בית־עולם — ברומט דער שמש — האָסטו מורא פאַר מתים?

— כ'האָב מורא פאַר גאָט — זאָגט דער פרעמדער".

(169).

„דער פרעמדער האַלט די אויגן אַראָפּגעלאָזן. ער עסט ווייניק און זאָגט א סך. די מויד טראָגט צו צום טיש הייסע קאַרטאָפל פון וועלכע עס שלאָגט א וואַרימע פּאַרע. זי גייט צו אזוי נאָענט צום פרעמדן, אז זי שפּאַרט אים אזש צו מיט אירע גרויסע בריסטן. צו־

זאמען מיט דער פּארע שלאָגט פון איר א היץ, א הייסער אָטעם. דער פרעמדער דרייט זיך אויפן אָרט. די מויד כיקעט. ער בענטשט לאנג, דער פרעמדער, זאָגט פארשידענע תפילות פארן שלאָפן און קריכט ארויף אויפן פּיעקעליק. די מויד דעקט אים איין מיט אן אלטן צעריסענעם פּעלץ. זי הערט גאָרנישט אויף כיקען און דערביי קיצלט זי אים אין די פּיס און אין די זייטן.

— הי, הי, הי, — זאָגט זי מיט האלב־שטומע רייד און בליצט אויף אים מיט א משוגענעם גלאנץ אין די אויגן — הי, דו חתן מיין, הי...

דער קליינער הענגענדיקער נאפט־לאָמפּ ציטערט מיט אן א שיעור רונדע שאָטנס, ווי שווארצע טעלער.

אין מיטן דער נאכט, ווען דער זייגער הייבט אן הייזעריק זיך צו ווארגן מיט זיין אלט געווערק און די נאָכהענגענדיקע געוויכטן קלאפּן אוים טעמפּע צוועלף קלאנגען, הויבט זיך דער פרעמדער אויף פון זיין געלעגער און זאָגט חצות. ער וויינט מיט א ביטער איינגע־האלטן קול און שלאָגט זיך מיט דער פויסט אין הארץ. אין שטוב איז שטיל. בלויז דאָס שווערע אָטעמען פון די שלאָפנדיקע הערט זיך. א מאנסבילשער דיקער שנאָרך הויבט אן און א ווייבערישער, א דינער ענטפערט אים צו דער רגע. דער פרעמדער וויינט אלץ הע־כער און העכער. אים האלטן אונטער די רווישנדיקע ביימער פון בית־עולם. א גריל, אן איינציקע גריל באגלייט מיט אירע קינות פון הינטערן פינצטערן באק־אויוון". (172).

צי איז דען פאראן אן אונטערשיד צווישן דעם אונטערשטן מענטש ווי צביה דעם משמס טאָכטער (א מין יידישער קאליבאן, א שטומע ערדישע קרעאטור) און די מיקלאָמפּערשטע יחוסדיקע טעכטער, רבישע טעכטער, פרויען ווי מלכהלע און סערעלע יאָשעם ווייב? צביה איז הוילע עראָטיק און הוילער גוף. די רבישע פרויען זענען נישט בעסער. הוילע עראָטיק און הוילער גוף.

אזוי גיט אויך זינגער א בילד פון חסידישן יוגנט־לעבן אין פוילן:

„נגידישע בחורימלעך, חתנים מיט גאָלדענע זייגערס, דערגיי־

ען אים די יאָרן. פון לײדיק־גײן, פון אַ סך עסן און פון גאָרנישט טון, זענען זײ איבערגעזעטיקט, איבערגעלאָדן מיט גלוסטיקײט. זײערע כּלות קענען זײ נישט, שרײבן צו זײ נישט. בלויז צו די מחותּנים שרײבן זײ פּשטלעך, וואָס מלמדים מאַכן פאַר זײ. די אײגענע כּלות שטעלן זײ זיך פאָר אין די משונהדיקסטע געשטאַלטן. זײ וואַרטן מיט אומגעדולד אויף דער חתונה, אויף זײער חופּה־נאַכט. דערווײל שטילן זײ זײערע באַגערן אין די פעטע ערטער פון דער גמרא און אין די שאלות ותשובות וועגן ווײבערישע זאַכן. אַלע בלעטלעך אין די דאָזיקע ספרים זענען פאַרפעטסט, אויסגעריסן, אָבער אַז דאָס ווערט זײ צוגעגעסן, רעדן זײ ניבול־פּה און זײ רינגלען אַרום יאָשען און לאָזן אים קײן תהילים נישט זאָגן.

— יאָשע — שטאַרקען זײ אים — אַ ווײב האָסטו שוין אַמאָל געהאַט? קאַלב, די ערשטע מצווה האָסטו שוין מקיים געווען?

ער ענטפערט זײ קײן וואָרט נישט. ער זאָגט בלויז תהילים, זאָגט בײ דער אַרבעט, בײם גײן אַ גאַנג, בײם הײצן אין אויוון, אַפילו בײם אויסקערן דאָס בית־המדרש. עפּעס אַנדערש פון תהילים זאָגט ער נישט. בלויז בײנאַכט, ווען ער איז בײם שמש אויפן פּיע־קעליק, זאָגט ער עפּעס אַנדערש. פּונקט צוועלף בײנאַכט כאַפּט ער זיך אויף. ער צינדט דאָס לעמפּל נישט אָן. אין דער פינצטערניש גיסט ער זיך אָפּ די נעגל פון דעם שעפּ וואַסער, וואָס ער גרײט זיך אָן, ער טוט אָן די צעריסענע קאַפּאָטע, גאַרטלט זיך אַרום און זאָגט חצות. ער זאָגט זוהר פון אויסנווײניק, סליחות. ער ווײנט, שלאָגט זיך אַ סך אין האַרץ. אַ סך מאָל נעמט ער אָן אַ האַנט אַש פון פּיעקע־ליק און שיט זיך אויפן קאָפּ. אָבער אויך דאָ האָט ער קײן מנוחה נישט. צביה, דעם שמשס טאָכטער, פּײניקט אים״. (177).

אָט אַ דער פאַלשער ראָמאַנטישער שלײער ליגט אויך אויף דער חסי־דיש־יידישער פאַרגאַנגענהײט. אַלע אָפּטימיסטישע אידעאַליסטן, ווען מען ווײזט זײ דעם מענטש אַזוי ווי ער איז אין די טיפעניש פון זײן וועזן, דאַן האָבן זײ דעם אײביקן תּירוץ: די קעגנוואַרט איז דער סטאַדיום פון אַ ירידה, זי איז נישט מער ווי דאָס דעגענערירטע בילד פון אַ געוועזענער

גאָלדענער צייט. פון דער קעגנוואַרט איז נישט קיין ראיה. גוטע און עטישע קאָלעקטיווע מענטשן געפינען זיך בלויז אויף די נעפּלהאַפטיקע פּליינען פון דער פאַרגאַנגענהייט. די פאַרגאַנגענהייטן דערציילן אונדז דעם אמתן אמת וועגן דער מענטשלעכער טבע. דעם דאָזיקן גרויסן טעות באַמיט זיך זינגער צו קאָרעגירן. ער מאָלט טאַקע זיין „יאָשע קאַלב" אויף די לייוונטן פון א יידישער פאַרגאַנגענהייט. אָט האָט איר די פאַרגאַנגענהייט. און וואָס זעט איר? דאָס אייגענע און דאָס אייביק אייגענע. דער מענטש פון דער פאַרגאַנגענהייט איז אין זיינע מעלות און אין זיינע חסרונות פּונקט דער זעלביקער ווי דער מענטש פון דער קעגנוואַרט. די געזעלשאַפט האָט קיין־מאָל נישט דערלאַנגט צו דער איבער־ווירקלעכקייט, און וועט צו איר אויך קיינמאָל נישט דערלאַנגען. סיידן אַן אינדיווידועלער יחיד. סיידן א יאָשע קאַלב.

די דאָזיקע טענדענצן און נאָך אין א ברייטערן פאַרנעם, פּירט זינגער אַדורך אין זיין גרויסער עפּאָפּעע פון יידישן לעבן אין פּוילן „ברי־דער אשכנזי".

„ברידער אשכנזי" איז נישט — ווי „יאָשע קאַלב" — א בלויזער אויסשניט פון א געוויסן קלאַס אין דער פּויליש־יידישער געזעלשאַפט. אין דער עפּאָפּעע „ברידער אשכנזי" האָט זיך י. י. זינגער פאַרמאָסטן צו שיל־דערן אַן אנטשטייאונג־פּראָצעס פון א גאַנצן יידישן ישוב אויף דער פּוי־לישער ערד. דאָס אויסוואַקסן פון אָט־אָ דעם ישוב, זיין אויסגעשטאַלטונג, ווי ער שטייגט אויף און פאַרפּונדעוועט זיך, ביז ער קומט ענדלעך צו זיין —דיאַלעקטישן — אינערלעכן ווידערשפּרוך: צום פּונאַנדערפאַל.

די עפּאָפּעע הויבט זיך אָן מיט די וואַנדער־וועגן פון די דייטשע קאַ־ראַוואַנען צו די פּוסטע זאַמדן, אויף וועלכע עס איז שפּעטער אויסגעבויט געוואָרן די מערקווירדיקע שטאָט לאָדזש. די עפּישע מאַסן־סצענעס זענען פונאַנדערגעלייגט מיט א גרויסן קינסטלערישן אָטעם. מיר איז שוין אויס־געקומען צו רעדן וועגן דעם ספּעציפישן כאַראַקטער פון דער שטאָט לאָדזש אין צוזאַמענהאַנג מיט ישראל ראַבאָן. אויף די פּוסטע לאָדזשער זאַמדן הויבט זיך אָן פונאַנדערצוּוואַקסן א גרויסער ישוב. דער ערשטער אינ־דוסטריעלער ישוב אין פּוילן. פּאַמעלעך הויבט אויך אָן די יידישע באַ־פעלקערונג אַריינצוּוואַקסן אין דעם דאָזיקן מאָדערנעם ישוב. די ווירט־

שאפטלעכע קאָנסטרוקציע פון אַט דער יידישער באַפעלקערונג הויבט אָן אָנצונעמען נאָר אַן אַנדערן כאַראַקטער ווי דער יידישער ישוב אין די שטעטלעך. עס איז אַ פּראָדוקטיווער אַרבעטנדיקער ישוב. אָנזאָגן פון דעם גרויס־וועלטישן קאַפּיטאַליזם אין פּוילן. אין לאָדזש הויבט זיך אָן אויסצובילדן דער ערשטער יידישער פּראָלעטאַריאַט און די ערשטע עלעמענטן פון דעם מאָדערנעם רעוואָלוציאָניזם.

„ביסלעכווייז האָבן יידישע יינגלעך, בחורים און אפילו באַווייבטע גענומען קומען פון די שטעטלעך און אויסגעלערנט זיך די אַרבעט. טאַטעס זענען געגאַנגען מיט זייערע יינגלעך איבער די וועגן וואָס פירן קיין לאָדזש. זיי האָבן געטרעטן באָרוועסע אין די זאַמדן, אָפּגעיאָגט זיך מיט שטעקנס פון די דאָרפישע הינט. דאָס האָבן זיי געפירט זייערע זין, וואָס טויגן נישט צו דער תורה, אויף אָנצודינגען זיי אויף דריי יאָר אויף דער לער צו די לאָדזשער וועבער. נאָענט צו דער שטאָט האָבן זיי אַרויפגעצויגן די שטיוול אויף די פיס און אָנגעזאָגט זייערע זין, זיי זאָלן זיין ליט, זיין גוט צו גאָט און צו לייטן, פאָלגן דעם באַלעבאָס, זיין אונטערטעניק, וועט זיי זיין גוט אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט. פון טיפע קעשענעס אין שפּאַנצערס, פון שווערע טייסטערס האָבן זיי אַרויסגעצויגן פאַרהאָרעוועט געלט, פאַרפּעטסטע באַנקנאָטן, איינגעצאָלט די מייסטערס פאַר מאַכן אַ קאָנטראַקט. די יינגלעך האָבן דערפאַר געקריגן ביי די מייסטערס עסן און שלאָפן און געלערנט זיך די מלאכה.

אין די הונדערטער זענען זיי איצט געשטאַנען ביי די שטולן. מיט יאַרמולקעס אויף די קעפּ, מיט טלית־קטנס איבער די צייגענע הויזן, מיט צוויטן ביינוול אין די געקרייזלטע האָר און אין די שפּראָצנדיקע בערדלעך, האָבן זיי מיט פלינקע הענט געוועבט וואָלענע און ביינוולנע סחורות און ווייבערישע טיכער פון פאַרטאָג ביז אין דער נאַכט אַריין. זיי האָבן געזונגען חזנישע שטיקלעך, געציקלט זיך ביי „יעלות”, געגאָרגלט זיך ביי „כבקרת רועה עדרו”, די באַלעבאַטים זענען אַרומגעגאַנגען מיט פאַרפּעדערטע יאַרמולקעס, האָבן

נאָכגעקוקט צו דער ארבעט, געהאַלטן די סחורה אויפן אויג, מען זאָל נישט גנבענען, און אונטערגעיאָגט די געזעלן יעדעס מאָל, ווען איינער פון זיי האָט זיך אָפּגעשטעלט אָפּווישן דעם שווייס פון שטערן אָדער פאַרדרייען א פּאַפּיראָס".

די דאָזיקע גרויס־אָנגעלייגטע עפּאָפּעע פון י. י. זינגער פאַרנעמט א היפּשע קייט (אין דער צייט) פון יידישע דורות. עס גייען דורך א שלל מיט טיפּן פון דעם אַלטן און נייעם יידישן לעבנס־שטייגער אין פּוילן. קאָנפליקטן און קעגנזאצן סיי ווירטשאַפטלעכע סיי פּסיכישע זענען די מאָטאָרן, אויף וועלכע עס איז געבויט די דאָזיקע דראַמאַטישסטע עפּאָפּעע פון יידישן לעבן אין פּוילן. די עפּאָפּעע איז אָנגעשריבן אין אַן איידעלער און דורכזיכטיקער מאָלערישער פּראָזע. די פיגורן שטייען אין דראַמאַטישן שפּיל און קעגנשפּיל. אָבער אויך די יידישע דורות שטייען אין שפּיל און קעגנשפּיל אויף דער גרויסער צייט־בינע, וואָס י. י. זינגער האָט קאָנסטרואירט. דאָס אָרט דערלויבט מיר נישט צו געבן אן אויספירלעכע אנאַליזע פון דער מענגע און ממש קלאַסישע הויפּט־פיגורן, וואָס פירן אויס די דראַמאַטישע באַוועגונגען אין דער דאָזיקער עפּאָפּעע, — פיגורן, וואָס דעקן אויף אין זייער אינדיווידועלער פּסיכיק סיי די פּסיכיק פון דער צייט און סיי די פּסיכיק פון פאַרשידענע סאָציאַלע שיכטן ביי יידן אין פּוילן. דער גאַנצער עפּאָס איז קאָמפּאָנירט אין דער וואונדערלעכער פאַרביקייט פון די סצענעס. א שאָד וואָס איך קאָן נישט מאריך זיין, און איך וואָלט עס זייער גערן וועלן טון. אז נאָט וועט שענקען געזונט און לעבן, וועל איך וועגן זינגערן אָנשרייבן א באַזונדערע ארבעט. עס לוינט זיך די מי. י. י. זינגער איז א שריפטשטעלער מיט קאָנסטרואירטער פיזיאָנאָמיע און ער ווייסט וואָס ער וויל. יעדנפאַלס אויך אין „ברידער אשכנזי" איז פאַראן די אייגענע טענדענץ ווי אין „יאָשע קאַלב". זינגער באַמיט זיך זי שפּעטער בולטער צו אילוסטרירן אין „חבר נחמן", נעמלעך: אַלע מענטשלעכע דערהויבנקייטן קאָן מען קיינמאָל נישט דערוואַרטן אין די טאַטן פון קאָלעקטיוו. אויך נישט פון די יעניקע יחידים, וואָס זענען מיטן קאָלעקטיוו צונויפגעבונדן. אָט דוכט זיך: אין די קליינע באַלוטער הייזלעך און אין די וועבערישע שולעכלעך זאַמלט זיך צונויף אן אויפריכטיקער רעוואָלו־

ציאָנערער פּראָטעסט קעגן דער אומגערעכטער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. עס אָטעמט מיט א גרויסן רעוואָלוציאָנערן הערָאיזם ביי די ארבעטנדיקע מאסן, אָבער דער רעוואָלוציאָנערער אויפברויז שטילט זיך איין און פּליסט אָפּ, ווי אַן אויפגעשטורעמטער ים וואס גייט צוריק אין זיינע ברעגן. די רעוואָלוציאָנערסטע מאסע קערט זיך צוריק צו אירע קליינלעכקייטן און צו איר — מענטשלעכער — גיריקייט. נאָר איינצלנע, וואָס האָבן זיך גובר געווען אין א לעבנס־אסקעזע, בלייבן אין דער הויך. דער דאָזיקער איינצלנער דארף גאָרנישט געהערן צו דער רעוואָלוציאָנערער מאסע פונעם פּראָלע־טאריאט. ער קאָן אפילו געהערן צום בורזשואזן קלאס. מאקס אשכנזי, דער שווארצסטער טיפּ אין דער עפּאָפּעע, גראָד פאר אים לאָזט י. י. זינגער איבער א וועג צום אינערלעכן חשבון מיטן שיקזאל: דעם חשבון פונעם מענטש מיט דער חיה אין זיך. נאָר דער שווארצסטער טיפּ, וואָס איז דורכגעגאַנגען אַלע שבעה מדורי גיהנום פון דער גיריקייט, הויבט אָן — דיאלעקטיש ! — ארויסצוווייזן אַן עטישע מענטשלעכקייט.

איך האָב אָנגעהויבן צו רעדן וועגן י. י. זינגערס ראָמאנען, איידער איך גיי איבער צו זיינע נאָוועלן. הגם צייטלעך איז זינגער אויפגעטרעטן אין דער יידישער ליטעראטור אין פּוילן אלס נאָוועליסט. זיינע נאָוועלן האָבן באַלד פון אָנהויב־אָן געהאט דערפאָלג און מען האָט אויף זינגערן אָנגעהויבן צו קוקן ווי אויף איינעם פון די בעסטע יידישע פּראָזאיקער אין פּוילן. שוין זינגערס נאָוועלן האָבן אין זיך געהאט די שניידיקע צייב־נערישע סאטירע פון דער מענטשלעכער פּסיכיק, און ער האָט אויף אַן אויסגעצייכנטן אופן באוויזן צו סינטעטיזירן די זעלישע באוועגונגען פון דער פּסיכיק מיט די קערפּערלעכע באוועגונגען פון דער מענטשלעכער פיזיאָנאָמיע. אויבנאויפיק קוקן זינגערס נאָוועלן אויס צו שטיין אין קעג־נגזאץ צו זיינע ראָמאנען. און איך וויל דאָ זאָגן אויספירלעכער, וואָס איך מיין : הגם דאָס פּערזענלעכע אינדיווידום אין זינגערס ראָמאנען שיילט זיך אויס אלס פּסיכישער און גייסטיקער ווידערשפּרוך צו יעדן קאָלעקטיוו, אנטשטייט עס — אָבער — אין קאָנפליקט מיטן קאָלעקטיוו : ווי די קאָנ־פליקטפולע אנטוויקלונג פון א פּערזענלעכקייט. דער דערהויבענער איינצי־קער יחיד אנטשטייט נאָך שווערע נסיונות און מיזאמע דערפארונגען מיטן קאָלעקטיוו, ד. ה. נאָך שווערע נסיונות מיטן געזעלשאפטלעכן און גע־

מיינשאַפטלעכן לעבן פון מענטשן. נאָך דעם פּראָצעס פון שווערע נסיונות און קאָנפליקטן — מיטן קאָלעקטיוו — גייט ערשט דאָס ווערטפולע אינדיווידום אוועק זיינאייגענעם וועג צו דער דערהויבונג. אָט אָ די טראַגישע טראַנספאָרמאַציע פון קאָלעקטיוו צו עקסטרעמער יחידישקייט געשעט דורכאויס אויפן פאָן פון א געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג. אין זינגערס נאָוועלן פעלט נאָך דער דאָזיקער ברייטער קאָנפליקטן־פאָן פאַר דער אנטשטייאונג פון דער פּערזענלעכקייט. אויך אין זינגערס נאָוועלן אנטוויקלט זיך די פּערזענלעכקייט אין אַן אינדיווידואַליסטישן און אַסקעטישן פּראָצעס, נאָר עס אנטוויקלט זיך פולשטענדיק קאָנפליקטלאָז. מיר זעען נישט דעם אַסקעטישן מענטש אין דעם דראַמאַטישן שפּיל פון די ווידערשפּרוכן פון לעבן. דעריבער קומט דער אינדיווידואַליסט צוגלייך אַרויס ווי אַן אָרניקום און ווי אָפּגעריסן פון אַלע און פון אַלעמען. די אַקטיווע פּערזענלעכקייטן אין זינגערס נאָוועלן קוקן פאַר אונדז אויס ווי פּרעמדאַרטיקע עקזאָטן, און זיי זענען אַזוי פאַנטאַסטיש, פּשוט דערפאַר, ווייל מיר ווייסן נישט די דראַמאַטישע צוזאַמענהאַנגען פון זייער גענעזיס. אין זינגערס ראָמאַנען אָבער אַנטשטייען די פּערזענלעכקייטן ווי געזעלשאַפטלעכע כאַראַקטערן, וואָס האָבן ענדלעך געפונען אַן אויסוועג פון דער חיהשער טריבהאַפטיקייט פון דער געמיינשאַפט. זייער מענטשן־פּרעמדקייט געשעט אויפן באָדן פון א טיף עטיש באַוווּסטזיין. יענע מיזאַנטראָפּן זענען ערגעץ אויף א וועג צוריק צום מענטש. און זיי ווירקן אויף אונדז געזעלשאַפטלעך אַפילו מיט זייער לעבנס־אָפּוועזנקייט. מיר ווייסן יאָ זייער גענעזיס. אין די ראָמאַנען איז זינגערן געלונגען וווּנדערלעך טיף־דראַמאַטיש אויסצונוצן די ווידעראַנאַנדן צווישן פּאָזיטיוון און נעגאַטיוון אין דער מענטשלעכער געמיינשאַפט. ווייל אין די נאָוועלן האָט אים געפעלט דער ברייטער שפּיל־רוים פון די לעבנס־עלעמענטן פון דער געזעלשאַפט, דעריבער איז דער פּאָזיטיווער מענטש דאָרט אַרויסגעקומען ווי א פאַרשלאָסענער און פאַרביטערטער מיזאַנטראָפּ, וואָס איז פאַרטונקט און פאַרגראָטעסקעוועט געוואָרן אין אַן אויסוועגלאָזן און אידעענלאָזן אינדיווידואַליזם.

זינגערן איז דורכאויס אייגן די ברייטע רחבותדיקייטן פון א ראָמאַניסט, אַזוי צו זאָגן, די ברייטע לייוונטן פון דערציילן און שילדערן. י. י. זינגער איז עפּיקער און אין די נאָוועלן האָט זיין טעמפּעראַמענט פון

דורכאויסיקער רחבותדיקייט זיך געמוזט איבערטראנספארמירן אין דעם צמצום פון דעם זאץ און אין דעם מיניאטור־בילד פון דער צייכענונג. זינגער האט זיך דא נישט געקאנט פונאנדערנעמען די הענט. און דאס זיך פונאנדערנעמען די הענט געהער גראד צו זיין קינסטלערישער טבע. דערפון נעמט זיך אפשר דער פסיכאלאגישער סוד, וואס דער סטיל פון זיינע נאָ־ וועלן איז אזוי אויסגעזוכט און אזוי ציזילירט. זינגער האט זיך געמוזט אויסטערליש באהערשן אויף דעם קליינעם רוים פון דער נאוועלע. שפעטער ווען ער איז ארייגעקומען אויף די אייגנטלעכע פלאכן פון זיין טאלאנט, נעמלעך: דעם עפישן ראמאן, האט ער די דאזיקע שטרענגע ציזילירטקייט אויפגעגעבן, זי איז אים נישט מער נויטיק געווען. זינגערס שפראך און זינגערס זאץ האבן אנגעהויבן אינערלעך מיטצופליסן אין דעם ריטם פון די אפענע און ברייטע האריזאנטן פון דעם דערציילן.

אלע פאזיטיווע אייגנשאפטן פון זינגערס נאוועלן וואקסן אויס און אנטוויקלען זיך אין דער רחבותדיקער אטמאספערע פונעם ראמאן, זיי אנטוויקלען זיך ווי אין זייער אייגנטלעכער לופט. די סאטירישע און טיפע באאבאכטונגען פון דער מענטשלעכער פיזיאנאמישער באוועגונג סינטע־ טיזירן זיך אין איין גרויסער הארמאניע, א הארמאניע צווישן קערפער, כאראקטער, און א מענטשהייטלעכן שיקזאל.

אין מיטן דער באוועגטקייט פון דער מענטשלעכער געזעלשאפט פארלירן זינגערס פיגורן פון זייער מיזאנטראפישער עקזאטישקייט, — זיי געווינען אבער אין זייער שיקזאלהאפטיקייט. זיי ווערן פארטיפערט סיי אין זייער צוזאמענהאנג סיי אין זייער ווידערשפיל צו דער געזעלשאפט. און עס שאדט נישט אויף דאס מינדסטע, ווען זיי פארלירן דערמיט זייערע וויזיאנעריש־ גראטעסקע אדער מיזאנטראפיש־פאנטאסטישע פארמען, ווי די הויפט־פיגורן אין „פערל" צי אין „אלט־שטאט", וואס קאנען קיינמאל נישט געפינען דעם וועג צו דער מענטשלעכער געמיינשאפט. יענע אייגנ־ טימלעכע פארביסענע פארשוינען שפילן אויך אינדיווידואליסטישע מאַ־ ניערן, אבער זיי דערלאנגען ווייט נישט צו יאשע קאלב, וואס איז אוועק־ געגאנגען פון דער מענטשלעכער געמיינשאפט, ווייל ער האט דורכגעלעבט אלע עלעמענטן פון מענטשלעכער טאטהאפטיקייט און שפעטער אויסגע־ פונען זיין אייגענעם וועג צו דערלייזונג.

יאָשע קאַלב איז אַ פּרעמדער, אָבער ער איז בשום אופן נישט קיין מיזאַנטראָפּ.

מיר האָבן ביי זינגערן נאָך אַ ראָמאַן „שטאָל און אייזן" — אַ מלחמה־ראָמאַן. איך וואָלט עס גיכער באַצייכנט ווי אַ צווישן־שטופּע צווישן זינגערס ראָמאַנען און זינגערס נאָוועלן. „שטאָל און אייזן" איז אַ קאַליידאָסקאָפּ פון טיפּן און סצענעס. שאַרף באַאָבאַכטעט און שאַרף געצייכנט. אין „שטאָל און אייזן" פעלט נאָך דער רחבותדיקער הויך פון זינגערס שפּעטערע ראָמאַנען. „שטאָל און אייזן" איז אַ מאָזאַיק פון נאָוועלן און נאָוועלעטן, און זיי געשעען כמעט אַלע אין דער צייט פון דער מלחמה, ווען די יידישע באַפעלקערונג אין פּוילן האָט אַזוי פיל דורכגעלעבט און זי איז פול געווען מיט אַ גלויבן, אַז אָט האָט זי ענדלעך דערגרייכט די שוועל פאַר נייערע און בעסערע צייטן. די דייטשן האָט מען פאַרטריבן פון פּוילן. די הונגעריקע און דערנידעריקטע שטייען פונדאָסניי אויף צום רעוואָלוציאָנערן קאַמף. עס האָט דאַן געהערשט די אַלגעמיינע און דערמוטערנדיקע האָפענונג, אַז די רוסישע רעוואָלוציע וועט אויף אירע רויטע פאָנען ברענגען די בעסערע סאָציאַליסטישע וועלט און אַז דאָס מענטשלעכע רשעות איז ענדגילטיק געוואָרן אָפּגעשוואָנקען אין די ימען בלוט, וואָס זענען געפלאָסן אויף די שלאַכט־פעלדער. די לעצטע סצענע פונעם בוך, ווו די רעוואָלוציאָנערע זעלנער אין פּעטערבורג שיסן אויפן ווינטער־פּאַלאַץ, איז ביז גאָר סימבאָליש פאַר די האָפענונגספולע פּערספּעקטיוון פון יענער צייט. י. י. זינגער האָט דאַן דערין געזען דעם רעוואָלוציאָנערן פאַרמעסט פון אַן עטישן קאָלעקטיוו. דער ווינטער־פּאַלאַץ, — דאָס רעאַקציאָנערע און סאַטראַפּישע רשעות — גיט זיך אונטער דער נייער צייט פון אַ סאָציאַליסטישער און קאָלעקטיווער גערעכטיקייט. שפּעטער האָט י. י. זינגער געהאַט אַנדערע ביטערע דערפאַרונגען און האָט וועגן די אַלע זאַכן געקריגן אַן אַנדער מיינונג. דעם „חבר נחמן" וואָלט איך צוגעשריבן ווי דעם אַנטוישטן עפּילאָג צו „שטאָל און אייזן".

„יאָשע קאַלב" און „ברידער אשכנזי" זענען געמעלן פון ווירקלעכן לעבן און אַן אויסוועג פאַר אַ מענטש, וואָס טראַכט בלוטיק־ערנסט און טראַגיש וועגן זיין חשבון־הנפש מיט דער וועלט און מיט זיין באַשטימונג אין איר.

.19

אהרן צייטלין געהערט צו די אינטערעסאנטסטע און טיפסטע דיכ־טער פון דער יידישער ליטעראטור בכלל. אין דער יידישער ליטעראטור אין פוילן איז ער געווען דער רייפסטער און דער באדייטנדיקסטער דיכטער. אהרן צייטלין איז א דיכטער מיט א גרויסן וועלט־פארנעם. און — לויט זיין וועלט־פארנעם — איז עם דורכאוים לאגיש, וואס צייטלין פרוווט זיך אויסצודריקן אין די פארשידנסטע פארמען פון ליטעראַרישן שאפן. די דראמאטישע שפאנונג ווי אן עלעמענט פון קאסמישער טראגיק ליגט שוין אין די עלעמענטן פון צייטלינס לידער. דעריבער זענען אויך זיינע דראַ־מאטישע שאפונגען פון דער אייגענער — דראמאטישער — קאסמישער באוועגונג. דאס זענען די זעלבע דראמאטישע קאנפליקטן צווישן פארשי־דענע קאסמישע ווירקלעכקייטן, קאנפליקטן וואס קאנען זיך אויפלייזן בלויז אין דער לעצטער סובסטאנץ פון דער גאטהייט, ד. ה. אין דער קאנפליקט־לאזער קאסמישער סובסטאנץ פון א מעטאפיזישער איבער־ווירקלעכקייט. נאענט פאר דער לעצטער מלחמה האט אהרן צייטלין ארויסגעגעבן זיין ערשטן און איינציקן ראמאן „ברענענדיקע ערד”. און עס איז אויך נישט קיין צופאל. די עלעמענטן פון זיין וועלט־באנעם האט צייטלין אויך גע־פרוווט צו געשטאלטיקן אין די ברייטע פארמען פון דער עפישער פראזע.

קודם־כל וואלט איך געוואלט מאכן א שטיקל קאַרעקטור אין דער אנ־גענומענער מיינונג, אז אהרן צייטלין איז אין וועזן זיינעם דורכאוים א מיסטיקער. דאס וויזיאנערישע, דאס זעערישע, דאמינירט אין אהרן צייט־לינס קונסט גיכער ווי דאס־אייגנטלעך־מיסטישע. איך זאג עס לויט מיינע באשיידענע השגות און וואס איך פארשטיי אונטער מיסטיק. אין דער מאדערנער אייראפעאישער ליטעראטור איז פאר מיר פערזענלעך מארים מעטערלינק דער אויסגעשפראכנסטער טיפ פון א מיסטיקער. מיסטיק

מיינט אין מיינע באגריפן: דאָס פאַנטאַסטישע זען פון דערווירקלעכקייט דער מיסטיקער איז אין וועזן זיינעם א רעאַליסט, נאָר ער לייזט אויף די רעאַלע וועלט אין דעם אי־רעאַלן וועלט־געהיימניש. צו זיין וועלט־זען באַדאַרף דער מיסטיקער גאָרנישט קיין אנדער ווירקלעכקייט מחוץ די עקזיס־טירנדיקע רעאַליסטן. דאָס אויפגעוויקלטע בוך פון דער וועלט איז צוגלייך דאָס בוך פון דער אומבאַקאַנטער וועלט־גאָטהייט. אין דעם בוך פון דער רעאַלער וועלט לייענט דער מיסטיקער די געהיימנישפולסטע צייכנס פון דעם עקזיסטענץ־סוד און ער לייענט זיי אין דער שפּראַך פון דער אומענד־לעכער אייביקייט. דער „מבשרי אחזה אלוה" איז, גלויב איך, זייער א ריכטיקע פאָרמולירונג וועגן דעם וועזן פון דעם מיסטישן, ד. ה. די סובסטאַנץ פון דער וועלט־רעאַליטעט אין די אספּעקטן פון דער גאָטהייט. שפּינאָזא איז דער אייגנטלעכער פילאָזאָף פון די מיסטיש־דענקנדיקע מענטשן, און פּלאַטאָנס „אידעען" זענען געוועזן די יסודות פון דער מיס־טישער וועלט־אָנשויאונג. פון אן אנדערן אספּעקט קוקט דער וויזיאָנער. ער זעט דעם קאָסמאָס, צי די קאָסמישע עקזיסטענצן, אָנגעפולט מיט פאַר־שידענע מדרגות פון ווירקלעכקייטן, פון די העכסטע קערפּערלאָזע ווירק־לעכקייטן ביז צו די נידעריקסטע גופישע ווירקלעכקייטן. ער זעט דאָס אייביקע דראַמאַטישע שפּיל צווישן די דאָזיקע ווירקלעכקייטן. בעסער גע־זאָגט: דער וויזיאָנער זעט די וועלט אין די טראַגישע ווידעראַנאַנדן צווישן פאַרשידענע עקזיסטענץ־דימענסיעס. געוויס קאָן מען דאָ נישט זייער שאַרף אָפּטיילן די גרעניצן צווישן דעם וויזיאָנערישן און דעם מיסטישן. יעדער וויזיאָנער האָט אין זיך מיסטישעס און יעדער מיסטיקער האָט אין זיך וויזיאָ־נערישעס. זיי זענען זיך נאָענט אין זייער וועלט־באַנעם. פאָרט — ביי אלע שייכותן צווישן זיך — קומען זיי פון פאַרשידענע וועלט־שטאַנדפּונקטן און פון פאַרשידענע וועלט־ אספּעקטן. און אין דעם, אין וועלט־שטאַנד־פּונקט, גייט עס דער עיקר. דאָס דעצידירט אין דער אָפּשאַצונג בנוגע ווי־זיאָנערישקייט און מיסטיציזם. מעטערלינק, למשל, באַשטייט צו הערן דעם טיפסטן ריטם פון דעם וועלט־סוד אין לעבן פון מוראשקעס אָדער טערמיטן. אין די געזעצן, צי אין די געזעצלאָזיקייטן פון דער רעאַלער וועלט, הערט מעטערלינק די העכסטע ריטמען פון דעם לעצטן וועלט־גע־היימניש. כדי צו אַנען דאָס דאָזיקע געהיימניש, באַדאַרף גאָרנישט מאָרים

מעטערלינק דעם ביישטאנד פון איבערנאטירלעכע וועזנס, ווי מלאכים און שרפים. די מיסטיקער־וויזיאָנערן — צו וועלכע עס באלאנגט אהרן צייט־לין — זיי האָבן גיכער צו טון מיט די פארשידענע מעטאפיזישע ווירקלעכ־קייטן ווי מיט דער אייגנטלעכער מעטאפיזישער סובסטאנץ. די וויזיאָנערן האָבן זיך אוועקגעשטעלט אינמיטן דעם שפּיל פון אָט די קערפּערלעכע און גייסטיקע ווירקלעכקייטן, וועלכע ראנגלען זיך אויף די פּליינען פון דער אומענדלעכער אייביקייט. די הויפּט־רעקוויזיטן פון די וויזיאָנערישע וועלט־באנעמונגען זענען די איבערנאטירלעכע וועזנס און די איבערנאטירלעכע עקזיסטענץ־דימענסיעס.

גראָד אין דעם ראָמאן „ברענענדיקע ערד״, הגם ער איז נאָך דורכ־אויס וויזיאָנעריש, האָט אָבער דער פאנטעאיסטיש־מיסטישער מאָמענט זיך דאָ גיכער אקצענטירט ווי — אפשר — אומעטום ביי צייטלינען.

די געשעענישן פונעם ראָמאן קומען פאָר אויף געאָגראפיש־פארשי־דענע ערד־פלאכן: אין אמעריקע, ענגלאנד, אין ארץ־ישראל און אין טער־קיי, אין דער מדבר־סיני און אין מצרים, אין בבל און אין פּוילן. דער צענ־טער פון די געשעענישן איז ארץ־ישראל. עס גייט די וועלט־מלחמה. די מלחמה גייט אויך אָן אין ארץ ישראל, — אָבער וואָס איז ארץ ישראל?

ארץ־ישראל איז אסך יידישע ווירקלעכקייטן. עס איז דאָס אלטע היסטאָרישע לאנד פון יידן. נאָר ביי צייטלינען זענען מענטשן און לענדער תמיד סימבאָליש און אין זייערע שיקזאלן פארקערפּערן זיי נישט מער און נישט ווייניקער ווי — פּלאטאָנישע — אידעאישע סובסטאנצן. זיי זענען די אָפּשפּליטערונגען פון א וויזיאָנערישער אור־ווירקלעכקייט. און אויך אלע ווירקלעכקייטן זענען נישט מער ווי פארשידענע ספערעס פון דער דאָזיקער אור־ווירקלעכקייט. ווירקלעכקייטן — זענען בלויז פארשידענע בילדלעכע טראנספאָרמאציעס פון דעם איין און איינציקן מעטאפיזישן עקזיסטענץ־מהות. די ווירקלעכקייטן פון דער וועלט באדארפן געזען ווערן אין דעם אספּעקט פון ספירות. עס איז די וועלט־אָנשויאונג פון דער קבלה און פון דעם נעאָפּלאטאָניזם. ארץ־ישראל איז דאָס אור־לאנד פון דעם אור־ייד, ד. ה. ארץ־ישראל איז דאָס אידעאיש־פּלאטאָנישע לאנד פון דעם אידעאיש־פּלאטאָנישן ייד. די טראגישע און אייביקע סינטעזע צווישן דעם אור־יידנלאנד און דעם אור־ייד פירט זיך ווייטער און עקזיסטירט בסדר

און כסדר עפּעס ווי א גרויסע יידישע איבער־ווירקלעכקייט איבער אלע יידישע ווירקלעכקייטן, געוועזענע, קעגנוואַרטיקע און אפשר צוקונפטיקע.

„פון קינדווייז אָן האָבן זיי געפילט די גרויסקייט אין די ווער־טער־פעלזן פון תנ״ך און אין די שטיינער־פעלזן פון דעם קליינעם לאנד״.

תנ״ך, דאָס איז די לאנדשאפט פון ארץ־ישראל אויף אַן אנדער ווירקלעכקייטס־דימענסיע. ירושלים של מעלה. און ארץ־ישראל איז דער תנ״ך אויף אַן אנדער ווירקלעכקייטס־דימענסיע. ירושלים של מטה. עס איז א צוזאמענשפּיל פון אלע יידישע היסטאָרישע און קעגנוואַרטיקע ווירק־לעכקייטן אויף די אור־פּליינען פון דער אנטשטייאונג פון דער קאָסמיש־יידישער אור־אידעע. אור־יידן אויף דעם אור־יידנלאנד. אויף דעם דאָזיקן פאָן קאָנסטרואירט אהרן צייטלין זיין ראָמאַן:

ארץ ישראל — ניין, די קאָסמישע אידעע ארץ ישראל — ליגט אין דעם בלוט פון יידן — ניין, אין דעם בלוט פון דער קאָסמישער אידעע ייד. אלע די וווּנדערפולע לאנדשאפטן וואָס צייטלין שילדערט אין זיין ראָמאַן פארלירן דעריבער זייערע ווירקלעכקייטס־קאָנטורן. זיי זענען באלויכטן מיט די ספּערישע ליכטער און שאָטנס פון פארשידענע ספּערישע — יידישע — עקזיסטענצן. די פארבן און קלאנגען פון דער ערדישער און וואקסנדי־קער נאַטורהאפטיקייט אין ארץ־ישראל ווערן געהיימנישפול־ווילד און נביאיש־רעדעוודיק ווי די טונקעלע פּסוקים פון תנ״ך. די טויטע און פּוס־טע זאמדן פון דער מדבר־סיני באנעמען זיך אין צייטלינס שילדערונגען ווי א טייל פון די רויע און אומדערקלערבארע פּרשות פון חומש. די יידן וואָס זענען אין דער מלחמה־צייט נישט אנטלאָפן פון ארץ־ישראל און אי־בערגעבליבן דאָרט אויף אלע נסיונות, אין זיי שטייגט אויף, ווי א בלוט־מיטאָס, די אייביקע אור־ווירקלעכקייט פון יידן: — ארץ־ישראל — די אור־יידישע סובסטאנץ וואָס דריקט זיך אויס אין די פארשידנסטע פאָר־מען פון יידישן לעבן און אין די פארשידנסטע דימענסיעס פון יידישער עקזיסטענץ. אין די „ברענענדיקע ערד״ האָט זיך אהרן צייטלין באמיט אָט די דאָזיקע אלע פארשידענע ווירקלעכקייטס־פאָרמען פון דער יידישער אור־ווירקלעכקייט צוזאמענצוקאָמפּאָנירן אין איין וויזיאָנערישע גאנצקייט,

— און זיי געשעען אײנצייטיק אויף אלע שטחים פון דער וועלט. אויף דעם לאנדשאפטלעכן תנ״ך, וואָס הייסט ארץ־ישראל, שטייען אויף אין זייער העראָאישער און פרימיטיווער ביבלישקייט די אלטע ערשטע יידן, די יידישע אָנהויבער. גלייכצייטיק וויזט אונדז צייטלין אויף אן אנדער וועלט־שטח, אין פוילן, אויפן שטח פון דער יידישער וועלט־וואנדערונג, אפשר נאָך אן עלטערן, נאָך אן אייביקערן, און א העכערן און העראָאישערן וועלט־ייד. וואָס איז דער ליידנדיקער העראָאישער וועלט־ייד? דאָ ווערט ווידער געשטעלט די גרויסע פראגע פון יידישער עקזיסטענץ: אין ארץ־ישראל איז געבוירן געוואָרן דער אָנהויב פון דער יידישער וועלט־אידעע, און דער ליידנדיקער העראָאישער ייד אויף די וועלט־שטחים — אפשר איז ער דער לעצטער צוקינפטיקער אויסגעלייזטער מענטש? ד. ה. דער אָנהויב פון א גרעסערער וועלט־אידעע, נעמלעך די מענטשלעכע וועלט־אידעע. די וויזיע אויף די פליינער פון פוילן איז אריינגעקאָמפּאָנירט — סיי ווי א צוזאמענשפּיל און סיי ווי א קעגנשפּיל — אין דעם העראָאישן און מסירת־נפשדיקן פארמעסט, וואָס א גרופּע יונגע יידן האָבן אונטערגענומען אין ארץ־ישראל:

„ס׳איז געווען א זומער אין דער פרי. א תמעוואטע זון איז געשטאנען איבער אויסגעשטאָרבענע גאסן פון א קליין יידיש שטעטל אין פוילן. איבער שפּיציקע שטיינער האָט זיך געקווילערט א טונקעלע מאסע פלייש, ענלעך צום גוף פון א מענטש. די שטיינער זענען באַ־זייט געוואָרן מיט בלוט. די טונקל־בלוטיקע מאסע איז געווען צוגע־בונדן צום וויידל פון א פערד. אויפן פערד איז געזעסן א קאָזאק מיט א פּיקע אין האנט. ווען פון הינטן האָבן די געשרייען אויפגעהערט, האָט דער קאָזאק זיך אויסגעדרייט. ער האָט פון פערדל אראָפּ אריינ־געשטעקט די לאנגע פּיקע אין צעשניטענעם לייב. קיין ריר נישט, קיין כאָרכל: דאָס פערד האָט געשלעפּט א הרוג.

דער קאָזאק איז געריטן צום וואלד צו, ווו ס׳איז געווען דער שטאב. די זון האָט נארישעוואטע אונטערגעשמייכלט.

מיטאמאָל האָט דאָס קליינע קאָזאקן־פערדל א טאנץ געטון, זיך דיבאָם געשטעלט און זיך צעהירשזעט אזוי, אז דער קאָזאק איז אראָפּ און נענומען קוקן אין אלע זייטן. אָבער חוץ דער זון האָט מען אין

ערגעץ גאָרנישט געזען. ארום איז אַלץ געווען ליידיק. צי ווייל מ׳האָט שוין אַלע יידן געהאט אויסגעקוילעט, צי ווייל מ׳האָט זיי געהאט ארויסגעטריבן פון שטעטל מיט קינד און קייט — נישטאָ קיינער. צע־שאָסענע פענצטער, צעשאָסענע דעכער, שטיל,ליידיק און עפּעס א תמעוואטע זון, וואָס האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט מחמת צרות פון זינען אראָפּ.

ווילד קוקט דאָס פערדל אויפן קאָזאק, ווי א רוח וואָלט דערין אריין. כאָטש נעם און שפּיז עס אדורך אויפן אָרט.

דער קאָזאק ווארפט א קוק אויפן הרוג און זעט, אז אויפן צע־שניטענעם לייב זענען נאָך געבליבן הענגען פארבלוטיקטע צויטן פון דעם טלית, אין וועלכן דער אַלטער ייד איז געווען איינגעהילט. אין אָט דעם טלית איז דער ייד — דער איינציקער, וואָס איז געבליבן אין שטעטל, צי מחמת אַלטקייט, צי ווייל מען האָט גלאַט פארגעסן אין אים — אין אָט דעם טלית איז דער ייד געשטאנען, גערעדט אויף א מאָד־נער שפּראך און געוואָרפן מיט די הענט. ער, דער קאָזאק, האָט אים געפרעגט, וואָס ער טוט. דער ייד האָט געענטפערט, אז דאָס איז א תפילה אזא, וואָס ער זאָגט צום גאָט זיינעם, דעם זשידאָווסקן. אָבער די זשידעס האָבן דאָך נישט קיין גאָט. דאָס איז דאָך א ליגן. ווו איז דען זייער גאָט? אין וועלכער צערקווע זעט מען אים? ווו זענען די בילדער זיינע?

ער האָט באַלד פארשטאנען, אז דאָס נארט ער אים אָפּ. דער ייד איז א שפּיאָן א פארשטעלטער און מיט די הענט גיט ער צייכנס דעם שונא.

איצט איז געבליבן נישט מער, ווי א צעקאַטעוועטע מאסע פלייש און צויטן פון א טלית. נאָר פארוואָס וויל דאָס פערדל נישט גיין? פארוואָס מאכט עס אזוי מיט די אויערן? וואָס הירזשעט עס אזוי? ווער האָט אים איבערגעפירט דאָס פערדל?

דאָ זעט דער קאָזאק, ווי דער הרוג הויבט זיך אויף. פון דער צעשניטענער מאסע הייבט זיך אויף א מענטש. דער זעלבער אַלטער ייד מיט דער באָרד ווי א שטיק בלווילעכער שניי ערשט געפאלן. ער איז איינגעוויקלט אין טלית און די בלווילעכע ווייסקייט פון זיין באָרד

שאָטנט איבער דער פּוסטער גאס מיט די בלוט־באַזייטע שטיינער.
ער קוקט אויפן קאָזאַק, קוקט אויף זיין פערדל, קוקט אויף זיין פּיקע
— און זאָגט:

— איך וועל מיך לאָזן איבער די פּראָנטן. איך וועל גיין איבער די שטאָבן. ווו איך וועל זיך ווייזן, וועט אָנפאַלן א שרעק אויף אייך און איר וועט אראָפּלאָזן די הענט און וואַרפן די ביקסן. איר וועט זאָגן: דער ווייסער רב גייט! איר וועט זיך צעלויפן און איר וועט פארשפּילן. און צום צאַר וועל איך אויך גיין. איך וועל אוועק צום צאַר און וועל אים עפּעס זאָגן. ער וועט אומקומען. איך וועל מיך נוקם זיין פאַר דער קריוודע פון יידישן בלוט.

אין דער לופט האָט זיך פאַרוואָרפן א בריק, דער ייד איז ארויף אויף איר און פאַרשוואונדן. און דער קאָזאַק איז געשטאַנען אונטער דער בריק און געשריגן. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אז ער טרינקט זיך.

פון דעמאָלט אָן גייט דער ווייסער ייד איבער די רוסישע פּראָנטן. זעלנער לאָזן ארויס די ביקסן פון האַנט. קוילן הערן אויף צו בילן. און צו די יידישע זעלנער, וואָס אויף די פּראָנטן פון דעם צאַר, בייגט ער זיך אָן און גלעט זייער נאַקן און זאָגט דריי ווערטער אויף לשון קודש:

— לי נקם ושלם".

אידענטיפיקאַציע פון יידישער געשיכטע מיט דער שטאָט ירושלים:

דזשעמאַל פּאַשאַ „מישט אויף גרעצס געשיכטע, וואָס ער האָט געהאַט אויסגעשריבן פון בערלין, און בלעטערט צעטראָגן. עס איז, ווי די געשיכטע וואָלט געווען דאָס הויז פון די יידן, זייער אייגן הויז, און ווי ער, דזשעמאַל, וואָלט זיך אין א פרעמד הויז געוואָלט אריינרייסן. ער זעט לענדער און דורות, און הויך איבער די דורות און איבער די לענדער — א שטאָט אינגאַנצן באַרג, אינגאַנצן שטיין: ירושלים — א שרעקלעכע שטאָט. ווען עס מאַכט זיך דאָרט א שטורעם־ווינט — שרייען די שטיינער און עס בלאָזן האָרנס פון דער ווייט און אין דער טונקלקייט פון וואָלקנס מאָלן זיך אויס פיגורן".

אין דעם גאַנצן ראָמאַן, — וואָס איז אייגנטלעך די אוואַנטוריסטיש־העראָאישע געשיכטע פון א גרופּע יידן אין ארץ ישראל אין דער מלחמה־צייט, — גייען אדורך די פאַרשידענע יידישע ווירקלעכקייטן אין דעם דאָזיקן וויזיאָנערישן צייטלינישן אַספּעקט. אפילו שפּראַכלעך האַלט זיך צייטלין אין אָט דעם דראַמאַטישן וויזיאָנערישן מעטאַד. אין די העראָאישסטע — און כמעט ביבלישע — מאָמענטן פון איינעם פון די הויפּט־העלדן דאַרדאַנסקי, רעדט דער דאָזיקער דאַרדאַנסקי ספּעציעל אויף דעם פּשוטסטן פאָלקסטימלעכן יידיש. צוויי היסטאָריש־יידישע ספערעס אויף די פלאַכן פון איין אַספּעקט. צייטלין באַמיט זיך כסדר, אַז זיינע העלדן אין ארץ ישראל זאָלן רעדן א יידיש מיט אַלע חכמהלעך און חנדלעך פון דער שפּראַך.

„הבחור ר׳ אפרים — האָט ער געברומט צו זיך — איז, ברוך השם, נאָך אַלץ א לעבעדיקער הונט. שיסט מען אים — קאָלערט ער זיך איבער א פּאָר מאָל און היידא. הונגערט אים — מאַכט ער חתונה א ברייטל און עסט אָן א ברכה״.

און ס׳גייט צייטלינען זיכער נישט דערין צו האָבן וואָסער עס איז שפּראַכלעך־פּראָפּאַגאַנדיסטישע טענדענצן. צייטלין איז גאָר גאָר ווייט פון אַזעלכע טענדענצן. דער עיקר איז עס א וויזיאָנערישער טריק אָפּערצו־הויבן די פאַרשידענע פלאַכן פון יידישער עקזיסטענץ אין דער איינהייט פון רוים און צייט. מיר האָבן אפילו א סצענע — און איך האַלט זי פאַר איי־נע פון די פּאָעטישסטע אינעם ראָמאַן — ווו די לעצטע טאָכטער פון אַן אויסשטאַרבנדיקן יידישן מדבר־שבט — די בעדואינערקע אַזיזא — זוכט אויף די יידישע געמיינשאַפט, כדי זיך מיט איר צו פאַראייניקן און אין איר אויפצוגיין. איך וויל נאָר באַמערקן: די הויפּט־שטייגערונג אין דעם ראָמאַן געהער צו דער סצענע, ווו עמרם און דאַרדאַנסקי ווערן געהאַנגען אין דער תפיסה פון דמשק. די דאָזיקע סצענע איז איינע פון די שענסטע פּראָזע־מוסטערן אין דער יידישער ליטעראַטור בכלל, און זי איז קאָמפּאָנירט — כ׳מוז דאָ מיין פריינט צייטלין מאַכן דעם פאַרדינטן קאָמפּלימענט — מיט ממש א שעקספּירישער מייסטערשאַפט. און זי איז סימבאָליש. איך וואָלט געראָטן דעם לייענער זיך דורכאויס צו נעמען די מי און אויפ־

צוזוכן די דאַזיקע סצענע. ער וועט האָבן א גרויסן גייסטיקן גענוס. פון איין זייט: דער טויט און דאָס אוועקגיין פון א מענטש אין דער אומבאַקאַנטער אייביקייט. און פון דער אנדערער זייט: זיצן די לעבעדיקע אין האלב־קרייז און קוקן צו צו דעם אייביק־מיסטעריעזן אקט. צייטלין האָט דעם דאָזיקן אקט פון גרויסאַרטיקן וועלט־שוישפיל קאָמפּאָנירט ווי אן אנטיק־שטיק מיט כאָר און שוישפילער. כ׳מיין נישט אין טעכנישן זין. עס איז איינגאַנצן געהאלטן אין עפּישער פאָרם און דער כאָר און די שוישפּילער זענען אָרגאנישע באשטאנדטיילן פון דער עפּישער פּראָזע. דאָך איז עס דורך און דורך טעאַטראַליש און מיר לייענען עס מיטן געפיל, גלייך ווי מיר וואָלטן געזעסן אין א האלב־קרייז פון א גריכישן טעאַטער און צוגעזען די לעצטע פייערלעכע פינאַלן פון אן אנטיקער טראַגעדיע. די צוויי קאָסמישע ספערעס, די ספערע פון פאַרגענגלעכקייט און לעבן און די ספערע פון אייביקייט און טויט, שפּילן מיטאַנאַנדער אין ליכט און אין שאָטן פון א דראַמאַטישער וויזיע. דער טויט איז די איינציקע און וואָרסטע טאַט אונדזערע. דער טויט איז די מיסטעריע פון אונדזער שיקזאַל אין קאָסמאָס, ד. ה. די מיסטעריע פון אונדזער וועזן. און אונדזער לעבן? צי זענען מיר מער ווי די דרויסנדיקע צושויער פון א גרויסער וועלט־אינערלעכקייט?

דער הויפּט־העלד — דער טרוימער פון אן אלט־ניי ארץ ישראל — פאַלט — אין סוף פון דעם ראָמאַן — פון אן עראָפּלאַן אין די וואָלקנס אַראָפּ אין די אייביקע און רוישנדיקע וואַסערן פון ים. מענטשלעך העלדנטום און וועלט־כאַאָס. און עס געהער אויך צו די סימבאָלן פון יידישן שיקזאַל.

.20

א קליינע פאַרבאַמערקונג:

די פּיאָנערישע ווערק פון י. אָפּאַטאָשו („פּוילישע וועלדער"), ה. לייוויק („דער גולם"), א לעיעלעס: (שלמה מולכו" און „אָשר לעמעלם") ווי אויך דער אמעריקאַנער אש („כשוף־מאכערין פון קאסטיליען" און „קידוש השם") האָבן אין וועזנטלעכן אָנגעהויבן אויסברייטערן די אספּעקטן פון דער יידישער ליטעראַטור מחוץ די שטחים פון דעם שטעטל. און זיי האָבן דאָס געטון נישט בלויז אין שייכות מיט יידישער סאָציאַלער און געזעלשאַפטלעכער אַקטיוויטעט, נאָר דער עיקר — און אויך דערין ליגט דער גרויסער פאַרדינסט פון די אויבנדערמאָנטע אמעריקאַנער שריפט־שטעלער — זיי האָבן פאַר דער יידישער ליטעראַטור פונאַנדערגעעפנט די שווערע און אַלטע טויערן פון דער יידישער געשיכטע. זיי האָבן פונאַנדער־געפלאָכטן די טיפערע פעדים פון יידישער קאָנטינואיטעט. זיי האָבן זיך באַמיט צו אַנטפּלעקן די היסטאָרישע קאָנטינואיטעט פון די יידישע כאַ־ראַקטערן און פון די יידישע מאסן. בעסער געזאָגט: **די קאָנטינואיטעט פון** יידישן שיקזאַל אין דער קאָנטינואיטעט פון דעם יידישן כאַראַקטער.

הגם י. ל. פּרץ האָט געוואָלט טון די דאָזיקע באַדייטונגספולע אַרבעט אין די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן", האָט זיך אָבער די יידישע היסטאָרישע קאָנטינואיטעט דאָרטן געהאַלטן נאָר אויף דער ליניע פון יידישן געמיט און יידישער פאַנטאַזיע. זי האָט זיך געשטאַלטיקט ווי הוילע אַבסטראַקציע און איז געווען אָפּגעריסן פון די רעאַל־פּסיכישע געשעענישן אין דעם באַוווּסט־זיין און אונטערבאַוווּסטזיין פון דעם יידישן מענטש.

ערשט די אויבנדערמאָנטע שריפטשטעלער האָבן די רעאַליסטן פון דער יידישער געשיכטע אַריינגעפירט ווי קאָנטינואירנדיקע רעאַליטעטן אין דער יידישער ליטעראַטור.

י. י. טרונק

* * *

יצחק באשעוויס איז פון די אייגנארטיקסטע און טאלאנטירטסטע שריפטשטעלער, וואס האבן זיך באוויזן אין דער יידישער ליטעראטור אין פוילן. אייגנטלעך געהערט ער נישט צו די רעאליסטן אין דער יידישער ליטעראטור אין פוילן. ער געהערט אויך נישט צו די אידעאליסטן. באשעוויסעם קונסט באוועגט זיך גאר אויף אן אנדערן שטח און ער איז א רעאליסט לגמרי אויף אן אנדער רעאליטעט. באשעוויסעם אופן שרייבן איז אין פלוג גאר א רעאליסטישער און ער האלט זיך, אזוי צו זאגן, הארט נעבן די קאנטורן פון דעםווירקלעכן. זיינע פערסאנאזשן זענען אויסערגעוועלעך פלאסטיש געצייכנט און ער האלט זיי נישט אין דער נעפלהאפטיקער צעשוואומענקייט פון דער וויזיע. הגם באשעוויס איז דורכאויס א וויזיאנער. א וויזיאנער אויף זיין מערקווירדיקן אופן. ער האט א טיפע פארשטענדעניש פאר דער קאליר פון דער אומגעבונג און פאר דער צייכענונג פון דער קערפערלעכקייט פון זיינע פיגורן. שוין באשעוויסעס יידישע גופים אליין אנטפלעקן דעם גאנצן אומהיימלעכן תהום פון גייסטיקער יידישער וועזנהאפטיקייט. די גופים שטייען פולשטענדיק אין ליכט פון זייער אינערלעכן גייסט, און „די וועלט" און „יענע וועלט" שטייען געוואלדיק נאענט צווישן זיך אין דעם פלאסטישן שפיל פון באציאונגען. פאר זיין רעאליטעט בארגט זיך באשעוויס אויס די געשפענצטערהאפטיקע ליכטער און די געשפענצטערהאפטיקע טונקלקייט פון דעם אי־רעאלן. אלע זיינע פערסאנאזשן פירט ער צוריק צו דעם ליכטיק־טונקעלן בין־השמשות פון דעם באקאנטן און אומבאקאנטן, דעם באוווסטן און אומבאוווסטן, דעם נעזעענעם און דעם געאנטן.

באשעוויס איז אין פוילן געווען נאך א יונגערמאן. יונגקייט איז פאר דעם בעסטן שריפטשטעלער אן אומפארמיידלעכער חסרון. א שאד, וואס גוטע קינסטלער ווערן נישט געבוירן עלטערע און רייפערע מענטשן. אזוי איז שוין דער גאנג פון דער וועלט און קעגן דעם איז נישטא וואס צו מאכן. איך מיין, אז אין דעם ליגט די סיבה, וואס די אלע וואונדערלעכע רעקוויזיטן, וועלכע באשעוויס שלעפט צוזאמען פון די וויזיאנערישע טונקלקייטן פון יידישן געמיט, גיבן נאך נישט געגוג בולט די ליניע פון יידישער

קאָנטינואיטעט, — די קאָנטינואיטעט פון יידישער שיקזאַלהאַפטיקייט, אין מיטן אָט־אָ דעם עולם־התוהו פון דיאַבאָליק, אַנונגען און וויזיעס. באַשעוויסן פעלט דער דראַמאַטישער אָטעם פון אהרן צייטלינען, די דיאַלעקטיק פון אַ וועלטן־געראַנגל, וואָס פליסט ערגעץ־ווו צו צו אַ סינטעזע. און דאָס איז שיקזאַל. אָבער באַשעוויסעס קינסטלערישע טאַט, — אויסצובויען דאָס אַרכיטעקטאָנישע געשטאַלט פון דער יידישער וועלט, פון אָט די היסטאָרישע רעקוויזיטן, איז אויסערגעוויינלעך אָריגינעל און אויסערגעוויינלעך ניי אין דער יידישער ליטעראַטור. ווען עס וואָלט נישט געקלונגען ווי אַ פּאַראַדאָקס, וואָלט איך געוועז געזאָגט, אַז באַשעוויס איז דער באַשעפער פון אַ יידישער גאָטיק. באַשעוויסעס ווערק האָבן אין זיך אַ סך פון גאָטישער אומהיימלעכער־פאָרמהאַפטיקייט. אָבער אַלץ אויף אַ טיף יידישן אופן. באַשעוויסעס פאַנטאַזיע איז אַ געמיש פון יוסף דילי רינה און עדגאַר פּאָע. און דערצו איז באַשעוויס אַ פּלאַסטיקער אויף הונדערט פּראָצענט און אויפן גאַנצן געביט פון זיין שאַפן. זיין שפּראַך האָט אין זיך דאָס זעלביקע טונקל־גאָלדענע ליכט פון געשפּענצטערהאַפטיקייט פונקט ווי זיינע שאַרף באַאָבאַכטעטע און שאַרף געצייכנטע כאַראַקטערן. באַשעוויסעס שפּראַך האָט אַ זאַרגפעלטיקייט און אַ פּיעטעט אין בוי פון אירע זאַצן, וואָס זענען ממש אַ מוסטער ווי אַזוי מען דאַרף בויען אַ יידישן זאַץ און וויפל זאַפטן און חנען עס לאָזט זיך אַרויסבאַקומען פון יידיש. באַשעוויסעס שפּראַך איז גאָר אַן אָרגאַנישער באַשטאַנד פון דעם גאַנצן מילעי און אַטמאָספערע, וווהין ער ברענגט אונדז אַריין. די פּאַטינאַ פון איר אַלטקייט שטאַמט אַבסאָלוט נישט פון אַ ווילן צו אַרכאַאיזירן. באַשעוויסעס שפּראַך איז אַרכאַאיש פון זיך אַליין אַרויס, פון איר טאָן און געמיט. זי פליסט אַרויס טיף פון אינעווייניק פון די מערקווירדיקע אַלטע געשפּענצטערהאַפטיקע מענטשן, וואָס דערהויבן זיך און אַנטשטייען אין דער דאָזיקער וועלט פון יידישער פאַנטאַזיע און יידישן פאַנטאַסטישן אָבערגלויבן. די פּערסאָנאַזשן באַשעוויסעס וועקן זיך און ווערן געבוירן ווי יידישע האָמאָנקולוסן, וואָס געשטאַלטיקן זיך אין די אַלטע פאַרגעלטע בלעטער פון יידישע קבלה־ספרים און יידישער מיסטיק. זיי דרייען זיך טאַקע אַרום אין דער יידישער ווירקלעכקייט, ווי לעבעדיקע און אומהיימלעכע געשטאַלטן פון אַנדערע יידישע ווירקלעכקייטן. שוין אין באַשעווי־

סעם ערשטע נאָוועלן ווי „אין אלט הויז", „דעם טאטנס זון", „דער וועלט־דערלייזער" און „דער משומד" זעען מיר אָט די אלע פארשוינען, פון וועלכע עס אנטשטייען שפּעטער באַשעוויסעס פערסאָנאזשן: קבליסטישע משיח־זוכער, וואָס זענען א געמיש פון דער יידישער „די וועלט" און דער יידישער „יענער וועלט". א ווילדע און עקזאָטישע פאנטאזיע פלאקערט אין זייערע קעפּ ווי אין אָנגעצונדענער שייטער־הויפן. יענע יידישע פאנטאסטן קלייבן זיך מיט יחודים און אָפּשפּרעכונגען איבערצואנדערשן די וועלט־געזעצן און צו מאכן מיט דער וועלט האָקוס־פּאָקוס.

די נאָוועלע „דער ייד פון בבל" קאָן מען צורעכענען ווי דעם פּאָר־שטודיום פון דעם מייסטער־ווערק „דער שטן פון גאָריי", מיט וועלכן באַשעוויס האָט זיך געקויפט איינס פון די אָנזעעוודיקע ערטער צווישן יידישע דערציילער. איך וועל אומישנע געבן א פּראָבע פון דעם אופן ווי אזוי באשעוויס צייכנט זיינע העלדן:

„מיט א יאָר דרייסיק צוריק האָט ער זיך באוויזן אין די היגע לענדער — א הויכער, דאר ווי א שטעקן, אין א לאנגן מלבוש מיט געלע און ווייסע פּאסן, אין סאנדאלן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי חליצה־שיך און מיט א ווייסן גארטל אויף די לענדן. גערופן האָט ער זיך יועץ בר־מצליח, גערעדט א מין „תרגום" און לשון קודש און אָנגעגעבן, אז ער קומט פון בבל, ווו ער האָט געלערנט ביי א זקן קבלה־מעשית. דער ייד האָט פאר גרויסע געלטער געהיילט נכפּהניקעס און משוגעים, ארויסגעטריבן דיבוקים און מרה־שחורהס. ער האָט אין א שווארצן שפּיגל געוויזן געשטאלטן פון געשטאָרבענע קרובים און פלעגט איבערטראָגן אומריינע קרענק פון מענטשן אויף הענער... כאָטש דער ייד האָט זיך געפירט פרום, איז געגאנגען זומער און ווינטער אין קאלטע מקוות און האָט געפאסט תעניתים, האָבן רבנים און צדיקים גלייך אים גענומען רודפן, געשריבן בריוו, אז ער זינקט אין דער „סטרא אחרא". „אין דער טאָרבע זיינער האָבן זיך געוואָלגערט וועלפישע ציין און קנוילן טייוולסקרויט, א פענדל מיט קוילן אויף קטורת, ווייבערישע האָר און קאָלטענעס, א פלעשל אש פון א פארברענטער קאץ און א שיידל פון א מת. עטלעכע מאָל האָט ער־

אויפן וועג חתונה געהאט, נאָר די ווייבער האָבן זיך געשראָקן פאַר אים, געשלעפּט אים צום רבי נאָך א גט און ער פלעגט זיי לאָזן עגונות".

„שוין עטלעכע יאָר ווי ער שלאָפט אין גאנצן נישט. שווארצע לייט מיט געגדזענע פּיס טאנצן ביינאכט אויף זיינע ווענט, מען שפּילט אויף א פידעלע ימים־נוראימדיקע ניגונים און מען כיכיקעט. וויפל מאָל ער נעמט איינדרימלען, צופּט מען אים ביי די פּאות. צו אלע צרות באגנבעט מען אים. ער פילט בפועל ממש, אז זיי קריכן מיט די הענט צו אים הינטערן בוזים. אן אנדערש מאָל טרייבט מען מיט אים לצנות. מ'טראָגט איבער די זאכן אין שטוב פון איין אָרט צום אנ־דערן, דעם לאָמפּ שטעלט מען אוועק אויף דער ערד, מ'קלאפּט אין די שויבן, מ'פישטשעט און מ'פייפט אים אין די אויערן. נאקעטע נקבות מיט צעפּ ביז ערד גייען ארום מיט בארוועסע פוס־זוילן, זעצן זיך אויף זיין בעט, כיכן אויסגעלאסן און ווייזן זייערע ווייסע ציין. אן אנדער מאָל פלעכט מען אים אינגאנצן ארום ווי צום דער־שטיקן און מ'טענהט מיט אים איין אזוי לאנג, ביז ער בלייבט ליגן א פארחלשטער.

— יועץ — זאָגן זיי — וואָס האָסטו געמאכט פון דיר? קיין עולם הבא ועסטו סיי־ווי נישט האָבן... גיב זיך אונטער און ווער אן אונדזעריקער...

יועץ בר מצליח ווייסט, אז מחנות לאפּיטוטן וואַרטן אָפּ זיין טויט, כדי ארייננצוכאפּן זיין זינדיקע נשמה און זי צו צערייסן אויף שטיקער. וויפל מאָל ער קוקט איבער די מזוזות, געפינט ער דאָרטן א פּסול אין שם, די ספרים ווערן אויפגעפרעסן פון מייז און מאָלן. אנומלט האָט ער געעפנט די בתים פון זיינע תפילין און געפונען דאָרטן פארפוילטע שטיקלעך פּארמעט...

א שדים־חתונה:

„גרויסהאָריקע פארשווינען, וויכע ווי פון שפּינוועבס, האָבן זיך געשטופּט ארום אים, ווי ארום א בעל־שמחה, געלאכט מיט עפּעס אן אומרייגער קלעפּיקער פרייד, געוואָרפן זיך אויפן האלדז. מוזיק האָט אויסגעשפּילט, שטורקאצן האָבן זיך אָנגעצונדן און דער הימל איז געוואָרן רויט ווי בשעת א שרפה. יועץ בר־מצליח האָט

צום לעצטן מאָל געפּרוווט זיך ארויסרייסן, געוואָלט מאכן א טריט, אָבער די ערד אונטער אים האָט זיך געדרייט. עמיץ האָט אויסגע־שפּרייט איבער אים א חופּה, מ'האָט אים אָנגעטון א קיטל. א גרויסע אשה, איינגאנצן א נאקעטע האָט אים ארומגענומען, צוגעשפּארט אים צו אירע אנטבלויזטע בריסטן, ארויפגעלייגט זיך אויף אים מיט איר גאנצער שווערקייט און געבעטן זיך:

— יועץ, זיי מיך נישט מבייש... זאָג הרי את... אויף איי־ביק...! מזל טוב...!

יועץ האָט מיט פּארטויבטע אויערן געהערט א געבראַזג פון צע־בראָכן גלאָז, א פּויקעריי, א טופּעריי פון פיס, געלעכטער און קווי־טשערייען. א באָבע מיט א גרויסן קוילעטש האָט געהאָפּסט פאַראויס, געמאכט קאָזשאָלקעס. מיט איינמאָל האָט זיך אָפּגערוקט די ערד אונ־טער די פיס, די גאנצע חתונה האָט זיך א הויב געטון אין דער לופטן, קרום גענומען זיך טראָגן איבער באַלויכטענע שטעט".

יועץ בר־מצליח טרייבט ארוים מייז, היילט הייזער פון ווילדע שוואָ־מען. דערביי ווייזט באשעוויס ארוים גרויסע ערודיציע אין יידישער דיאַ־באָליק.

אין „שטן פון גאָריי" האָט זיך באשעוויס פארנומען פון אָט־אָ די שאָטן־ און „יענע־וועלט"־רעקוויזיטן צו קאָנסטרואירן א גאנצע עפּאָכע פון יידישער געשיכטע. סיי די איינצלהייטן און סיי די איינצלנע פארשוי־נען פון יידישן עולם־ התוהו האָט ער צוזאמענגענומען אונטערן אספּעקט פון א היסטאָרישע גאנצקייט. גראָד מיט זיי האָט באשעוויס געוואָלט באַ־וועגן א תקופה אין יידישן לעבן, און ווייזן א שטיק יידישע געשיכטע, ווי אזוי זי קוקט אוים אינעם ליכט פון יידישער פאנטאזיע. אן אָפּשניט יידיש לעבן אין אָפּשיין פון יידישער וועלט־דערוואַרטונג. וועלט־דערוואַרטונג אין די טונקל־גאָלדענע שאָטנס פון אן אומהיימלעכער יידישער אומבאַ־קאַנטקייט. באשעוויס האָט דערצו אויסגעקליבן די תקופה פון גזירת ת"ח און שבתי־צבי. איך האַלט עס פאַר א געראָטענעם אויסוואַל. יענע תקופה איז ווי אָנגעמאַסטן פאר באשעוויסעס פערסאָנאַזשן. פון איין זייט האָט זיך דאַן אויסגעדוכט, אז די שווערד פון אומקום איז ארוים פון איר שייד

און זי האָט זיך אויפגעהויבן, כדי אכזריותדיק צו פּאַרטיליקן די יידישע אומה. פון דער אנדערער זייט — ווי תמיד אין דער יידישער געשיכטע — זעט מען שטענדיק אין די פינצטערע צייכנס פון א יידישן סוף גראָד די ליכטיקע צייכנס פון א יידישן אָנהויב. פון אונטער די חורבות פון יידישן לעבן פלעגן פון תמיד אָן אויפשטיין די דערלייזער און די אָנזאָגער פון די נייע וווּנדערלעכע צייטן וואָס וואַרטן אויף יידן:

„פּשוטע ווייבער האָבן געזען חלומות אומגעוויינטלעכע. אין שלאָף זענען צו זיי געקומען טויטע קרובים און דערציילט וועגן די ווונדער, וואָס וועלן בקרוב געשען. מ'האָט געזען דעם אָרימאַן, וואָס רייט־אָן אויף אן אייזל. מ'האָט געהערט אליהו הנביאס רוף: גאולה באה לעולם. א גרויסער וואָלקן האָט אראָפּגענידערט און אלע יידן מיט ווייבער און קינדער האָבן זיך אויף אים ארויפגעזעצט, אוועק־צופליען קיין ירושלים. פּאַראוים האָבן געשוועבט די שולן און בתי־מדרשים. א דינסטמויד פון בעכעו דערציילט, אז דרימלענדיק האָט זי געזען א פייערדיק געביי, הויך ביז צום הימל, ליכטיק ווי די זון. ארום איר האָבן יידן אין זיידענע מלבושים מיט שטריימלעך אויף די קעפּ געקנים און געזונגען זמירות. איר באַלעבאָס, א למדן, האָט גלייך פאַרשטאַנען, דאָס די מויד האָט די זכיה געהאַט צו זען דאָס בית־המקדש פון אויבן מיט די לוויים, און איז מיט איר געפאָרן איבער אלע קהילות ארום, זי זאָל נאָכדערציילן איר חלום. אלטע נוים, וואָס קוקן אויף די שטערן, כדי וואָרצוזאָגן, האָבן געלאָזט ווּיסן, אז אין מזרח באוויזט זיך יעדע נאכט א שטערנדל, וואָס פירט א שטרייט מיט אלע אנדערע מזלות, שלינגט זיי איין און ווערט אלץ גרעסער, ביז דאָס באקומט א געשטאַלט ווי פון א לבנה. עס האָט געזאָלט זיין א צייכן, דאָס די קלענסטע און פאַרשעמטסטע אומה וועט זיך שטאַרקן איבער די פעלקער און הערשן איבער זיי. עס זענען אויך געווען גלחים, וואָס האָבן עדות געזאָגט, דאָס זיי האָבן געזען אין הימל די מלחמה פון גוג ומגוג און דעם נצחון פון ישראל.

זאכן נישט צום באגרייפן זענען פאַרלאָפן אויף דער וועלט.

ארחי־פרחי, הייזער־גייער, וואָס וואָגלען פון שטאָט צו שטאָט און פון לאַנד צו לאַנד, האָבן דערציילט, אַז אין בעהמען איז געפאַלן אַ האָגל פון קיזלשטיינער און אָנגעמאַכט אַ חורבן. אין טערקיי איז בשעת אַ רעגן אַראָפּגעפאַלן אַ ריזיקע שלאַנג, וואָס האָט צוגע־דעקט עטלעכע שטעט און געטויט אַסך יידן־פּיינט. אין שעברעשין האָט אַ וואַסער־טרעגער געהערט אַ בת־קול און אין פּילעוו האָט אַ פיש געשריגן שמע־ישראל, ווען מען האָט אים אָפּגעשאָבן לכבוד שבת. מ'האָט אויך גערעדט אַסך וועגן דעם, וואָס דאָ און דאָרט דערהערט מען פּלוצים ממש מיט די אויערן דאָס קול, וואָס קומט פון באַרג־חורב : שובו בנים שובבים. אַ זינדיקער רופא, וואָס האָט פאַר־נומען דאָס דאָזיקע קול דריי מאָל נאָכאַנאַנד, האָט זיך אָפּגעשיידט פון ווייב און קינדער, אָנגעגורט אַ זאַק אויף די לענדן און איז אַוועק אין גלות. אין יעדער שטאָט, וווּ ער קומט, ליגט ער זיך אויף דער שוועל פון בית־מדרש און יעדער איינער, וואָס קומט אַריין, אָדער גייט אַרויס, מוז אויף אים אָנטרעטן און אַ שפּיי טון אים אין פּנים. דערביי רעכנט ער אויס מיט געוויין און געיאָמער אַלע זיינע שלעכ־טע מעשים. מ'האָט אויך אַסך גערעדט דערפון, וואָס גראָד היינטיקע ציַיטן, ווען יידן ווערן געפּייניקט און געטרעטן, האָבן זיך אין אַלע לענדער גענומען מערן גרים. אַלץ אָפטער האָבן זיך געטראָפן גוים, וואָס האָבן שטילערהייט געלאָזט זיך מלה־זיין און אויף זיך גענומען דעם יאָך פון דער תורה, ווי וויל די שטראָף ביי מלכות איז געווען זייער אַ האַרבע. דאָס זענען אַלץ געווען געטרייע סימנים, דאָס צו דער לאַנגער פינצטערער נאַכט פון קנעכטשאַפט נעמט אַ סוף און דאָס די צייט פון אויסלייזונג איז נאָענט". (ז. 119).

דער לייענער דאַרף געדענקען, אַז די דאָזיקע סצענע איז אָנגעשריבן געוואָרן אין פּוילן אין די יאָרן צווישן דער ערשטער און צווייטער וועלט־מלחמה...

איבער די היסטאָרישע דענקמעלער האָבן גענוג באַשיינפּערלעך גע־בלאָזן די ווינטן פון דער קעגנוואַרטיקייט.

באַשעוויסעס פּראָזע האָט אין אָט דעם ווונדערלעכן ווערק דערגרייכט

אַ מדרגה פון אויסגעאיידלטקייט און רייפקייט. אין דעם דאָזיקן פּרט, ד. ה. וואָס שייך די דערגרייכונג פון יידישן סטיל אין דער מאַטעריע פון דער יידישער שפּראַך, קען זי כמעט געשטעלט ווערן נעבן דער בעסטער פּראָזע פון י. ל. פּרץ אין די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן". פּונקט ווי פּרצעס פּראָזע איז דורכגענומען מיט די ליכטיקייטן פון יידיש גלויבן, אַזוי איז באַשעוויסעס פּראָזע דורכגענומען מיט די טונקלקייטן פון יידישער מיסטיק און יידישער דיאַבאָליק. פּונקט ווי פּרצעס פּראָזע איז נאַאיוו און ליריש, אַזוי איז באַשעוויסעס פּראָזע סאַטיריש און מאַלעריש. כ'וואָלט גיכער געזאָגט: באַשעוויסעס פּראָזע איז סאַטיריש אין איר מאַלערישקייט.

צוויי עקזיסטענץ־ספערעס אין יידישע זעאונגען שילדערט באַשעוויס אין „שטן פון גאָריי". איין ספערע קומט פון די טונקלקייטן פון יידישן פאָלקס־געמיט. געשטאַלטן טויכן אין איר אויף, וואָס ברענגען מיט די אייביקע האָפענונגען פון יידן צו ווייטע און אומבאַקאַנטע דערלייזער. דאָרט באַוועגן זיך יידן, וואָס לעבן שטענדיק אין די הינער־פּלעט פון אַן אינערלעכן עולם־התוהו. אין דער אַנדערער ספערע זעען מיר יידן, וואָס האַלטן זיך האַרטנעקיק אין די אָפּגעגרעניצטע צוימען פון יידישער ראַציאָ. אויך זיי זענען אַסקעטישע פאַנאַטיקער, נאָר זייערע זעלישע תשוקות פאַרוואַנדלען זיי אין אַ טעאָלאָגישער פאַרנונפט. אויך די „ראַציאָנעלע" יידן זענען פול מיט טונקעלע האָפענונגען, נאָר זיי וואַרטן מיט זייערע האָפענונגען הינטער די מויערן פון דין און געזעץ. די לאָקונגען פון דעם איראַציאָנעלן געמיט זענען נישט בכוח זיי אַרויסצוקריגן פון דעם אָרט, וואָס איז אָנגעצייכנט געוואָרן פון דעם אָפיציעלן יידנטום. דער קאַמף צווישן יידישער ראַציאָ און יידישער מיסטיק, ד. ה. צווישן רבנים און מקובלים, איז איינער פון די הויפּט־דראַמאַטישע מאָמענטן אין דעם אויסטערלישן יידישן בין־השמשות אין די צייטן פון שבתי־צבי.

„נישט צו דערקענען איז גאָריי, די אַלטע יידישע שטאָט. אַמאָל איז אַלץ צוגעגאַנגען מיט אַ סדר. די בעל־מלאכות און זייערע נעזעלן האָבן געאַרבעט און די סוחרים האָבן געטריבן האַנדל. די שווערס האָבן געגעבן קעסט און די איידעמס האָבן געלערנט. די יינגלעך זענען נעגאַנגען אין חדר און צו די מוידן זענען געקומען

רביצינס. אויף אלע שטאָטישע זאכן האָבן אכט־געטון ר׳ אלעזר באבאד און די שבעה־טובי־העיר. האָט עמיץ אָפּגעטון א זינד, האָט מען אים גערופן צום בית־דין: האָט ער נישט געפאָלגט דעם פּסק, האָט מען אים געשלאָגן מלקות, אָדער צוגעבונדן צו דער קונע אין פּאָליש. דאָנערשטיק און פרייטיק פלעגן די נויטבאדערפטיקע גיין מיט טאָרבעס איבער די הייזער. שבת האָבן גבאיטעס צונויפגענו־מען חלה און פלייש, פיש און אויבסט. האָט געטראָפן ביי א גע־מיינעם מאן א בתולה איבער די פופצן יאָר, האָט קהל זיך צונויפגע־לייגט, געמאכט אן אויסשטייער, און זי אויסגעגעבן פאר א יתום, אָדער אן עלטערן ייד, אן אַלמן. בלויז פון דרשה־געשאנק האָט דאָס פּאָר־פאָלק געהאט עטלעכע יאָר אויסצוקומען. שפּעטער האָט דער מאן געטון א מלאכה, אָדער ער איז אוועק אויף דער מדינה און מ׳האָט אים ארויסגעגעבן א כתב. אודאי האָבן אויך געטראָפן אלערהאנט שטרויכלונגען. צומאָל פלעגט אויסברעכן א קריג צווישן מאן און ווייב און מ׳האָט געמוזט פאָרן גטן זיך קיין יאָנעוו, דער טייך אין גאָריי האָט געהאט צוויי נעמען און מ׳האָט נישט געוווּסט ווי אזוי צו שרייבן אין גט. ס׳פלעגט געשען, דאָס א מאנסביל איז אוועק און איבערגעלאָזט אן עגונה, אָדער דערטרונקען געוואָרן אין א מים שאין להם סוף, און זי האָט נישט געטאָרט חתונה האָבן. יעדן פּסח פלעגט ווערן א צאנקעריי אין גאָריי צוליב דעם יום־טוב־דיקן מעל, וואָס קהל פלעגט פארפּאכטן צו א תקיף, און יענער האָט געגעבן שלעכטע סחורה, געמישט מיט קלייען. ס׳רוב פלעגט מען אים פארשעלטן און ער האָט נישט אויסגעלעבט דאָס יאָר. פונדעסטוועגן איז איבעראיאָר א צווייטער להוט געווען נאָך דעם פארדינסט. שמחה־תורה האָט מען אין דער שניידערישער שול זיך געשלאָגן צו־ליב הקפות, און חברה קדישא האָט זיך אָנגעשכורט ביי דער סעודה און געבראָכן געפעס. א פּאָר מאָל אין יאָר פלעגט ווערן אן אונטער־גאנג און מענדל באגרעבער האָט אָפּגעשפּאָרט עטלעכע גילדן. אָבער דאָס איז רק דער שטייגער פון די לייט. מיט די דאָרף־גוים האָט מען געלעבט אין פרידן. אין שטעטל האָט בלויז געוווינט א שבת־גוי, א באָד־גוי און נאָך אייניקע, וואָס זענען געזעסן אין זייטיקע געס־

לעך, ארומגערינגלט מיט הויכע צוימען, זיך נישט צו ווארפן אין די אויגן... אויף אָדפּוסטן, ווען ס׳קומען זיך צונויף גרויסע המונים, האָבן ייִנגלעך געהאנדלט מיט פּעסער זים וואסער. אויף די יארידים זענען זיך צונויפגעפאָרן פּויערים פון אלע דערפער ארום. פערד האָבן געהירזשעט, קי האָבן געבלעקט, ציגן האָבן געמעקעט. פערד־הענדלער — יידן גבורים, זומער און ווינטער אין וואטענע שפּאַנ־צערם און שעפּסענע היטן — האָבן זיך געיאָגט נאָך צעבריקעטע אָגערס, געשריגן מיט גראָבע קולות ווי ערלים. קצבים מיט שפּיציקע מעסערס אויף די לענדן און מיט פארבלוטיקטע הענט, האָבן גע־שלעפּט פאר די הערנער איינגעשפּארטע אָקסן, וואָס האָבן מער נישט געטויגט צום אקער. ביי די תבואה־סוחרים זענען די שפּייכלערס שטענדיק פול געווען מיטן אויג און ס׳האָבן זיך דאָרט געפיטערט לאנגע מייז מיט פעטע ווייסלעכע בייכער. אין די שענקען האָט מען דעם אָקאָוויט געמישט מיט גאנצע עמערם וואסער. ווי לאנג דער יאריד האָט געדויערט, האָבן די כאמעס זיך פריילעך געמאכט אויף זייער שטייגער. זיי האָבן געטאנצט מיט גויעס, געזעצט מיט די פיס אין דיל, געפייפט און געזונגען מגושמדיקע לידער. שיקסעס האָבן געקווימשעט און זיך געוויגט אויף די היפטן, די שקצים האָבן זיך געשלאָגן מיט מעכטיקע פויסטן. מיט וואָס האָבן יידן אלץ נישט געהאנדלט! מיט געבלימטע ווייבערישע סיצן און קאָפּ־טיכלעך, מיט אייער־בייגל און געפלאָכטענע קוילעטשלעך, מיט קינדער־שיכ־לעך און טוכער־שטיוול, מיט בשמים און נים, מיט אקעראייזנס און נעגל, מיט געגילדעטע כלה־געשאנקען און נארטיקע קליידער, מיט גרעגערס פאר נאכט־וועכטער און מיט מאזשגארן אויף זיך צו פאר־שטעלן אין ניטל. וויפל מאָל האָט ר׳ ביינוש ארויסגעגעבן אן איסור נישט צו האנדלען מיט זאכן וואָס געהערן זיך אָן מיט תפלה און חגאות פונדעסטוועגן האָבן יידן שטילערהייט פארקויפט טריף־פסולן מיט געליישטע טעוועלעך און געגילדעטע זוימען, געלע וואק־סענע ליכט און אפילו הייליקע בילדער מיט רייפעלעך ארום די קעפּ. ערגעץ פאררוקט אין א זייט זענען געשטאנען די עטלעכע גאָרייער גוים, האָבן פארקויפט ברוינע וורשטן און וויים חזיר־פעטס, וואָס

זעט אויס ווי חלב. איז אמאָל פאַרביי א יונגערמאַן א מפונק — האָט ער זיך אָנגעכאַפּט ביי דער נאָז מחמת איבל און דערנאָך געטענהט:

— עשו ווייסט וואָס צו פרעסן... ס'שטינקט אויף א מייל...

פאַרנאַכט זענען די באַלעבאַטישע פויערים זיך צעפאָרן; די אָנגעזויפטע האָט מען ארויסגעוואָרפן אין דער בלאָטע און די דער־צערנטע באַבעס האָבן זיי אהיימגעשלעפּט ביי די אויערן. דער גרוי־סער קיילעכדיקער מאַרק איז געווען פול מיט פינצטערניש, מיסט און היימישע גוישע ריחות. אין יידישע שטובן האָט מען אָנגעצונדן אייל־לעמפּלעך, ליכט, שטיקער קין. ווייבער, אין ברייטע פאַרטעכער מיט טיפע קעשענעס, האָבן געשפּיגן אין די הענט קעגן א שלעכט אויג, מיט ברען געציילט קופּער־געלט אין טעפּ אריין".

די מאָטיוון פון מיסטיק און עראָטיק, וואָס האָבן געשפּילט אן אויסערגעוועגלעכע ראָל אינעם טונקל פון יענע צייטן, נוצט באַשעוויס אויס מיט פיל פאַרשטענדעניש. די עראָטיק איז דאָ פּונקט אזוי געשפּענצטער־האַפטיק און וויזיאָנעריש, ווי די געשפּענצטער און די וויזיעס אין דעם גע־מיט פון דער צייט. די עראָטיק איז די מיסטיק פון גופישער ליידנשאַפט, פּונקט ווי די מיסטיק איז די עראָטישע ליידנשאַפט פון גייסט. דאָ, אין „שטן פון גאָריי", שטייען זיי אין ענגער באַרירונג און טוישן זיך גאָר אָפט מיט אנאנדער אינעם ווילדן שפּיל פון די אויפגערייצטע געמיטער. דער יידישער יצר־הרע איז פּונקט אזא ייד א מקובל ווי דער יידישער יצר־טוב. זיי קענען ביידע נישט ארויס פון דער וועלט פון יידישע פאָלקס־פאַרשטע־לונגען אין וועלכע באַשעוויס האָט זיי איינגעשפּאַנט. אָט ווי באַשעוויס שטעלט פאָר די ביידע פאָלן פון יידישער ליידנשאַפט.

„די קדושה און די טומאה פירן צווישן זיך א שטרייט. די קדושה האָט בלויז א פּנים, אָן א גוף. דאָס פּנים איז דערהיצט, ווי נאָכן מרחץ, האָט א ברייטע ווייסע באָרד און לאַנגע צעפלויגענע פּאות. איבערן הויכן שטערן זיצט א סאַמעטענע יאַרמעלקע. דאָס פּנים שאָקלט זיך און דאַוונט; עס זינגט מיט א הויך קול זמירות און זאָגט תורה; עס דרשנט מיט ברען, ווי אמאָל ר' ביינוש, און לערנט

מיט א ניגון; עס פרעגט קשיות און ענטפערט תירוצים; עס דער־ציילט פרומע מעשיות צו שטארקן די אמונה און קריגט זיך מיט די אפיקורסים. דאָס פּנים עסט און בענטשט, מאכט קידוש און הבדלה, זאָגט גאנצע שטיקער פּיוט און זהר, און אלץ יום־טובדיק און האָ־פערדיק. צומאָל, ווען רעבעלע שליסט צו די וויעס, זעט זי דאָס פּנים נאָענט ארויסטויכן פון דער פינצטערניש. אין ביידע זייטן אויגן־ווינקלען ציטערן דינע זקנישע קנייטשעלעך. די רויטע באקן־קישע־לעך זענען דורכגעצויגן מיט בלויע אָדערלעך, די שווארצאפּלען זענען צעשמייכלט מיט גענאָד, ווי ביי א זיידן...

די טומאה איז ערגעץ ווייט און טיף, ארומגערינגלט מיט טונקלקייט, ווי זי וואָלט געזעסן אין א קעלער. זי רעדט זייער שטיל, אָן א שטים. זי איז פאַרדעקט און פארשלייערט, ארומגעוועבט און ארומגעשפינט. זי טוישט אָפט איר געשטאלט. טיילמאָל זעט זי אויס ווי א מענטש, טיילמאָל — ווי א פלעדערמויז אָדער גאָר א שפּין. עס טרעפט, דאָס רעבעלע זעט ארויס בלויז איר מויל, וואָס איז קרום צעעפנט און שווארץ, ווי ביי א פראָש. די טומאה זאָגט עזותקייטן און מאכט ליצנות. זי שפּרעכט אפּויר פון דעם גרוב, דער הייל, דעם לאָך, וווּ זי ליגט פארבאָרגן. זי איז מחרף ומגדף, זאָגט ארויס שמות הקדושים און איז זיי מבזה. גראָבע רייד שיטן זיך פון איר און דברי־ניאוף: זי מאכט אלערליי וויצן און שפּאסן, דאָס רעבעלען ווילט זיך לאכן, כאָטש זי ווייסט, אז דאָס איז א גרויסע זינד".

א קבליסטיש־עראָטישע סצענע צווישן גדליהן און דעם שוחט און רעבעלען:

„עס איז שוין שפּעט אין דער נאכט, ווען ר' גדליהו באזוכט רעבעלען אין איר חדר. די אשה ליגט שוין אין איר הימל־בעט און שלאָפט. זינט זי איז געוואָרן א נביאהטע און געפינט זיך אין ר' גדליהס הויז, האָט זי כמעט אויפגעהערט צו עסן און טוט אינגאנצן נישט איר באדערפעניש. איר לייב איז געוואָרן דורכזיכטיק און ווייס ווי פּערלמוטער, און זי שפּירט באשיינפּערלעך, ווי ס'גייט

דערפון א שמעקעדיקער ריח, ווי פון בלעטער. יעדע נאכט קומען איר צו חלום אנדערע מלאכים, ווי אויך ר׳ שמעון בן יוחאי און אליהו און מען לערנט מיט איר ביז פארטאָג. אָפט וואכט זי אויף אינדערפרי און זאָגט אויסנווייניק גאנצע שטיקער פון זהר און תיקונים. אָן אנדער מאָל רעדט זי צו גדליהן אף תרגום־לשון. ווען זי קוקט אריין אין ספר, מישן זיך די בלעטער אליין איבער. טיילמאָל שטרעקט זי אויס די האנט עפּעס אָנצונעמען, און די כלי, אָדער דאָס חפץ, פליט איר גלייך אריין צווישן די פינגער, ווי זי וואָלט דאָס צוגעצויגן. אין דער פינצטער לייכט איר גוף ווי אַן אבן־טוב, און פון איר הויט שפּריצן פונקען. איצט ליגט זי אין א זיידענער קאָפּקע אָנגעשפּארט אויף דריי קישנס. איין אויג איז האלב־געעפנט, די נאָז איז בלאס און מען הערט נישט איר אָטעם. ר׳ גדליה קומט אריין איינגאַנצן אַ נאקעטער, געדיכט באוואָקסן מיט האָר, ווי מיט אַ פעל, בלויז מיט דער יארמלקע אויפן קאָפּ און מיט א וואקסן ליכט אין דער לינקער האנט ער הויבט אָפּ פון איר די ווייסע זיידענע שאַל, מיט וועלכער זי איז איבערגעדעקט, קושט אירע פיס און וועקט זי מיט אַ ציטעריק קול און מיט א ניגון:

— רעבעלע... ס׳איז חצות... הימלען שפּאלטן זיך...
אבא ואימה זענען זיך מזווג פּנים־אל־פּנים...
— רעבעלע, שטארק דיך... ס׳איז דער זמן פון יחוד...״

דער איינציקער חסרון — און אַגב א גרויסער חסרון — פון דעם דאָזיקן ווונדערלעכן בוך איז נעמלעך דאָס, וואָס אָט די אלע אויסטערלישע און טיפע שטייגער־בילדער פון יידישער גופישער און פּסיכישער געמעל האָט באשעוויס פאָרט ניט באוויזן אזוי צו קאָנסטרואירן, אז דורך זיי זאָל זיך, — איינהייטלעך, — אדורכציען דער דראמאטישער היסטאָרישער אקט פון יידישער האָפענונג און יידישער אנטוישונג. דער גרויסער שיקזאַל פון יידן איז דאָ צעריסן געוואָרן אין פארשידענע דעקאָראטיווע איינצל־סצענעס. זיי זענען, — דיאלעקטיש, — נישט צוזאמענגעבונדן. דעריבער שטייגערן נישט די געשעענישן און זיי באוועגן זיך אין איין און איינציקן

קרייז און קומען כּסדר פונדאָסניי, — מאָנאָטאָן, — צוריק צום אויסגאַנגס־פּונקט. די געשעעניש באַוועגן זיך נישט אויף אַ ליניע, נאָר דרייען זיך ווי אויף אַ ראָד, האַלב אין ליכט און האַלב אין פינצטערניש. זייער טעמפּע־ראַמענט געפינט נישט קיין אויסגאַנג. שיקזאַל — דאָס איז די שטייגערונג פון דעם ליידן און פון דער ליידנשאַפט. די שטייגערונג פון דעם געשעען. שיקזאַל — איז זוכן דעם אומבאַקאַנטן סוף וואָס איז צוגלייך דער אויסוועג פון אַלעם און דער וועג צו אַלצדינג. באַשעוויסן פעלט נאָך דאָס טיפערע געפיל פאַרן שיקזאַל. און אויב ער זעט אים, זעט ער אים ווי אַ דעקאָראַטיוון רעקוויזיט און נישט ווי קיין קאָסמישן הינטערגרונט. גראָד אין אַזאַ ווערק ווי „דער שטן פון גאָריי" וואָלט זיך אַ קאָסמישער הינטערגרונט אויסער־געוועגלעך צוגעפּאַסט. דער „שטן פון גאָריי" איז דעריבער אַ יידישער נאָטישער־פּאַלאַץ, וואונדערשיין אין זיין געבוי, נאָר אָן טירן און אָן אויס־גאַנג. עס נעמט זיך זיכער דערפון — כ'וויל איבערחזרן דאָס, וואָס כ'האָב געזאָגט אין אָנהויב — וואָס אין פּוילן איז יצחק באַשעוויס נאָך געווען יונג. ערשט מיט דעם רייפערן עלטער פונעם קינסטלער עפענען זיך פאַר אים די טירן צום שיקזאַל. ווען נישט די דאָזיקע חסרונות, וואָלט דער „שטן פון גאָריי" געווען אַ ווערק פון גרויסן פאַרנעם. באַשעוויס פאַר־מאָגט אַלע מעגלעכקייטן צו זיין אַ מייסטער. אין פּוילן האָבן אים נאָך געפעלט די עלעמענטן פון גרויסער וועלט־חכמה.

גרויסע קונסט איז די סינטעזע פון מייסטערשאַפט און חכמה.

.21

אפרים קאגאנאָווסקי שטאמט פון די שריפטשטעלער, וואָס זענען אריינגעקומען אין דער יידישער ליטעראַטור פון פּרצעס שטוב, הגם אין זיין שריפטשטעלערישן כאראקטער שטייט קאגאנאָווסקי נישט פאר און נישט קעגן פּרצעס שולע. ער שטייט — גיכער — אונטער די איינפלוסן פון דער אייראָפּעאישער ליטעראטור. איבערהויפּט אונטער די איינפלוסן פון טשעכאָוו און מאָפּאסאַן. קאגאנאָווסקי האָט גליקלעך באוויזן אריינצופאסן די מאָטיוון פון יידישן לעבן אין פּוילן אין די ראמען פון אייראָפּעאישע איינפלוסן. דאָס זענען אויך א טייל פון קאגאנאָווסקיס באדייטנדיקע פארדינסטן. ביי אלע השפּעות איז קאגאנאָווסקי פארבליבן אייגנארטיק אין זיין טאָן, וואָס איז א געמיש פון טיפן און טרויעריקן ליריזם און קלוגן, — אגב, — איראָנישן פילאָזאָפישן הומאָר. קאגאנאָווסקי איז דער בעסטער יידישער שריפטשטעלער אין דער מיניאטור־נאָוועלע. איעדע פון זיינע קליינע נאָוועלן איז אן אָפּגעשלאָסענע קינסטלערישע אטמאָספערע און א וועלט פאר זיך. קאגאנאָווסקי שטייט אין א זייט פון אלע טראגישע פּראָבלעמען פון דער צייט. נישט געקוקט דערויף, וואָס די טעמעס פון זיינע נאָוועלן זענען שפּילעוודיקע און עראָטישע, קלינגט אין זיי אָפּ א טיף־פעסימיסטישער טאָן. ער שפּילט זיך מיטן לעבן ווי א לייכטזיניקער און פארליבטער קהלת. עלעגאנט, באַהעמיש. און אין גרונט — ערנסט. ער מאכט תמיד א גוטע מינע צום בייזן שפּיל. דעם ביטערן בעכער פון לעבן טרינקט קאגאנאָווסקי מיט א זשעסט גלייך ווי ער וואָלט געטרונקען א לייכטן שוימיקן שאמפּאניער. אין קאגאנאָווסקיס עלעגאנץ שטעקט די געברעכלעכע עלטער פון די גאלאנטן אין דער ראָקאָקאָ־צייט. קאגאנאָווסקיס שרייבערישע מיטלען זענען קנאפּע, אָבער פון זיינע קנאפּסטע מיטלען

נעמט ער ארויס דעם מאקסימום און דערגרייכט אסך. דאָס איז א גרויסע מדרגה.

ביי קאַגאַנאָווסקין זוכן זיך די געשלעכטער אין ליכט און אין שאָטן. זיי זוכן זיך אין דעם בין־השמשות פון א גליק, וואָס האלט שוין ביים אונ־טערגיין. איבער קאגאנאָווסקיס נאָוועלן ליגט דער חן פון שטילע האָפע־נונגסלאָזע פארנאכטן, וואָס זענען נאָך באגילדעט מיט דעם לעצטן גאָלד פון א זון, וואָס האלט ביים פארזינקען. ווען מען לייענט קאגאנאָווסקיס נאָוועלן נישט איינציקווייז אין דער פּרעסע, נאָר געזאמלטע אין א בוך, מאכן זיי נאָך א שטארקערן און נאָך א טיפערן איינדרוק. זיי לאָזן איבער א טרויער. קאגאנאָווסקי פירט אונדז אריין אין א וועלט, וואָס ליגט ערגעץ אין אן עלעגאנט־פּאָעטישן שאָטן־שפּיל.

קאגאנאָווסקי האָט אויך אָנגעהויבן צו באשרייבן די פארשוינען פון דער פּוילישער און יידישער אונטערוועלט. דאָס בארימטע ווארשעווער סטאַווקי־געסל. אָבער זיין אמתער שריפטשטעלערישער מעטיע איז די לירישע גראציעזע נאָוועלע. זי שמעקט פראנצויזיש און זי געניסט זיך אין איר העלער פארביקייט ווי די מאָדערנע פראנצויזישע מאָלעריי.

הגם א סך פון קאגאנאָווסקיס נאָוועלן קומען אויך פאָר אין שטעטל, איז דאָס שטעטל נישט מער ווי א ראָמאנטישער פאָן פאר דעם איידל־פּע־סימיסטישן שאָטן־שפּיל פון די געשלעכטער.

די מענער און די פרויען דערנענטערן זיך אין ליבע און אין גלויבן, און האָבן זיך סוף כל סוף נישט וואָס צו געבן. אנטוישונג? עס זענען נישט די באדינגונגען, עס איז אויך נישט דאָס הארטע לעבן, וואָס אנ־טוישט קאגאנאָווסקיס העלדן. עס איז דער מענטש גופא, וואָס אנטוישט זיך פון זיך אליין ארויס. אין תוך פון זיינע תוכות איז דער מענטש נישט מער ווי עפּעס א שיינער מיראזש אויף א פּוסטער וועלט.

.22

שטארק באיינפלוסט פון דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור איז אַל־טער קאַציזנע. אַפּצושאַצן זיינע סימבאָלישע דראַמען ליגט נישט אין די ראַמען פון דער דאָזיקער אַרבעט. קאַציזנע האָט פאַרעפנטלעכט אַ באַנד גאָוועלן „אַראַבעסקן". קאַציזנע האָט אויך אָנגעשריבן אַ צוויי בענדיקן ראָמאַן „שטאַרקע און שוואַכע". דער ראָמאַן באַהאַנדלט די יידישע אינ־טעליגענץ אין וואַרשע, די פּאַרטיי־טוער, מאָלער און שריפטשטעלער. דאָס מאָדערנע יידישע לעבן און די קינסטלער־באָהעמיע. דאָס קומט פאָר בלויז אין דער גרויסער שטאָט. נישטאָ דאָס שטעטל. אַרום וואַרשע הענגט נאָך די וואַרשעווער אַלט־שטאָט, דאָס באַרימטע „מקום" (אויך י. י. זינגער האָט באַשריבן דעם דאָזיקן „מקום" אין דער נאָוועלע „אַלטשטאָט") ווי אַ רעקוויזיט פון דער פאַרגאַנגענהייט. מער נישט ווי אַ רעקוויזיט. „שטאַרקע און שוואַכע" שטייען מחוץ דעם באָדן פון דעם טראַדיציאָנעלן שטעטל. דאָ איז געמאָלט וואַרשע מיט אירע אייגנטימלעכע גאַסן. דאָס גרויס־שטאָ־טישע יידישע לעבן אָפּגעריסן פון אַלע אַלטע טראַדיציעס. די מאָדערנע נעזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען ווערן פון מחבר באַהאַנדלט אין דער פאָרם פון דיסקוסיעס און דיאַלאָגן. די געשעענישן אין „שטאַרקע און שוואַכע" קומען פאָר כמעט אַלע אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

די מעמואַרן־ליטעראַטור איז געווען היפּש פאַרטרעטן אין דער יידישער ליטעראַטור אין פּוילן. קודם־כל די מעמואַרן פון די יעניקע יידישע שריפטשטעלער, וואָס האָבן פאַרזענלעך אָנטיילגענומען אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. באַזונדערס זענען צו דערמאָנען דאָס בוך פון אברהם זאַק „אונטער די פליגל פון טויט", און ה. היישעריקס בוך „אין פייער". אלחנן צייטלינס זייער אינטערעסאַנטע זכרונות „אין אַ ליטעראַ־רישער שטוב" געהערן צו די דאָקומענטן פון דער אַנטשטייאונג פון דער

יידישער ליטעראַטור אין פּוילן. ביינוש מיכאַלעוויטש, איינער פון די ליכטיקסטע געשטאַלטן אין „בונד“ דערציילט (אין זיינע „זכרונות“) וועגן דעם העלדישן מאַרטירער־וועג פון א יידישן סאָציאַליסט. מ. גראָסמאַן פּאַרעפנטלעכט צוויי ביאָגראַפישע ראָמאַנען פון דעם לעבן פון קאַרל מאַרקס און ראָזא לוקסעמבורג. יעקב פּאַט גיט אַרויס א ביאָגראַפישן ראָמאַן („אויף די וועגן פון באַגינען“) געבויט אויף דאָקומענטן פון דער געשיכטע פון „בונד“. באַזונדער מוז אָפּגעגעהויבן ווערן דאָס מעמואַרן־בוך פון לייבעטשקע בערמאַן א. נ. „אין לויף פון יאָרן“ (זכרונות פון דער רעוואָלוציע אין 1905). לייבעטשקע בערמאַן איז אַן אַלטער בונדיסט און אַן אָנטיילנעמער אין די העראָאישע קאַמפּן פון „בונד“ אין 1905. דער ערשטער טייל פון בערמאַנס זכרונות איז געווידמעט זיינע קינדער־יאָרן. יאָרן אין דער גרעסטער אָרימקייט. הגם בערמאַן איז, אַזוי צו זאָגן, נישט קיין פאַך־ליטעראַט, זענען די סצענעס פון די דאָזיקע קינדער־יאָרן אָנגעשריבן מיט אַזא שריפטשטעלערישער בילדערישקייט, וואָס א סך פון די פאַך־ליטעראַטן וואָלטן אים געמעגט מקנא זיין.

פון דער יינגערער פּלעיאַדע שריפטשטעלער, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין פּוילן עטלעכע יאָר פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה מוז באַזונדער אויסגעצייכנט ווערן ש. בערלינסקי. הגם ער האָט נאָך נישט זיין אייגענעם טאָן. אויך זיינע מאָטיוון זענען נישט אָריגינעל. ער שרייבט אין דעם נוסח, וואָס איז געווען אָנגענומען אין דער יידישער ליטעראַטור אין פּוילן. ש. בערלינסקי איז א שריפטשטעלער מיט טאַלאַנט און מיט צוזאָגן. ער באַשרייבט די יידישע אָרימקייט. זיין שרייבערישער אופן („א לעבן גייט אויף“) דערמאָנט אין פּערלעס „יידן פון א גאַנץ יאָר“. דאָס זעלבע מיליע און דאָס זעלבע געמיט. י. בערגנער געהער צו די בעסטע פון די יונגע. ער האָט קולטור און א שאַרף אויג פאַר צייכענונג. ל. אָליצקי האָט אָנגעשריבן עטלעכע ראָמאַנען. די קריטיק וועגן אים איז געווען פונאַנדערגעטיילט אין פאַרשידענע מיינונגען. מ. צאַנין איז א יונגער נאָוועליסט מיט אייגנאַרטיקע מאָטיוון. מרדכי האַלטער האָט אָנגעשריבן א ראָמאַן „מיר גרייטן זיך“ פון דעם לעבן פון די חלוצים אין פּוילן. קאָרנבלום האָט א ראָמאַן „געלייטערטע“. איך וויל נאָך דערמאָנען מ. גרינען, א שריפטשטעלער מיט גאָר נייע מאָטיוון. פון אים איז נאָך דאָ א סך צו דערוואַרטן. עס דאַרף

פארצייכנט ווערן: דוד מיצמאכער, שייעוויטש, סמאָלאזש, יקיר וואר־שאווסקי, משה לעווין פון דער גרופּע „יונג ווילנע" און א. שלעווין. דער לעצטער שרייבט פון ארבעטער־לעבן און פון די קאמפן פון די ארבעטער אין דער פוילישער מלוכה. אויך פון לעבן פון די יידישע אקטיאָרן איז געשריבן געוואָרן, און איך וויל דאָ דערמאָנען ל. דרייקורס מיט זיין ראָמאן „קולּיסן".

יוסף טונקלס („דער טונקעלער") הומאָרעסקען געהערן צו דער אונטערהאלטונגס־ליטעראטור. אסך פון זיי זענען געשריבן מיט פיל שארם, טאקט און וויץ. יוסף טונקל האָט אויך די יידישע ליטעראטור אין פּוילן באגלייט מיט א ריי געלונגענע פּאראָדיעס. ער האָט סיי די יידישע ליטעראטור, סיי די יידישע שריפטשטעלער געוויזן אין קרומען שפּיגל פון א ליבן און גוטמוטיקן אָבשפּעטער. יוסף טונקל האָט א פיינע און דעליקאַטע שפּראך. ער האָט אַן אויג פאר די שוואכע זייטן פון דעם בעסטן בוך און פון דעם בעסטן שריפטשטעלער. דעם טונקעלס פּאראָדיעס האָבן דעם קענער און דעם געניסער פון דער יידישער ליטעראטור נישט איינמאָל פארשאפט פארגעניגן און אָפּרו.

ניו־יאָרק, 24 פעברואר 1942

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין אַרגענטינע
רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

ביז איצט זענען דערשינען

1) מאַרק טורקאָוו: מלכה אָוושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־י. וויערניק: טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט: חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל: באַרג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין: אין א ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן: די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת: היימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי: אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער: א הויז אויף נאַלעווקעס (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן: טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ
16) קינדער־מאַרטירלאָגיע (זאַמלונג פון דאָקומענטן)
17) חיים גראַדע: פּליטים (לידער)
18) ש. קאַטשערגינסקי: פּאַרטיזאַנער גייען!... (ווילנער געטאָ)
19) פרידע זרובבל: נע ונד (פאַרצייכנונגען פון א פּליטה)
20) מרדכי שטריגלער: מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי: אויפן ראַנד פון אָפּגרונט
22) ז. סעגאַלאָוויטש: געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים: וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס: א וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן: צווישן שרעק און האָפענונג
26) לעאָ פינקלשטיין: מגילת פּוילן
27) יאָנאַס טורקאָוו: אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן: „אומ־עגאַלע״ ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט: העגעך
30) ד״ר י. קערמיש: דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פּאָליאַקיעוויטש: א טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער: אין פאבריק פון טויט
33) אברהם נחתומי: אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער: מיין היים (פּאָעמע)
35) יוסף וואָלף: לייענענדיק פּרצן...
36) צפורה קאַצענעלסאָן - נאכומאָוו: יצחק קאצענעלסאָן
37) י. הירשהויט: פינצטערע נעכט אין פּאוויאַק
38) נחום סאָקאָלאָוו: פערזענלעכקייטן
39) רחל ה. קאָרן: היים און היימלאָזיקייט (לידער)
40) א. אלמי: מאָמענטן פון א לעבן
41) מנשה אונגער: פּשיסכע און קאָצק (חסידות)
42) מ. בורשטין: איבער די חורבות פון פלוינע
43) מ. קיפּניס: הונדערט פאָלקס-לידער
44) ז. סעגאלאָוויטש: מיינע זיבן יאָר אין תל-אביב
45) ד"ר חיים שאָשקעס: א וועלט וואָס איז פאַרביי...
46) שלמה וואגא: חורבן טשענסטאָכאָוו
47) אברהם זאַק: יאָרן אין וואַנדער (לידער)
48) ש. איזבאַן: פאמיליע קארפּ (ראָמאַן) ערשטער באנד
49) ש. איזבאַן: פאמיליע קארפּ (ראָמאַן) צווייטער באנד
50) ד"ר א. מוקדוני: מיינע באַגעגענישן (זכרונות)
51) ר. שושנה-קאַהאַן: אין פייער און פלאַמען (טאָג-בוך)
52) י. י. טרונק: די יידישע פּראָזע אין פּוילן

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

יאָנאַס טורקאָוו: אין קאמף פאַרן לעבן
שלום אש: פּעטערבורג; וואַרשע; מאָסקווע.
דוד פלינקער: אין שטורעם (ראָמאַן)
ד"ר פיליפּ פרידמאַן: אָשוויענטשים
בעלכאַטאָוו (זאַמל-בוך)

עס גרייט זיך צום דרוק:

פנחס ביזבערג: שבת-יום-טובדיקע יידן
רבקה קוויאַטקאָווסקי: פון לאַנגער אין לאַנגער
יוסף אקרוטני: אין קלעם
קאַדיע מאָלאָדאָווסקי: אַמאָל איז געווען...
עוזר וואַרשאַווסקי: שמוגלאַרס
אברהם לעוו: א ליד נאָך אייך
בער י. ראָזען: טלאָמאַצקע 13
ד"ר עמנואל רינגעלבלום: צו דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן
ד"ר יצחק שיפּער: קאַפּיטלען געשיכטע
הערשעלע: שבת אויפן טראַקט
יהושע פערלע: יידן פון א גאַנץ יאָר

פּרעסע־שטימען וועגן דער ביכער־סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

•

י. הירשהויט שרייבט וועגן דער דריי־יעריקער טעטיקייט פון דעם פאַרלאַג אין זיין אַרטיקל א. נ. „אַ דענקמאָל פאַרן פּוילישן יידנטום” („אונזער וועג”, פּאַריז, 2טער יוני 1949):

א.

דער פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע האָט געפּייערט די דריי־יעריקע עקזיסטענץ פון זיין ביכער־פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום”. דאָס איז אַ געשעעניש, וואָס האָט נישט בלויז אַ שייכות צום אַרגענטינער יידנטום און נישט אפילו צו די פּוילישע יידן, וואָס לעבן היינט צעשפּרייט אין אַלע עקן וועלט. דאָס איז אַ געשעעניש, וואָס ווערט באַגלייט דורך סימפּאַטיע־אויסדרוקן מצד דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. די ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום”, וועלכע האָט צו איר דריטן עקזיסטענץ־יאָר געציילט די 45־טע אַרויסגעגעבענע פּאָזיציע, איז נישט קיין אויפטו פון עפּעס אַ פאַרלאַג, וועלכער טרייבט ביזנעס מיט אַרויסגעבן אַ סך ביכער. די דאָזיקע ביכער־סעריע איז איינע פון אונדזערע נאַציאָנאַלע דערגרייכונגען, אַ מאָנומענט פאַר דעם פאַרשניטענעם יידישן לעבן אין פּוילן, אַ מצבה אויף די אומבאַקאַנטע קברים פון יידישע שטעט אין פּוילן.

צום דריטן יאָר־טאָג פון דער אַנטשטייאונג פונעם אַרגענטינער טורקאָוו־פאַרלאַג, איז דערשינען דאָס 45־טע בוך פון דער סעריע. פינף און פערציק אַרויסגעגעבענע יידישע ביכער במשך פון דריי יאָר באַדייט, אַ גרויסן דערפּאָלג פאַר דעם דאָזיקן פאַרלאַג. מיר ווילן טאַקע אונטערשטרייכן דעם דאָזיקן דערפּאָלג, ווייל צוזאַמען מיט די אָנפירער פונעם פאַרלאַג פייערט די גאַנצע יידישע קולטור־וועלט דאָס דאָזיקע געשעעניש. פינף און פערציק ביכער מיט אָן אויסגעשפּראָכן נאַציאָנאַלן אינהאַלט זענען דער אויסדרוק פון אונדזער וויטאַליטעט, זענען אונדזער שטאָלץ און גלייכצייטיק אַ באַווייז, קעגן אַלע פּעסימיסטן, וואָס רעדן וועגן אונטערגאַנג פון יידיש ביי אונדזערע מאַסן.

ב.

די גרינדער פון דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום” האָבן שטיל אָנגעהויבן זייער אַרבעט. מיט באַשיידענע געלט־מיטלען און אָן רעקלאַמע זענען זיי צוגעטרעטן צו דעם ווערק. נאָר אַ גרויסע אידיי האָט זיי באַלויכטן דעם וועג. זיי האָבן געוואָלט שאַפן אַ ווערק, וואָס זאָל פאַראייביקן די געשיכטע פון יידישקייט אין פּוילן אין אַלע אירע פאָרמען און אין אַלע צייטן. עס האָט געדאַרפט זיין אַ צאָלרייכע און אַלזייטיקע ביבליאָטעק פון ווערק וועגן פּוילישן יידנטום. די ביז איצט אַרויסגעגעבענע 45 בענדער שטעלן שוין מיט זיך פאָר אַ בכבודיקע זאַמלונג פון ווערק. אָבער צום שלימות־דיקן רעאַליזירן פון דער אידיי איז נאָך ווייט. דער פאַרצווייגטער לע־

בנס־שטייגער פון פּוילישן יידנטום
פון אַמאָל און די קאַשמאַר־פולע
חורבן־תקופה, בעת וועלכער דער
יידישער קיבוץ אין פוילן איז אונ־
טערגעגאַנגען, פאָדערן נאָך הונדער־
טער ווערק. לאָמיר האָפן, אַז די סע־
ריע „דאָס פּוילישע יידנטום” גע־
פינט זיך היינט אין סטאַדיום פון
איר פונאַנדערבלי און אַז נאָך די
ביז איצטיקע 45 ביכער וועלן קומען
נאָך ווייטערדיקע, ביז עס וועט פול־
שטענדיק מקוים ווערן די אידיי פון
די גרינדער פון דעם אַרגענטינער
פּויליש־יידישן פאַרלאַג.

דער חשובסטער טייל פון די
ווערק, וואָס זענען אַרויסגעגעבן
געוואָרן אין די ראַמען פון דער סע־
ריע „דאָס פּוילישע יידנטום”, גע־
הערט צו דער אַזוי גערופענער
חורבן־ליטעראַטור. די איבעריקע
ווערק פון דער סעריע זענען אָפּ־
שניטן פונעם אַמאָליקן יידישן לעבן
אין פוילן. אויב די חורבן־ליטעראַ־
טור גיט אונדז איבער דאָס בילד
פון דעם אומקום, ווערט אין דעם
איבריקן טייל פון די ווערק געשיל־
דערט דאָס, וואָס מיר האָבן פאַר־
לוירן צוליב דעם אומקום. אַזוי
אַרום פלעכטן זיך צונויף די צוויי
מינים פון די דערשינענע ווערק אין
אַ וווּנדערבאַרער גאַנצקייט, וואָס
איז מאָנומענטאַל אין איר פאַרנעם
און רייך אין איר אינהאַלט.

ג

עס איז נישט קיין לייכטע זאַך
אַרויסצוקומען היינט אין דער יידי־
שער גאַס מיט ביכער וועגן אונדזער
חורבן. דער יידישער עולם וויל ניט
לייענען די גרוילפולע חורבן־באַ־
שרייבונגען. „דער היינטיקער ייד
— שרייבט ה. לייוויק — וויל זיך
טעמפּערהייט דערווייטערן פון די
חורבן־איבערלעבונגען”. און בפרט
די יידן פון יענע לענדער, וואָס האָ־
בן געהאַט דאָס גליק נישט איבער־
צולעבן אַליין די שרעקלעכע קאַ־
טאַסטראָפע. אָבער מאַרק טורקאָוו
און זיינע חברים זענען אַרויסגע־
גאַנגען פון דער הנחה אַז וואָס מער
דער ייד וועט זיך פאַרשטאָפּן די
אויערן און נישט וועלן הערן וועגן
דעם אומקום, אַלץ מער דאַרף מען
אים דערלאַנגען דאָקומענטן פון קי־
דוש השם און פון דער יידישער
העראָאיק.

אַזוי אַרום האָבן מיר פון צווישן
די 45 אַרויסגעגעבענע ווערק כמעט
אַ העלפט ביכער, וואָס באַהאַנדלען
דירעקט דעם יידישן אומקום אין
פוילן. דריי ביכער וועגן חורבן וואַר־
שע (יאָנאַס טורקאָוו: „אַזוי איז עס
געווען”; דר. הלל זיידמאַן: „טאָגבוך
פון וואַרשעווער געטאָ”; ד״ר י. קער־
מיש: „דער אויפשטאַנד אין וואַר־
שעווער געטאָ”) זענען אַ יסודות־
דיקער צושטייער צו דער פאָרשונג
איבער דעם אומקום פון דער גרעס־
טער יידישער קהילה אין פוילן. ישׂ־
ראל טאַבאַקבלאַטס „חורבן לאָדזש”
איז נאָך כסדר (כמעט 3 יאָר זינט
דאָס בוך איז דערשינען) דאָס יסו־
דותדיקע ווערק וועגן דעם אונטער־
גאַנג פונעם אַמאָליקן יידישן לאָדזש.
דאָס געביט פון טויטן־לאַגערן און
תפיסות איז רעפּרעזענטירט דורך
פאָלגנדיקע מחברים און ווערק: וו.
גראָסמאַן ־ י. וויערניק: „טרעבלינ־
קע”; מרדכי שטריגלער: „מאַידאַ־
נעק” און „אין די פאַבריקן פון
טויט”; י. הירשהויט: „פינצטערע
נעכט אין פּאַוויאַק”. וועגן דעם
ערשטן פון די פיר דערמאָנטע בי־
כער איז כדאי איבערצוגעבן פאָל־
גנדיקן אינטערעסאַנטן פאַקט: דער
צווייטער טייל פונעם דאָזיקן בוך
איז אַן איבערזעצונג פון יעקב וויער־

ניקס בראָשור „אַ יאָר אין טרעבלינקע". די דאָזיקע בראָשור איז אין יאָר 1943 דערשינען אין וואַרשעווער אונטערגרונט, אַרויסגעגעבן דורכן אונטערערדישן יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט. אַן עקזעמפּלאַר פון דער בראָשור איז נאָך אין די מלחמה־צייטן דורך אומוועגן דערגאַנגען קיין לאָנדאָן און זי איז דאַן איבערגעדרוקט געוואָרן דורך פיל יידישע צייטונגען. אַזוי אַרום איז יעקב וויערניקס „אַ יאָר אין טרעבלינקע" געווען איינער פון די געציילטע דאָקומענטן וואָס האָבן אין די מלחמה־צייטן אויפגעטרייסלט די וועלט מיט דער פינצטערער בשורה וועגן דעם יידישן חורבן.

אויפן אָפּשניט פון דער יידישער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג געפינען מיר צווישן די אַרויסגעגעבענע ביכער ש. קאַטשערגינסקיס „פּאַרטיזאַנער גייען..." אַ ריי ביכער שפּיגלען אָפּ דעם מאַרטירער־וועג פון די יידישע קרבנות, געטריבענע איבער לענדער און וועלט־טיילן דורך דער נאַצישער חיה־רעה. אַנדערע שילדערן דעם גורל פונעם פאַרוואָגלטן פּליט, וואָס שטרעבט צו דערשלאָגן זיך צו אַ זיכערן ברעג. צו דעם מין ביכער געהערן, מאַרק טורקאָוו: „מלכה אָוורשיאַני דערציילט"; פרידע זרבבל: „נע ונד"; ז. סעגאַלאָוויטש: „געברענטע טריט"; טאַניאַ פוקס: „וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן"; שמחה פּאָליאַקעוויטש: „אַ טאָג אין טרעבלינקע" און אַנדערע.

ד.

צו באַשרייבן די געשיכטע פונעם פּוילישן יידנטום אין זיינע אַלע צייטן, איז איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן, וואָס דער פאַרלאַג האָט זיך געשטעלט. אין די ראַמען פון דער דאָזיקער אויפגאַבע האָט דער פאַרלאַג אַרויסגעגעבן אַ ריי היסטאָרישע ווערק איבער פאַרשידענע תקופות פון יידישן לעבן אין פּוילן און אַ ריי גרעסערע פּובליציסטישע אַרבעטן וועגן דער יידישער פּראָבלעמאַטיק אין פּוילן פון די עלטסטע צייטן ביז היינט. עס דאַרף דערמאָנט ווערן דאָס ווערק פון קדוש ד"ר מאיר באַלאַבאַן: „די יידן־שטאָט לובלין"; דאָס ווערק פון ד"ר יעקב שאַצקי: „אין שאָטן פון עבר"; זרובבלס „באַרג חורבן"; ד"ר ח. שאָשקעס: „פּוילן — 1946"; ז. סעגאַלאָוויטש: „טלאָמאַצקע 13"; יעקב לעשטשינסקי: „אויפן ראַנד פון אָפּגרונט"; נחום סאָקאָלאָוו: „פּערזענלעכקייטן"; א. אַלמי: „מאָמענטן פון אַ לעבן"; אברהם טייטלבוים: „וואַרשעווער הייף"; לעאָ פינקלשטיין: „מגילת פּוילן" און אַנדערע. צוויי ווערק רעפּרעזענטירן די פּילזייטיקע פּראָבלעמאַטיק פון פּוילישן חסידות. דאָס זענען: דער מאָנומענטאַלער ראָמאַן פון דוד פלינקער: „אַ הויז אויף גזשיבאָוו" און מנשה אונגערס „פּשיסכע און קאָצק". ווייטערדיקע צוויי ווערק באַהאַנדלען די פּראָבלעמאַטיק פון די פּוילישע יידן וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון אומקום און זוכן אַ וועג צו דער נייער היים. דאָס זענען די ווערק פון ישראל אפרת: „היימלאָזע יידן" און דאָס בוך רעפּאָרטאַזש וועגן דער העפּלה: „אומלעגאַלע יידן שפּאַלטן ימען" פון ש. איזבאַן.

אַ גרויסע אויפמערקזאַמקייט שענקט דער פאַרלאַג די ווערק פון שרייבער קדושים. מיר האָבן אין דער ביז איצטיקער זאַמלונג אַזעלכע ווערק, ווי אלחנן צייטלין: „אין אַ ליטעראַרישער שטוב"; יחיאל לערער: „מיין היים"; דאָס בוך פון קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו וועגן איר ברודער, דעם דיכטער־קדוש יצחק קאַצענעלסאָן. אונדז איז באַקאַנט, אַז די

ביכער זענען ווי אַן אָנהויב פון אַ ברייט פאַרמאָסטענער פאַרלעגערישער אַקציע פון די ווערק פון שרייבער־קדושים. דער גרינדער און לייטער פונעם פאַרלאַג, מאַרק טורקאָוו, האָט די אַמביציע אַרויסצוגעבן אַ גרויסע זאַמלונג ווערק פון שרייבער קדושים. נעמענדיק אין אַכט זיין שטאַרקן איניציאַטיוורגייסט, קענען מיר האָפן, אַז זיינע אַמביציעס וועלן דערפילט ווערן.

די נייע יידישע פּאָעזיע איז רעפּרעזענטירט דורך חיים גראַדע מיט דעם בוך: „פּליטים" און דורך רחל קאָרן מיט איר לידער־באַנד: „היים און היימלאָזיקייט". די ליטעראַטור־קריטיק דורך ה. ד. נאָמבערג: „י. ל. פּרץ" און יוסף וואָלף: „לייענענדיק פּרצן". אויך הומאָר איז פאַראַן אין דער זאַמלונג, נאָר דאָס איז נישט קיין פּשוט, זאָרגלאָז געלעכטער. עס איז אַ געלעכטער דורך טרערן. אַזוי הייסט טאַקע דאָס בוך פון מ. נודעלמאַן, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן פאַרלאַג.

ה.

די לייטונג פון דעם אַרגענטינער פאַרלאַג, וועלכער גיט אַרויס די סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום" באַשטייט פון צוויי מענטשן, פון מאַרק טורקאָוו אַלס רעדאַקטאָר און אַברהם מיטלבערג, אַלס פאַרלאַגס־לייטער. אויף די דאָזיקע צוויי מענטשן ליגט די גאַנצע לאַסט פון דער אַרבעט. זייער אַרבעט באַשטייט נישט פון זיצן אין קאַבינעטן און לייטן מיט אַ גרויסער אונטערנעמונג. אויך די שוואַרציז און אַפילו די סאַמע שוואַרצסטע אַרבעט פון פאַרשפּרייטן דאָס געדרוקטע בוך מוזן זיי אַליין אויספירן. און זיי פירן זי אויס; אַ באַווייז, אַז דער פאַרלאַג האַלט שוין בע"ה ביים 45־טן באַנד און אָנגעהויבן די אַרבעט האָט ער מיט באַשיידענע, ביז גאָר באַשיידענע, געלט־מיטלען.

אויך די פיינע, עסטעטישע אויספירונג פונעם בוך דאַרף פאַרשריבן ווערן אויפן חשבון פון דער לייטונג. וויניק פאַרלאַגן, און בפרט יידישע, קענען זיך רימען מיט אַזעלכע דערגרייכונגען אויפן דאָזיקן געביט, ווי דער אַרגענטינער טורקאָוו־פאַרלאַג. זאָל דאָס טאַקע אויסגעדריקט ווערן לשבח פון דער פאַרלאַגס־לייטונג און זאָל עס דינען ווי אַ דערמוטיקונג אין זייער ווייטערדיקער, שווערער און אַחריותפולער אַרבעט.

מיט די ערשטע 45 בענדער איז געמאַכט געוואָרן אַ וואָגיקער אָנהייב אויפן וועג פון רעאַליזירן די אידיי פון פאַראייביקן די געשיכטע פון פּוילישן יידנטום. די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט האָפט, אַז דער פאַרלאַג וועט פאָרזעצן זיין טעטיקייט ביז צו דער פולשטענדיקער רעאַליזירונג פון דער אידיי.

עס איז דער חוב פון יעדן ייד, ביי וועמען עס זענען נישט איבערגעריסן געוואָרן די הייליקע בענדער מיט אונדזער אַמאָליקן פאַרשניטענעם לעבן, צו שטיצן די טעטיקייט פון דעם דאָזיקן וויכטיקן פאַרלאַג. אין יעדער יידישער שטוב דאַרפן זיך געפינען די ביכער פון דער סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום", ביכער, וואָס זענען דענקמעלער פון אונדזער אַמאָל.

Este libro terminóse de imprimir el 25 de Agosto de 1949
en los Talleres Gráficos HEUMAN, Pasteur Nº 333,
T. E. 47 - 7752 — Buenos Aires